STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04011

DRAMEN UN EYNAKTERS

Morris Levitt

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דראמעס

איינאקטער און

פון ד״ר מאריס לעוויט

ארויסגעגעבן פון
זאטץ בוך קא.
ניו יארק

Copyright 1927
by
MORRIS LEVITT, D. D. S.
1919 So. Boulevard,
New York.

טרייענגל דרוקעריי, 112 פערסט עווענױ, ניו יארק, נ. י. 181

אמת מארץ תצמח
וצדק משמים נשקף.
(תהל. פ"ה י"ב)

א י נ ה א ל ט :

1. דאס רעוואלוציאנערע רוסלאנד.

דראמא אין פיר אקטען (פינף סצענעס).

2. נאטורס ווידערקלאנגען.

דראמא אין דריי אקטען (פינף סצענעס).

3. די פארמער

איינאקטער.

4. די מאלערין.

איינאקטער.

5. א לענדליידי אין פאנטאזיע.

(פארס).

דאס רעוואלוציאָנערע רוסלאנד

דראמא אין פיר אקטען (פינף סצענעס).

פ ע ר ז א נ ע ן :

יעקב לעווינזאָן, 50 יאָר אַלט, בוכהאַלטער אין אַ באַנק, מיט אַ שווגער באַזילבערטער אונטערגעשאָרענער באָרד.

נעמי, זיין פרוי, 46 יאָר אַלט.

דאַוויד, זייער זון, סטודענט פון מעדיצינישען פאַקולטעט.

מאַריאַ, זייער טאָכטער, 22 יאָר אַלט, לערערין אין אַ שולע.

דבורה, אַ פּלימעניצע פון די לעווינזאָנ'ס, 17 יאָר אַלט, אַ קורצע, אַ גראָבע.

באָרים ראַבינאָוויץ, 28 יאָר אַלט, אַ הויכער, אַ שלאַנקער.

אָלגאַ פּעטראָוונאַ, אַ קריסטין, לערערין אין אַ שולע, מאַריאַ'ס פריינדין, 23 יאָר אַלט, אַ הויכע און אַ פולע.

זאַמקע ליץ, 20 יאָר אַלט, הויך און דאַר, אַ פּאַפּיראָסן מאַכער.

שייקע בונדיסט, 19 יאָר אַלט, אַ קורציער, אַ גראָבער, אַ פּאַפּיראָסן מאַכער.

גראַף דערעדעלי, 29 יאָר אַלט, אַ הויכער, אַ צאַרטער, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר.

נאַדזיראַטעל.

פעדקאַ קריוואָנאָסענקאָ.

דזשורני פון געפענגניס, אַ געלער און קליין געוויקסיגער.

פּאָליציאַנטען.

סאָלדאַטען, 1, 2, 3, 4.

פּאָליטישע, אַרבייטער, סאָלדאַטען, מוזיקאַנטען, פאָלק.

אָ ר ט : אַ שטאָט אין קליין־רוסלאַנד.

צ י י ט : 1914 — 1917.

ערשטער אקט

אן עס־צימער ביי יעקב לעווינזאָן אין הויז. אין מיטען צימער שטייט אַ לאַנגער פירקאַנטיגער טיש; אַרום טיש און בײַ די ווענט שטייען אַ סך שטולען. רעכטס — אַ טיר, וועלכע פירט אין קיך און אין הינטערשטען אַריינגאַנג, אין ווינקעל אַ סאָפע. לינקס — אַ טיר, וועלכע פירט אין יעקב לעווינזאָנ׳ס צימער, אַ קאַכעלנע הרובע מיט א טירעל. אין הינטערגרונט — אַ טיר פון הויפט אַריינגאַנג, אַ בופעט, צוויי פענסטער. אין די ווינקלאַך קליינע רונדע טישלאַך, אויף איינעם שטייט אַ סאַמאָוואַר, אויף דעם צווייטען ליגט אַן אַלבאָם. אויף די ווענט בילדער: אַנדרייעוו, הערצל לאַנדשאַפטען. אין מיטען צימער איבער׳ן טיש הענגט אַ קעראָסין לאַמפּ. צייט: פרילינג, 1914.

(יעקב און נעמי לעזען צייטונגען. אויף דעם טיש איז אַנגעוואָרפען פיעל זשורנאַלען, ביכער און צייטונ־גען אין אידיש, העברעאיש און רוסיש. יעקב און נעמי זיצען רעכטס ביי איין ברעג טיש, דבורה ביי דעם אַנדערען ברעג טיש. דבורה שטודירט פלייסיג פון אַ גראַמאַטיק: אומענימעלני סטאָל, ראַדיטעלני סטאָלאַ...).

יעקב: נעמי, אַז מען לעזט די צייטונגען קען מען מיי־נען, אַז אַלעס איז רוהיג ביי אונז אין רוסלאַנד. בלויז קליינע ענדערונגען קומען פאָר אין מיניסטאַרען קאַבינעט, וואו ניט וואו אומבאַדייטענדע אומרוהען, און ווייטער איז אַלץ גוט און פיין. אָבער צווישען די שורות מערקט מען, אַז רוס־לאַנד שטייט יעצט ווי אויף אַ קאָכיקען וואולקאַן, און אָט אָט וועט זיך די ערד שפּאַלטען און אַ זודיקע לאַווע פול מיט פיי־

ער װעט די לאַנד אַרומכאַפּן. נעם צום ביישפּיל, ביי אונז אין שטאָט: ס׳איז נאָך ניטאָ קיין חודש זינט מען האָט דערשאָסן דעם זשאַנדאַרמסקען פּאָלקאָװניק און אָט האָט מען שוין געכטען באַפאַלען צװיי גאָרדאָװאָיעס, װען זיי האָבען געפירט אַ „פּאָליטישען״. מען האָט די זשאַנדאַרן צו׳ממית׳ט, אָפּגענומען דעם פּאָליטישען און זיך צולאָפען... די סאָציאַליסטען האָבען זיך װידער שטאַרק גענומען צו דער אַרבייט.

נ ע מ י: יעקב, און דאָס װייסטו, אַז ביי מאַקאַראָװ׳ן אויפ׳ן פאַבריק װילען די אַרביטער אַרויסגיין אויף אַ סטרייק? (דבורה הערט זיך צו צום געשפּרעך).

י ע ק ב: פון װאַנען װייסטו דאָס?

נ ע מ י: דאָװיד און מאַריאַ האָבען מיר דאָס דערציילט.

י ע ק ב: יאָ, די אַרבייטער פון מאַקאַראָװ׳ס פאַבריק װעלען זיין גערעכט. זיי האָבען יאָרען לאַנג געקעמפט, אויסגעקעמפט בעסערע שכירות, קלענערע שטונדען און איצט נעמט מען ביי זיי ביסלעכװייז אַלע געװינסען אָפּ. דאָס װעט זיין אַ גערעכטער קאַמף.

נ ע מ י: איך האָב זייער מורא פאַר אונזערע קינדער: זיי מישען זיך שוין צו פיעל אין די אַלע קרוּש־קעס... דו װייסט, די פּאָליציי באַװאַכט שוין װידער אונזער הויז. דבורה דערציילט, אַז פאַרדעכטיגע מענשען דרייען זיך אַרום ביי אונז אין גאַס.

ד ב ו ר ה: (האַסטיג) אמת, פעטער, זינט גאַספּאַדין דאָװיד איז געקומען אויף קאַניקול, דרייט זיך אַרום אויף

אונזער גאס א גראבער מאן מיט א רויט בערדעל. איך בין צו אים א מאל צוגעגאנגען און א פרעג געטאן: וועמען זוכט איר? — האט ער מיר גארניט געענטפערט און איז אריבער אויף דעם אנדער, פארטואר.

נעמי: (צו דבורה׳ן) נים פארטואר, נאר טראטואר.

(דבורה ווערט רויט, שפארט אריין די קאפ אין ביכל, שטודירט ווידער...).

יעקב: זינט מען האט דערשאסען דעם זשאנדארמסקען פאלקאווניק, האט מען אנגעפילט די גאנצע שטאט מיט שפיאנען... איך האב די קינדער געזאגט, אז זיי זאלען זיין פארזיכטיג, אבער צו פיל מישען זיך אין זייערע עסקים וויל איך נים, — זיי זיינען שוין דערוואקסענע מענשען...

נעמי: (טרויעריג) נאך נים גענוג, וואס אונזער סאלאמאן שמאכטעט אין די וויסטענישען פון סיביר באלד צוויי יאר? ער וואלט דאך שוין איצט געווען געענדיגט דאקטאר!...

דבורה: (גיט זיך האסטיג א כאפ פון טיש און שרייט אויס) אוי וויי איז מיר! איך האב אייך פארגעסען צו אפגעבען א בריוו! דער פאטשטאליאן האט דאס געבראכט נאך מיט עטליכע שטונדען צוריק. מיר דוכט, אז דאס איז פון גאספאדין סאלאמאן.

(דבורה לויפט געשווינד אין קיך; קומט באלד צוריק מיט א בריוו אין האנט, גיט דאס יעקב׳ן און זעצט זיך ווידער אויף איר פלאץ. יעקב באטראכט דעם בריוו).

י ע ק ב: אודאי, דאס איז פון סאלאמאנען — איך דערקען דאך גלייך זיין האנדשריפט.

(יעקב נעמט ארויס א מעסעריל פון זשילעט־קעשענע און וויל אויפעפענען דעם בריוו).

נ ע מ י: (צו יעקב'ן) וואס נעמט עס דיר אזוי לאנג? לעז שוין גיכער. (צו דבורה'ן ברוגז'דיג) דבורה, אזעלכע זאכען דארף מען נים פארגעסען! — מיר האבען שוין זעקס וואכען פון סאלאמאנען קיין איינגעטונקטע פען ניט געהאט.

(עס הערט זיך א קלונג פון הויפט אריינגאנג. דבורה לויפט געשווינד, עפענט די טיר. עס קומט אריין מאריא מיט דאוויד'ן. מאריא געקליידעט זומערדיג און מיט געשמאק. דאוויד אין א ווייסער סטודענטען פארמע. דבורה פארנעמט איר פלאץ).

ד א וו י ד: גוטען אווענט, עלטערן!

מ א ר י א: גוטען אווענט, פאטער און מוטער!

י ע ק ב: גוטען אווענט, מיינע טייערע קינדער!

נ ע מ י: זייט שטיל, קינדער, — עס איז דא א בריוו פון סאלאמאנען!... (צו יעקב'ן אומגעדולדיג) לעז שוין און מאך נים אזוי פיל הכנות!

י ע ק ב: (לעזט, אלע הערען זיך צו ערנסט און מיט נייגעריגקייט) — „ליעבע עלטערן, די איינזאמקייט איז דא זייער גרויס. עס זיינען דא אויפ'ן דארף געווען זיבען אונזערע, איצט זיינען בלויז פארבליבען פיער. ביכער קענען מיר קוים קריגען, ווייל מען לאזט אונז מער נים אפ אין שטאט. (נעמי וויינט אין דער שטיל) איין פארגעניגען האבען מיר — דאס איז דער „אילוזיאן". ווען מיר זעהן די

באוועגליכע בילדער, פארגעסען מיר, אז מיר געפינען זיך אין די פארוואָרפענע איינזאַמע סיבירער סטעפּעס און אין אונזערע געדאַנקען טראָגען מיר זיך אַריבער צו דער ציווילייזירטער איראָפּא... און ווידער ווערט די נשמה באַלויכטען פון שטראַלען פול מיט האָפנונג... אָבער, ליידער, קענען מיר דאָס פארגעניגען האָבען נאָר איין מאָל אין צווייוואָכען... דעם אורטק וואָס איך האָב געהאט, האָב איך, צוליב געוויסע אורזאַכען, פארלאָרען. מיין געזונט איז אין געוויינליכען צושטאַנד. אייערע בריוו און די צוואַנציג רובעל האָב איך דערהאַלטען. איר זאָלט זיך ניט באַאומרוהיגען אויב איר קריגט ניט אָפט בריוו פון מיר: ס'איז ערלויבט אונז צו שרייבען נאָר איין מאָל אין מאָנאַט. גריסט מאַריאַ'ן, דאַוויד'ן און מיינע פריינד. פארבלייבט געזונט, אייער סאָלאָמאָן".

(אַ געדריקטע שטימונג. אַ ווייל́ע בלייבען אַלע שטיל. דבורה נעמט אירע ביכלאך און גייט אין קיך. מאַריאַ טוט אויס איר שטרויענע זומער הוט).

נ ע מ י: (טרויעריג) אָרעם קינד מיינס! ער קומט דאָרט גענוג אָפּ!

י ע ק ב: ער שרייבט דען אַלץ? ער איז דאָך אַ האַנאָריסטער, און צי קען מען דען אַלץ שרייבען, אַז די בריוו ווערען פריהער איבערגעלעזען און צענזורירט פון די זשאַנדאַרען!

נעמי: (מיט פאָרוואורף) נו, זאָגט! האָט ער דאָס באַדאַרפט? געגאַנגען אין אוניווערסיטעט מיט לייטען גלייך. — דאַרף מען זיך בונטעווען, האָט מען אים פארשיקט אין סיביר אויף פאַסעליעניע... גאָט ווייסט צי ער וועט

א לעבעדיגער פון דאָרטען אַרויסקומען... (מיט פאַרוואורף צו די קינדער) נו, און איצט קריכט איר אויך אין פייער... יעדען טאָג סכאַדקעס, רעפעראַטען, דעבאַטען... זעט קינ־דער, איר װעט האָבען דעם זעלבען סוף, װאָס סאַלאַמאָן! איר װאָלט זיך בעסער מער איבערגעגעבען צום שטודירען, װאָלט איר געענדיגט דעם אוניװערסיטעט, באַקומען דיפּ־לאָמעס — און איר װאָלט געװען מענשען צו גאָט און צו לייט... (אַ װײלע זײנען אַלע שטיל).

מ א ר י א : מאַמאַשאַ, דו װאָלסט געװאָלט, אז מיר זאָלען אויסשטודירען, קריגען דיפּלאָמעס, עפענען רײכע קאַ־בינעטען, פאַרפירען זיך מיט דינסטען און נאָך אַזעלכע זאַכען... ניין, מוטער, איך קען אַזוי ניט לעבען...

ד א װ י ד : ריכטיג. איצט, מוטער, איז ניט די צייט צו טראַכטען פון אַ קאַריערע. איצט דאַרף מען שטו־דירען גרינדליך דעם סאָציאַליזם, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל!... ניין, מוטער, איצט איז ניט די צייט צו טראַכטען בלויז װעגען זיך, איצט דאַרפען מיר העלפען אָרגאַניזירען די אַרבייטער מאַסען; איצט דאַרפען מיר העלפען דעם פּראָלעטאַריאַט צורייסען די קייטען אין װעלכע ער איז געװען געשמידט הונדערטער יאָרען...

נ ע מ י : מיט אייך קען מען זיך דען אויס׳טענה׳ן?! װאָס מען זאָל אייך ניט זאָגען, פאַלט איר באַלד אַריין מיט אייער פּראָלעטאַריאַט און פאָלק. אַלעס װאָלט איר אַװעק־געגעבען דעם פאָלק. נו, און פאַר זיך דאַרף מען גאָרנישט?!

י ע ק ב : קינדער, מיך אייגענטליך אַרט ניט װאָס איר נעמט אַנטייל אין דער באַװעגונג. װאָס מיך אַרט

איז דאָס, וואָס אייער אייגען אידיש פאָלק פאַרנאַכלעסיגט איר. ס'איז ווי דער פּאָעט זאָגט אין שיר השירים: שמוני נטורת הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי. — אלע וויינגערט־נער היט איר, אָבער אייער אייגענעם וויינגאָרטען פאַר־נאַכלעסיגט איר!..

מ א ר י א: אָבער, פאַרשטיי, פאָטער, אַז מיר קעמפען פאַר דער אַלגעמיינער מענשהייט פון וועלכע די אידען זיינען אויך א טייל!

י ע ק ב: פאַר וועלכער מענשהייט? איר קעמפט דאָך פאַר דער באַפרייאונג פון רוסלאַנד, וועלכע באַשטייט פון הונדערט און אַכציג מיליאָנען מענשען, פון וועלכע ניינציג פּראָצענט זיינען פּויערים. פאַר די זעלבע פּויערים, וועלכע פּלינדערען און פּאָגראָמירען אונזערע אָרימע אידען ביי יעדער געלעגענהייט... ניין, מיינע קינדער! איך האָב בלויז מיטגעפיהל, סימפּאַטיע מיט דעם ליידענדען רוסישען פאָלק, אָבער מיין ענערגיע גיב איך אַוועק נאָר פאַר מיין אייגענעם אידישען פאָלק!

(נעמי גייט אָפּ אין קיך).

מ א ר י א: פאָטער, אָבער פאַרוואָס ווילסטו ניט אַריינקוקען אין דער זאַך טיפער? די הויפּט שולדיגע זיינען די אוטאָקראַטישע זעלבסט געקרוינטע רעגירער, וועלכע האַלטען די אַלע פּויערים אין אומוויסענהייט און פינסטער־ניש און פאַרשפּרייטען שטענדיג בלבולים, אַז די אידען זייד נען פּאַראַזיטען, אַז די אידען זיינען פּוילער, אַז אידען האָ־בען זייער גאָט געקרייציגט, אַז אידען הרג'ענען אומשולדיגע קריסטליכע קינדער אויף פּסח. ניט דעם פּויער פריי־

הייט און בילדונג, עפענט אים אויף די אויגען — און זיין האס צום אידישען פאלק וועט פארשווינדען...

י ע ק ב : נו, און אין די פרייע לענדער זיינען מיר דען ניט פרעמדע? דער איינציגער אונטערשייד איז נאר דאס, וואס בא אונז אין רוסלאנד האט מען אונז פיינט און מען שלאגט אונז, און דארט אין די פרייע לענדער, האט מען אונז פיינט און מען דולדעט אונז. דער זעלבער אנטיסעמיטיזם, נאר אין אן אנדער שלייער.

ד א ו ו י ד : דענקט ניט, פאטער, אז איך האב פיינט דאס אידישע פאלק. איך בין אויך ווייט ניט קיין געגנער פון ציוניזם, אבער, ליידער, קאן איך מיט אייך ניט ארבייטען צוזאמען. אייער הויפט עלעמענט איז א בורזשואזער. די ציוניסטען זיינען טרוימער, ראמאנטיקער, בעלי-חלומות... און איך דארף האבען עמוואס קאנקרעטעס, אקטיוועס. מיט די רעוואלוציאנערען אבער, איז מיין נשמה אזוי פארבונדען, איך האב זיי אזוי ליעב, אז אן קיין שום דין וחשבון ארבייט איך מיט זיי. אין אלגעמיין האב איך פיינט זיך איינצושליסען אין א פארטיי. איך באלאנג ניט צו די ס. ר. און ניט צו די ס. ד. און ניט צו די ס. ס. איך בין א סאציאליסט, אדער, בעסער געזאגט, א מענש, וועל־כער קעמפט פאר זיין אייגענער באפרייאונג און פאר דער באפרייאונג פון זיינע מיטמענשען!...

מ א ר י א : אט, דאס וואס דו, דאוויד, באלאנגסט ניט צו קיין פארטיי, איז טאקע ניט גוט! מענשען מוזען האבען אן אויסגעארבייטען פראגראם; זיי מוזען וויסען וואס זיי פארלאנגען און פאר וואס זיי קעמפען. מען מוז

האבען א סיסטעם, און זאגאר א דיסציפלין, אנדערש קען מען גארניט אויפטאן...

ד א װ י ד: (צו מאריא׳ן) אבער לײדער קען איך מיך ניט פארשליסען אין די ראמען פון א פארטײ. עס איז מיר דארט צו ענג. איך װיל ליבערשט ארײנעמען אין זיך אלעס גוטעס פון אלע פארטײען. אי דער סאציאליזם, אי דער אנארכיזם, אי דער ציוניזם אנטהאלטען אין זיך א סך לאגישע געדאנקען און װארהײט. איך דענק, אז א רעװאלוציע, אדער די באפרײאונג פון א פאלק, קאן ניט זײן די ארבײט פון אײן פארטײ, נאר די ארבײט פון א גאנצע רײהע פארטײען. יעדע אײנע פון זײ האט פאר־שידענע, גוטע אױפגאבען; יעדע אײנע האט אירע גרויסע טוער; יעדע פארטײ טוט איר ארבײט אויף איר שטײגער, און זײ אלע צוזאמען דערנעענטערן אונז אלץ מער צו דער סאציאלער רעװאלוציע.

(עס קלינגט. מאריא גײט אין הינטערגרונט, עפענט די טיר. זי קומט צוריק ארײן מיט אלגא פעטראװנא. נעמי קומט ארײן פון קיך. יעקב לעזט די צײטונגען).

א ל ג א: גוטען אװענט, מײנע פרײנד!

א ל ע: גוטען אװענט, גוטען אװענט!

א ל ג א: (צו דאװיד׳ן ליעבליך) װאס זײט איר הײנט אלע אזוי אנגעבלאזען?

נ ע מ י: װאס פארשטײט איר ניט? מען האט שוין, ברוך השם, װידער דעבאטירעװעט... ער (װײזט אויף יעקב׳ן) איז דאך א ציוניסט; זי (װײזט אויף מאריא׳ן) איז דאך א סאציאל־דעמאקראטקע; ער (װײזט אויף דאװיד׳ן)

איז, דאכט מיר, אן אינטערנאציאנאליסט... נו, איז ווי מען קומט זיך צוזאמען, פאנגט מען זיך באלד אן צו קריגען. זייער באבעס ירושה קענען זיי זיך ניט צוטיילען!

א ל ג א : (צו נעמי'ן) דעבאטירען איז ניט אזא שלעכטע זאך; פארקערט, עס איז נוצליך — עס לופטערט דורך די געדאנקען און מאכט שטארקער צירקולירען אונזער בלוט... (צו מאריא'ן) קום נאר אהער, מאריא, איך וויל מיט דיר עפעס איבערעדען. (זיי גייען אפ אן א זייט, רעדען אין דער שטיל).

מ א ר י א : ליעבע מוטער, וועסטו מיר ערלויבען אויפנעמען אן אנגעזעהענעם גאסט דא היינט אוונט?

נ ע מ י : דענקסטו, מאריא, אז דיין מאמע איז אזא גרויסע לעמעשקע? איך זע דאך אז מען סוד'עט זיך, מסתמא פלאנעוועט מען שוין א נייע קאנספיראציע אדער דעמאנסטראציע...

י ע ק ב : ווער איז דאס דער אנגעזעהענער גאסט?

ד א װ י ד : ער איז א סטודענט פון יורידישען פאקולטעט. זייער א וויכטיגער פארטיי-טוער.

מ א ר י א : איך האב אים שוין געזען צוויי מאל. ער זעט אויס צו זיין אן אויסערגעוויינליך סימפאטישער מענש... (צו נעמי'ן) א יא, מוטער, דו וועסט דאך דאס מיר ערלויבען? (דאוויד מיט אלגא'ן רעדען צווישען זיך שטיל).

נ ע מ י : איך בין גארניט אזא שלעכטע, טאכטער מיינע, ווי דו דענקסט. איך וועל דאס דיר ערלויבען, אבער מיט איין באדינג, אז קיינע געשריבענע אדער געדרוקטע פראקלאמאציעס זאלען זיך אין הויז ניט געפינען.

כדי דאס זאל האבען דעם כאראקטער פון א פירוזשקע.
דו ווייסט דאך שוין ווי מען מאכט די קונצען...

מאריא: אלזא, גוט, מוטער! איך בין דאך ערשט מיט דריי וואכען צוריק געווארען צוויי־און־צוואנציג יאר אלט, וועלען מיר היינט פייערען מיין געבורטסטאג.

נעמי: אבער זע מאך דאס פארזיכטיג!

מאריא: זיי רוהיג, מוטער, מיר וועלען זיין פארזיכטיג! (צו דאווידען און אלגאן, מיט באגייסטערונג) גייט שוין און ברענגט דעם גאסט! לאדעט אויך איין שייקען דעם בונדיסט. ברענגט בלומען, און מיר וועלען פייערען מיין געבורטסטאג ווי געהעריג איז!

אלגא: זאלען מיר זאמקען אויך רופען?

מאריא: געווים, איך האב גאר פארגעסען, ער איז איינער פון אונזערע וויכטיגסטע. און דערצו ארבייט ער שוין אויף מאקאראוו׳ס פאבריק זייט די לעצטע פינף יאר. ער קען אלע ארבייטער ביים נאמען.

דאוויד: אבער ער איז, דאכט מיר, זייער א גרויסער פלאפלער.

אלגא: יא, ער איז ווירקליך א לץ. אבער דער־פאר איז ער אפפערוויליג און העכסט איבערגעגעבען דער באוועגונג. און אויסער דעם, וועט שייקע אן זאמקען ניט גיין.

מאריא: (אומגעדולדיג) נו, גייט שוין, גייט!

אלגא: דערווייל א גוטע נאכט!

אלע: גוטע נאכט!

(דאוויד מיט אלגאן גייען אוועקעדיג אפ).

נ ע מ י: (צו מאריא'ן) זע, טאכטער מיינע, שלעפּ נאָר ניט אַרויף אויף זיך און אויף אונזער הויז אַ נייע צרה!... דו מיינסט, אַז איך בין אַ שלעכטע מאמע? איך בין דאָך נאָר אויסען אייער טובה... די זעלבע געשיכטע איז געווען מיט סאַלאָמאָנען — איז אויך אַזוי אַרומגעלאָפען, ביז ער האָט זיך דערשפּילט...

מ א ר י א: דער טייפעל איז ניט אַזוי שרעקליך, ווי מען מאָלט אים!

(אַ ווײַלע שווייגען אַלע).

נ ע מ י: מאריא, האָסטו איצט עטוואָס וויכטיגעס צו טאָן?

מ א ר י א: ניין, איך בין פריי ביז די געסט וועלען קומען.

נ ע מ י: אפשר וואָלסטו זיך אַ ביסעל לערנען מיט דבורה'ן? האָסט קיינמאָל קיין צייט ניט פאַר איר: — דאָס מיידעל חלש'ט זיך לערנען.

מ א ר י א: יאָ, דבורה איז ווירקליך אַ פלייסיגע מיידעל. אָבער וואָס קען איך העלפען, אַז איך בין די לעצטע צייט אַזוי פאַרנומען, און דאָס ערגסטע איז, וואָס זי האָט ניט קיין פעהיגקייטען און איז גאָרניט אַנטוויקעלט.

י ע ק ב: (צו מאריא'ן) אַז דו וואָלסט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ דאָרף צווישן פּויערים, וואָלסטו, מסתמא, ניט געווען בעסער פאַר איר. אַלעס, טאָכטער מיינע, הענגט אָפּ פון אומשטענדען...

נ ע מ י : (הילכיג) דבורה, קום אהער!

(דבורה קומט אריין פון קיך).

נ ע מ י : ברענג אריין דיינע ביכלאך — מאריא וועט זיך מיט דיר לערנען.

(דבורה לויפט אריין אַ צופרידענע מיט אירע ביכלאך און זעצט זיך ביים טיש).

ד ב ו ר ה : באַרישניא, וואָס וועלען מיר היינט לערנען?

מ א ר י א : רופט מיך ניט באַרישניא, נאָר ווי אלע רופען מיך, איינפאַך מאַריא.

ד ב ו ר ה : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) יאָ, איך מיין מאַריא. (אין פארלעגענהייט).

מ א ר י א : היינט וועלען מיר לערנען גראַמאַטיק.

(דבורה זוכט אויף די גראַמאַטיקע).

מ א ר י א : צו ערשט וועלען מיר ווידערהאָלען דאָס פריהערדיגע.

ד ב ו ר ה : גוט. איך האָב ערשט היינט פּאַווטאָ־רעט מיין אוראָק.

מ א ר י א : נו, אויב אַזוי, סקלאָניאיעט מיר סלאָן.

ד ב ו ר ה : (לאַנגזאַם און מיט אַ ניגון) אימעניטעלני, סלאָן; ראָדיטעלני, סלאָנאַ; דאַטעלני, סלאָנו; וויניטעלני, סלאָן...

מ א ר י א : (שלאָגט איר איבער) סלאָן איז דאָך אַ לעבעדיגע זאַך, דאַרום איז וויניטעלני פּאַדעזש גלייך מיט ראָדיטעלני.

ד ב ו ר ה: גאָר פאַרגעסען.... װיניטעלני, סלאָנאָ; טװאָריטעלני, סלאָנאָם; פּרעדלאָזשני, אַ סלאָניע.

מ אַ ר י אַ: נו, איצט די מערצאַל.

ד ב ו ר ה: אימעניטעלני, סלאָני; ראָדיטעלני, סלאָנאָװ; דאַטעלני, סלאָנאם; װיניטעלני, סלאָני...

מ א ר י א: ניט גוט, ערשט געזאָגט און שוין פאַרגעסען!

ד ב ו ר ה: פאַרצייעט מיר, באַרישניא. װיניטעלני, סלאָנאָװ; טװאָריטעלני, סלאָנאַמי; פּרעדלאָזשני, אַ סלאָנאַך.

מ א ר י א: װאָס איז אַזוינס פּרעדלאָזשעניע?

ד ב ו ר ה: (דענקט אַ װײלע) איך געדענק ניט.

מ א ר י א: אַ געדאַנק, װעלכער װערט אויסגעדריקט אין װערטער. נו זאָגט דאָס איבער!

ד ב ו ר ה: אַ געדאַנק, װעלכער װערט אויסגעדריקט אין װערטער.

מ א ר י א: נאָך אַ מאָל.

ד ב ו ר ה: אַ געדאַנק, װעלכער װערט אויסגעדריקט אין װערטער.

מ א ר י אַ: װיפיעל טשוסטשװעס האָט אַ מענש?

ד ב ו ר ה: (טראַכט, ציילט אין דער שטיל אויף די פינגער, שרייט אויס) פינף!

מ אַ ר י א: װי רופט מען זיי?

ד ב ו ר ה: זרעניע, סלוך, אָסיאָ־אָסיאַ — אָסיאַזאַניע, װקוס, אבאניאַניע...

מ א ר י אַ: גוט, װאָס איז אַזוינס זרעניע?

ד ב ו ר ה: אַלעס װאָס מיר זעהען מיט די אויגען.

צום ביישפּיל, מיר זעהען, אַז דאָס איז אַ פּאָרטרעט, (ציינגט אויף אַ בילד) און אַז דאָס איז אַ ביכעל (ציינגט אויף אַ בוך), און אַז דאָס איז מיין פעטער יעקב לעווינזאָן...

יעקב: (איראָניש) זעהסטו, מאַריא, אבי דו זאָגסט, אַז זי ווייסט ווייניג.

נעמי: מיש זיי ניט.

מאַריא: וואָס איז אַזוינס וקוס?

דבורה: אַזוינס, וואָס מען פּראָבעוועט מיט'ן מויל. צום ביישפּיל, ווען מיר פּאַרזוכען אַן עפּעל, קענען מיר אונטערשיידען פון זויערס ביז זיס, אָדער ווען איך קאָך פיש, פּאַרזוך איך, צי עס האָט גענוג פעפער...

מאַריא: נו, און וואָס איז אַסיאַזאַניע?

דבורה: (טראַכט און ווידערהאָלט) אַסיאַזאַניע, אַסיאַזאַניע, דאַכט מיר, אַזעלכע זאַכען וואָס מען שמעקט...

(אַלע שמייכלען. דער גלאָק קלינגט. דבורה לויפט עפענען די טיר).

מאַריא: (צופרידען) דאָס קומען אונזערע געסט!

(עס קומען אַריין באָרים ראַבינאָוויץ און דבורה. אָלגאַ פּעטראָוונאַ קומט אָן מיט אַ בוקעט בלומען).

באָרים: (הערליך און לעבעדיג) גוטען אָוונט, גאָספּאָדאַ! (גייט צו צו מאַריאַ'ן, דריקט איר די האַנט פריינדליך) גוטען אָוונט, מאַריא יאַקאָוולעוונאַ!

מאַריא: גוטען אָוונט, טאָוואַרישטש באָרים!

אָלגאַ: גוטען אָוונט צום צווייטען מאָל!

אַלע: גוטען אָוונט, גוטען אָוונט!

מ אַ ר י אַ: (אין אײלעניש צו דבורה׳ן) איר, דבורה, זײט אַזױ גוט, און מאַכט דעם סאַמאָװאַר, אָבער שנעל!

(דבורה נעמט דעם סאַמאָװאַר און לױפט מיט אים אין קיך. מאַריאַ שטעלט פאָר באָריס׳ן פאַר איר פאָטער און מוטער, זײ גיבען זיך די הענט).

ב אָ ר י ס: עס פרעהט מיך אײער באַקאַנטשאַפט צו מאַכען!

י ע ק ב: זעהר אנגענעם.

נ ע מ י: זעהר אנגענעם.

אָ ל ג אַ: (צו מאַריאַ׳ן מיט אַ באַהאַלטענעם שמײכעל) אַט האָסטו אַ בוקעט בלומען צו דײן געבורטסטאַג!

מ אַ ר י אַ: (מיט אַ ליבליכען שמײכעל) איך דאַנק דיר, אָלגאַ!

(זי נעמט דעם בוקעט בלומען, שטעלט דאָס אַרײן אין אַ װאַזע, װעלכע זי געפינט אויף דעם בופעט, און שטעלט עס אויפ׳ן טיש).

מ אַ ר י אַ: נו, זעצט זיך, פרײנדע, און פילט װי באַ זיך אין דער הײם!

ב אָ ר י ס: (צו מאַריאַ׳ן און אָלגאַ׳ן) קאָן איך פאַרױ־כערען אַ סיגאַרעט?

מ אַ ר י אַ: מיט דעם גרעסטען פאַרגעניגען! — איך בין שױן צום רויך לאַנג צוגעװאױנט.

אָ ל ג אַ: מיך אַרט עס אױך ניט.

(נעמי גײט אין קיך. באָריס זעצט זיך און פאַרױ־כערט אַ פּאַפּיראָס. מען קלינגט. מאַריאַ לױפט עפענען די טיר; עס קומען אַרײן שײקע מיט זאַמקע׳ן).

ש ײ ק ע: גוטען אָװענט, טאָװאַרישטשי!

ז א מ ק ע: איך האָב גאָר היינט געדאַרפט זיין אויף אַ סכאָדקע, נו בין איך גאָר אריינגעפאַלען צו אימע־נינעם. (שמייכלט) אויב שוין יאָ אַזוי, טאָ לאָמיר, טאָוואַ־רישטשי, אַלע זיך אַ ביסעל פריילאַך מאַכען און פון די שפּיאָנען, די כלבים אויסלאַכען!

מ א ר י אַ: טאָוואַרישטשי, שייקע און זאַמקע! אַט דאָס איז אונזער עהרען־גאַסט, טאָרוואַרישטש באַרים!

שייקע: (ניט באַוועגליך גייט צו און גיט די האַנט באַרים'ן) זייער אנגענעם.

ז אַ מ ק ע: (גיט די האַנט באַרים'ן רירעוודיג) דאָס זייט איר, טאָוואַרישטש באַרים, פון צ. ק.? זייער לאַנג האָבען מיר אויף אייך געוואַרט, דערפאַר וועלען מיר אייך אַזוי שנעל ניט אַוועקלאָזען!

(שייקע מיט זאַמקען זעצען זיך איינע לעבען די אנדערע).

י ע ק ב: גאַספּאַדאַ, איר וועט מיר אנטשולדיגען: איך האָב נאָך עפּעס ארבייט צו טאָן. איך גלויב, אַז איך וועל נאָך אייך אַלעמען דאָ טרעפען שפּעטער אַ ביסעל.

(ער נעמט פון טיש עטליכע צייטונגען און זשורנאַלען און גייט צו זיך אין צימער. אַ וויילע שווייגען אַלע. שייקע ערנסט פאַרטראַכט).

זאַמקע:

שאַייע, מאַייע, עפּעלע,
וואָס לאָזטו אראָפּ דיין קעפּעלע?
שאַייע, מאַייע האָפּ,
הויב אויף דיין נאַרישען קאָפּ.

שייקע: (אין א פארלעגענהייט) דו פאנגסט שוין אן דיינע פוילע שטיק אין גראמען?

זאמקע: עך, נארינקע, אונזער ברודער ארבייטער פארברענגט דאך זיין לעבען אין תפיסה, און ווען מען זאל זיך ניט פריילאך מאכען דארף מען זיך אנטאן א מיתה.

(מאריא לויפט אין קיך, העלפט מאכען ארדנונג, גרייט צום טיש, בארים און אלגא בייטען זיך איבער מיט א ווארט).

שייקע: האב כאטש דרך ארץ פאר אונזער גאסט!

זאמקע: נו, טא גיב זשע מיר א פאפיראסקע און ווער א ביסעל פריילאכער, וועל איך פארשטאפען מיין פיסק.

שייקע: איך האב ניט.

בארים: אט האט איר מיינע! (גיט זאמקע'ן און שייקע'ן סיגארעטס. זיי פארויכערען אלע. עס קלינגט, מאריא לויפט עפענען די טיר. עס קומט אריין דאוויד, א מידער מיט א בוקעט בלומען און צוויי פלאשען וויין).

דאוויד: טאווארישטשי, איך האב איך גע־וואלט ברענגען מיינעם א פריינד, א טעכנאלאג, האב איך אים ניט געטראפען אין דער היים. (צו מאריא'ן) נו, אויב שוין אימעניגעס, טא האב כאטש בלומען! און אט האבען מיר אויך צוויי פלאשען וויין! (מאריא נעמט די בלומען, געפינט א וואזע, שטעלט זיי אויפ'ן טיש. דאוויד וויקעלט פאנאנדער די פלעשער. שטעלט זיי אויך אויפ'ן טיש).

אלגא: (צו דאוויד'ן) דיין פריינד טיראנאוו איז

היינט אפגעפארען אויף דער דאטשע. א שאד, ער וואלט היינט גוט צוניץ געקומען...

זאמקע: (לוסטיג) עס פעלט נאך א ביסעלע אמת'ע משקה.

דאוויד: א ביסעלע אמת'ע י"ש איז אויך דא. (לויפט אין קיך און קומט גיך צוריק מיט א קליינעם גראפינטשיק בראנפען) אט האט איר א גוט ביסעל בראנפען.

זאמקע: אויב אזוי, חברה, קען מען דאך טאקע זאגען:

אלה תולדות נח,
פון בראנפען קריגט מען כח
א גלעזעלע וויין איז דער עיקר,
פון בראנפען ווערט מען שכור...
שכור וועלען מיר זיין
טרינקען וועלען מיר וויין,
גוטע זאכען וועלען מיר עסען,
און אן אלעם שלעכטעס פארגעסען...

שייקע: (כאפט אים ביי דער פאלע און שלאגט אים איבער) נו, פאר היינט וועט שוין זיין גענוג.

(דבורה טראגט אריין א הייסען סאמאוואר און שטעלט דאס אויף דעם טיש. נעמי און מאריא ברענגען גלעזער וואזעניע, געבעקס און אויך פרוכטען).

מאריא: דבורה,ווארט נאר א ווייל, איך וויל דיך פארשטעלען פאר אונזער גאסט! (דבורה בלייבט שטיין פארשעמט און אין פארלעגענהייט. מאריא נעמט איר פאר'ן האנט און פירט זי צו באריס'ן) דאס איז הער באריס, און דאס איז

מײנע אַ שװעסטערקינד. (דבורה גיט די האַנט, מאַכט אַ רעװע־ראַנס נישט װי עס באַדאַרף צו זײַן, װערט רויט, זאָגט קײן װאָרט, לויפט אין קיך).

נ ע מ י: נו, גאָספּאַדאַ, זעצט זיך בײַם טיש! בײַסט עפּעס צו... (צו מאַריאַ'ן) זע, טאָכטער, האַלט װאָרט און האַלט אַלעם אין גוטער אָרדנונג. און איך מיט דבורה'ן װעלען זײַן אויף דער װאַך... (זי גײט צום פּאַראַדנעם כאָד. דבורה גײט אין קיך, דער עולם טרינקט טײ, בײַסט צו...).

ד אַ װ י ד: (גיסט אָן אַלעמען צו גלעזלאַך װײַן) נו, טאָװאַרישטשי, לאָמיר טרינקען פאַר דער שנעלער באַ־פרײַאונג פון רוסלאַנד!

אַ ל ע: פאַר אַ פרײַער רוסלאַנד! הורא! הורא!

(אַלע טרינקען צו ביסלאַך, די פרויען פאַרזוכען בלויז, זאַמקע טרינקט אויס דאָס גאַנצע גלעזעל).

ז אַ מ ק ע: (צו דאַװיד'ן) מיר גיט בעסער אַ ביסעלע אמת'ע משקה, פון דער קלײנער פלאַשקע! (דאַװיד גיסט אָן אַ גלעזעל שנאַפּס) טאָװאַרישטשי, נידער מיט די טיראַנען! דאָלאָי סאַמאָדערזשאַװיע!...

אַ ל ע: בראַװאָ! הורא! (זאַמקע טרינקט אויס אין גאַנצען, דאַװיד האַלט אים מיט; די איבעריגע טרינקען נישט).

ב אָ ר י ס: נו, טאָװאַרישטשי, איצט לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבײַט!

אַ ל ע: גוט, לאָמיר אָנפאַנגען!

מ אַ ר י אַ: טאָװאַרישטשי, עס װאָלט געװען ראַטזאַם אויסצוקלײַבען אַ פאָרזיצענדען פאַר הײַנט אָװענט.

אַ ל ע: גוט, מיר שטימען צו.

זאמקע: איך רעקאמענדיר טאווארישטש דאוויד פאר פארזיצענדען פאר היינט אווענט.

אלע: מיר שטימען צו.

דאוויד: (רוקט זיך צו נעהענטער צום טיש) נו, טאווארישטשי, איך ערקלער די היינטיגע זיצונג פאר אפן. טאווארישטשי, איך גלויב, אז איר ווייסט אלע צוליב וואס מיר האבען זיך דא אלע פארזאמעלט, און צוליב וואס טאווארישטש באריס איז געקומען פון צענטראל קאמיטעט... קורץ, עס ווערט געפלאנעוועט ארויסצורופן א זאבאסטאווקע ביי מאקאראוו'ן אין פאבריק. אויף ווי פיל מיר איז באקאנט, איז דער מאמענט איצט א גינסטיגער. לאמיר ווערן טעטיג און טאן יעדער איינער זיין פליכט. צום שלום וועל איך אייך בעטען, אז איר זאלט זיך אלע אויסשפרעכן קורץ און צום פונקט.

באריס: טאווארישטשי, איידער מיר טרעטן צו צו פראקטישע ארבייט, וויל איך אז איינער פון אייך זאל מיר געבן א קורצן איבערבליק פון דער באוועגונג בא אייך אין שטאט.

(עס קומט אריין נעמי).

נעמי: (ווענדעט זיך צו מאריא'ן) רעדט ניט אזוי הויך! — מען הערט אויף דער גאס יעדען ווארט.

מאריא: גוט, מוטער. (נעמי גייט ווידער אפ, מאריא מיט אן איינגעהאלטענער שטימע) טאווארישטש באריס, איך וועל דאס פראבירען טאן אין עטליכע ווערטער... אזוי ווי אין אנדערע שטעט, אזוי אויך ביי אונז, איז פאר די לעצטע עטליכע יאר, געווארן שטיל אין דער באוועגונג.

די בורזשאַזע אינטעליגענץ איז אין גאַנצען אָפּגעשטאַנען פון דער באַוועגונג, און האָבן זיך שטאַרק אַ נעם געטאָן צו זייערע קאַריערעס. די אַרבייטער מאַסן, האָבן אויך אָפּ־געלאָזט די הענט. עס האָט זיך איבעראַל געפילט אַ מין אַפּאַטיע. דערפאַר אָבער זיינען די פּאָליציי מיט די פאַב־ריקאַנטן געווען זייער טעטיק... צום ערשטן האָט די נאָטשאַלסטוואָ פאַרמאַכט די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, דאַן די אַרבייטער קאַסע, און נאָכדעם זיינען געקומען אַרעסטן... אָבער לעצטענס איז בײַ אונז אין שטאָט ווידער געוואָרן לעבעדיג. דער „בונד" האָט ווידער געעפנט אַ גע־היימע דרוקעריי, עס האָבן זיך ווידער געגרינדעט עטליכע געהיימע אַרבייטער גרופּן... און וועגן דער הינריכטונג פון אונזער גובערנאַטאָר, וועגן דעם, דאַכט מיר, ווייסט איר שוין. מען האָט דעם צורר דערשאָסן אין מיטן גאַס... דאָס האָבן זיך מיט אים די טעראָריסטן אָפּגערעכנט, פאַר זיין ברוטאַלער באַהאַנדלונג צו די פּאָליטישע אין אונזער גו־בערניע. צום שלום וויל איך זאָגן, אַז מען דאַרף די אַרביי־טער צוגעבן מער מוט, און מיר וועלן האָבן ערפאָלג אין אונזער אונטערנעמונג!

זאַמקע: ריכטיג!

שייקע: אמת, אמת!

באָריס: איך בין צופרידן מיט דער ערקלערונג.

(שייקע הויבט אויף זיין האַנט אַלס צייכן, אַז ער וויל נעמען דאָס וואָרט. דאַוויד ציינט מיט דעם פינגער אַלס באַדייטונג, אַז ער האָט דאָס וואָרט).

שייקע: געערטע פאַרזאַמלונג, איך וויל מאַכן

קלאר אונזער ווערטן גאסט איבער דעם צושטאנד בא אונז אין פאבריק. ווייסט, טאווארישטש, אז מיר ווערן אויף דעם נידריגסטן אופן עקספלואטירט!... די געווינ־סען, וואס די ארבייטער האבן אויסגעקעמפט אין 1905, האט מען שוין לאנג בא אונז אפגענומען . . . די אר־בייטס שטונדען ווערן פארגרעסערט, און די שכירות פארקלענערט. מען לאזט אונז זיך ניט ארגאניזירן... טאווארישטש מאריא, האט פארגעסען אייך צו דערציילען, אז אפילו אונזער ארבייטער ביבליאטעק האט מען פאר־מאכט...

זאמקע: (פאלט שייקע'ן אריין אין די רייד) און אמת! מען בעהאנדעלט אונז ווי בהמות, ווי חיות, ווי פערד. פאר יעדער קלייניגקייט שטראפירט מען. איין ארבייטער טאר מיט דעם צווייטען קיין ווארט ניט אויסריידען...

באריס: (שלאגט אים איבער) טאווארישטשי, דאס אלעס ווייסען מיר. קלעגליכע געהאלט, לאנגע שטונדען, שמוציגע ווארשטאטען, שלעכטע באהאנדלונג עקזיסטירט איצט אין מייסטע פאבריקען. אבער מיר ווילען היינט אוועקט אויפטאן פראקטישע ארבייט... איך וואלט נאר נאך איין זאך געוואלט פון אייך אויסגעפינען. צו איז שוין עפעס געטאן געווארען צווישען די ארבייטער אין פאב־ריק?

זאמקע: געוויס! — די ארבייטער פון מאקאראוו'ס פאבריק ווארטען נאר אויף א געלעגענהייט.

שייקע: זיי זיינען אלע פאר א זאבאסטאווקע! — מען דארף זיי נאר ארגאניזירען.

(נעמי באַווייזט זיך אין טיר פון הינטערגרונט, קוקט מיט פאַרוואורף אויף מאַריאַ'ן און דאַוויד'ן).

ד אַ װ י ד: טאָװאַרישטשי, רעדט שטילער! איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכען אַז איר זאָלט זיין פאָרזיכטיג, ווייל די גאַנצע שטאָט איז פול מיט שפּיאָנען.

ב אָ ר י ס: אַלזאָ, טאָװאַרישטשי, לאָמיר אָנפאַנגען צו אָרגאַניזירען די ארבייט! מיר וועלען דאַרפען עטאַבלירען אַן ארבייטער קאַסע, פאַרמירען ארבייטער קרוזשקעס, פּאַ־נאַנדערטיילען פּראָקלאַמאַציעס. מיר וועלען דאַרפען געלט אויף אָנצוגיין מיט'ן קאַמף און אויך אַ ביסעל געווער... אין די ארבייטער גרופּעס וועלען מיר אריינעמען נייע מיטגלידער זייער פאָרזיכטיג. נאָר די יעניגע קענען צו אונז באַ־לאַנגען, וועלכע זיינען באַקאַנט אלס ערליכע, באַוואוסט־זיניגע יונגען. געדענקט, טאָװאַרישטשי, די גאַנצע אַרבייט מוז געטאָן ווערען פאָלשטענדיג קאָנספּיראַטיוו...

ש י י ק ע: געוויס קאָנספּיראַטיוו!

ב אָ ר י ס: (זעצט פאָר) די גאַנצע ארבייט וועלען מיר צעטיילען צווישען צוויי גרופּעס. איין גרופּע וועט דאַרפען קריגען די נויטיגע געלט מיטלען אויף אָנצוגיין מיט דעם קאַמף און אויפצוהאַלטען די נויט־באַדערפטיגע פאַמיליעס אין צייט פון דעם סטרייק, העלפען אין דער אַגיטאַציע און פאַרשפּרייטען פּראָקלאַמאַציעס; די צווייטע גרופּע וועט ארבייטען אין פאַבריק גופא, זען צוציען וואָס מער מיט־גלידער צו אונזערע ארבייטער סאָיוזען, און אויך שאַפען שטימונג צווישען די ארבייטער.

מ אַ ר י אַ: טאָװאַרישטשי, איך האָב אַ ליסטע פון

פופצען באוואוסטזיניגע ארבייטער פון מאקאראוו'ם פאב־ריק. איך האב דעם ליסט צענויפגעשטעלט צוזאמען מיט שייקע'ן. איך מאך א פארשלאג, אז דערוויילע זאל צו דער פופצענער קאמיטע איבערגעגעבען ווערען די אינער־ליכע ארבייט פון פאבריק!

שייקע: די ליסטע האבען מיר צוזאמענגעשטעלט נאך מיט צוויי וואכען צוריק. איך קען אייך איצט צו־שטעלען א ספיסאק פון פערציג געטרייע חברים אויף וועל־כע מען קען זיך פארלאזען.

זאמקע: אן אמת! ניט נאר פערציג, נאר גאנצע הונדערט!

אלגא: איך וואלט געוואלט וויסען די נעמען פון די פערזאנען, וועלכע איר האט אויף דער ליסטע פון די פופצענער!

מאריא: איך האב ניט די ליסטע ביי זיך.

שייקע: איך קען זיי אייך אויסרעכענען אויף אויסוועניק. — לייבקע דער קרומער, זלמן־וועליע פון די נייע פלאנען, משה־לאזאר קאראפוזיק, מאשקע וויגדארציק, פעשע־מינע האמאנטאש, חנה־גיטעל זייציק, לאה־דאבע ציפארקין, באשע־חנה־זעלדע דער בייגעל בעקערינס, חנה־גנעסיע די קורנאסע פון ראי, גרישקא סוכארענקא, מאקסים קאוואליאוו, סערגיי מוזיטשענקא, פאוועל טריגוב דער קיעווער און איך און זאמקע.

אלגא: איך קען די מייסטע פון זיי, אייניגע זיינען מיינע געוועזענע שילער. איך דענק, אז זיי זיינען אלע פאראנטווארטלאכע פערזאנען.

ז אַ מ ק ע: זיי זיינען אַלע װאָילע יונגען! מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזען!

ד אַ װ י ד: איך װעל צו ערשט אָננעמען דעם פאָר־שלאַג פון מאַריא. זייט איר אַלע איינפאַרשטאַנען, אַז דערװייל זאָל די אינערליכע ארבייט פון פאַבריק איבער־געגעבען װערען צו דער פופצענער קאָמיסיע?

א ל ע: יאָ!

ש י י ק ע: טאָװאַרישטשי, איך װיל אַז איר זאָלט מיר פאַרשפּרעכען, אַז איך װעל ארביימען אין דער דרוי־קעריי באַ די פּראָקלאַמאַציעס, — איך קאָן גוט זעצען שריפט.

ז אַ מ ק ע: און איך װיל אַנטייל נעמען אין פאַנאַנ־דערטראָגען די פּראָקלאַמאַציעס, — דאָס איז שוין מיינע אַן אַלטע חזקה.

ד אַ װ י ד: די אַלע איינצעלהייטען װעלען מיר אויס־אַרבייטען אַן אַנדערס מאָל. איצט פאָלט די אויסערליכע אַרבייט, צו אָרגאַניזירען דעם סטרייק, אויף אייך. (װענדענ־דיג זיך צו באָריס'ן, אַלגאַ'ן און מאַריאַ'ן).

(נעמי קומט אין הוילעניש אַ פאַרזאָרגטע און גייט אין קיך, זי קומט שנעל אויף צוריק מיט דבורה'ן. עס הערט זיך װי זיי גייען אַרויס אין גאַס. אַלע בלייבען שטיל, נעמי און דבורה קומען אויף צוריק אריין אין אַ געדריקטער שטימונג).

נ ע מ י: אַ פאַרדעכטיגע פּערזאָן האָט זיך בּיסלאַכ־װייז צוגערוקט צו אונזער גאַניק.

ד ב ו ר ה: עס שיינט מיר צו זיין דער גראָבער מאַן

מיט דער רויטער בערדל, וועלכער דרייט זיך שטענדיג ארום אויף אונזער גאַס.

אָלגא: (צו מאַריאָ'ן) דאָס מוז זיין זיכער אַ סיס־טשיק.

מאַריאַ: יאָ, איך גלויב אויך, אַז עס איז ניט אנדערש ווי אַ סיסטשיק, וועלכער היט שטענדיק אונזער הויז.

(יעקב דערהערנדיג דעם טומעל, קומט אריין און הערט זיך צו).

באָריס: (ווענדענדיג זיך צו מאַריאַ'ן און דאַוויד'ן) אייער קוואַרטיר זעט מיר אוים צו זיין ניט קיין זיכערע... אָבער דאָס איז אַ קלייניגקייט. פאַר וויטערע פאַרהאַנד־לונגען וועלען מיר אייער הויז אויסמיידען. דערוויל זייט אַלע רוהיג. לאָמיר אויפגעבען אונזער באַראַטונג און זיך נעמען ווידער צו דער פייערונג פון דעם געבורטסטאָג פון אונזער אלעמען באַליבטער מאַריאַ יאַקאָוולעוונאַ!

אָלגאַ: איך שטים איין מיט אייך.

מאַריאַ: יאָ, גוט!

דאַוויד: פּאַפּאַשאַ און מאַמאַשאַ, זעצט זיך צום טיש! — מיר וועלען אַלע טרינקען פאַר מאַריאַ'ס און אונזער אַלעמענס געזונט.

(אַלע באַרוהיגען זיך אַביסעל, זעצען זיך אוים ביים טיש, דאַוויד גיסט אָן אַלעמען וויין).

דאַוויד: פאַר אונזער אַלעמענס געזונט!

אַלע: הוראַ!

(מען טרינקט, מען עסט).

זאַמקע: טאָווארישטשי, לאָמיר עטוואָס זינגען!

ד א ו ו י ד: יאָ, יאָ, לאָמיר זינגען! לאָמיר זינגען כאָראָם!

(זאָמקע פאַנגט אָן, אַלע העלפען האַרמאָניש).

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

צווייטע סצענע.

צווײ מאָנאַטען שפּעטער. אַ וואַלד הינטער'ן שטאָט. אַ שײנע זומער־נאַכט. די לבנה שײנט, עס הערט זיך אַ געזאַנג פון נאַכט־פײגלען...
שײקע מיט זאַמקע'ן שלעפּען אַ גראָבע קלעצל, שטעלן עס אויף.

זאַמקע: נו, אַט האָבן מיר שוין אַ פּלאַטפאָרמע אויך.

שײקע: די גראָז איז איצט נאַס פון טוי, — לאָמיר אַנשלעפּן נאָך אַ ביסל קלעצלאַך, וועלן זײ זיך קענען זעצן און ניט נאַס ווערן!

זאַמקע: גוט, זאָל זיין אַזוי!

(ביידע גייען אָפּ. עס הערט זיך אַ צווויטשערײ פון נאַכט־פײגלען. שײקע שלעפּט אַ קלעצל און נאָך אים קומט זאַמקע מיט אַ קלעצל).

שײקע: באַשע־חנה־זעלדע דער בײגעל בעקע־רינ'ס האָסטו אָנגעזאָגט וועגן דער סכאָדקע?

זאַמקע: אָנגעזאָגט.

שײקע: נו, און חנה־גנעסיע די קורנאָסע, זי ווײס?

זאַמקע: מאַקסים קאָוואַליאָוו האָט פאַרשפּראָכן מיט איר צו קומען.

שײקע: ווייסען זיי דעם פּאַראָל?

זאַמקע: יאָ, זיי ווייסען.

(זיי גייען ווידער אַוועק און שלעפּן קלעצלאַך. זאַמקע זינגט אין דער שטיל).

שייקע: ריים זיך ניט אויפ'ן חלאמקע! דו ווילסט מיר זאלען האבען א דורכפאל?

זאמקע: דו ביסט א גרויסער טרום!

שייקע: און דו ביסט א פוסטער פראזיאר!

זאמקע:

שייע מייע עפעלע,
וואס לאזטו אראפ דאס קעפעלע?
שייע מייע האפ,
הויב אויף דיין נארישען קאפ!

שייקע: עס עקעלט מיר שוין פון דיינע פוילע וויצען!...

זאמקע: (זינגט אויף להכעיס)

דו נארישער בחור,
דו נארישער כלאפ,
וואס האסטו אראפגעלאזען
דיין נארישען קאפ?...

(שייקע קוקט אים אן מיט כעס, גיט א מאך מיט דער האנט און גייט אוועק ווידער שלעפען די קלעצלאך; זאמקע גייט אים נאך. זיי קומען ווידער).

זאמקע: מיר האבען שוין צעשלעפט א גאנצענעם קלאפטער האלץ... עס וועט שוין זיין גענוג. (ער זעצט זיך אויף א קלעצל, באטראכט די שיינקייט פון דער נאטור. שייקע זעצט זיך אויך צו אויף דער זעלבער קלעצל ברוגז'לאך. א ווײלע שווייגען זיי. זאמקע קוקט זיך אום). נו, לאמיר זיך איבערבעטען, איי-בערבעטען! גיב זשע א פאפיראסיק! גיב זשע א פאפי-ראסיק! לאמיר זיך איבערבעטען, זיי זשע ניט קיין לאשיק...

שייקע: (זוכט אין קעשענע א סיגארעטל, געפינט איינס, צערייסט עס אויף צוויי שטיקלאך). נא, אט האסטו דיר! (זיי רוי־בערען. עס הערט זיך א גערויש צווישען די בוימער. זיי דערשרעקען זיך, קוקען זיך ארום. עס ווערט ווידער רוהיג).

שייקע: איך האב גאר מורא, אז די פאליציי ווייסט פון אונזער סכאדקע.

זאמקע: (ערנסט) אך, רעד ניט קיין נארישקייטען, ווארום דענקסטו אזוי?

שייקע: איך דערקען דאס אן זייערע טריפה'נע פענימער.

זאמקע: עס קאן ניט זיין, מיר זיינען דאך געווען אזוי פארזיכטיג מיט אריינגעמען נייע מיטגלידער, און דערצו ווייסען פון דער סכאדקע בלויז דער פופצענער קאמי־טעט.

שייקע: הלואי זאל איך זאגען א ליגען!

(עס קומען אן באריס מיט מאריא'ן, ביידע אין שווארצען געקליידעט).

באריס (אויפגעלייגט) זדראווסטוואויטע, טאווא־רישטשי!

שייקע און זאמקע: זדראווסטוואויטע, זדראווסט־וואויטע!

באריס: וואס איז אזוינס געשען? פאר וואס האט איר אראפגעלאזען די נעזער?

זאמקע: עט, גארניט! דאס איז אלעם איבער אים. (ווייזט אויף שייקע'ן) שטענדיג זעט ער דעם טייוועל פאר זיינע אויגען... דא ניט שטיי, דארט ניט גיי, מיט

דעם ניט רעד. די גאַנצע װעלט באַשטייט בא אים פון לױטער פּאָליציסטען, זשאַנדאַרמען און שפּיאָנען!

באָריס: עס שאַדעט ניט צו זיין פאָרזיכטיג.

שייקע: (צו זאַמקע'ן) דערציייל בעסער, װאָס עס האָט מיט אונז נעכטען געטראָפען.

באָריס: װאָס האָט אַזױנס פּאַסירט?

זאַמקע: װידער אַמאָל איבער זיינע שרעקע־נישען... איך האָב געדאַרפט אָפּטראָגען אַ פּעקעל פּראָ־קלאַמאַציעס צו זלמן־װעליען פון די נייע פּלאַנען; איך האָב די פּראָקלאַמאַציעס גאַנץ שױן אויסגעלייגט אין בוזים, און איך האָב מיר אָװעקגעמאַרשירט אויף קוזנעטשנער גאַס. שייקע גייט מיך נאָך, ער לאָזט מיך פון אויג ניט אָפּ, עפּעס װי איך װאָלט געװען אַ טייערער חפץ. אַזױ װי איך גיי מיר, קומט מיר אָן פון אַ זייטיגער גאַס דער גזלן קאָנאָװאַלאָװ. עס האָט מיר ניט געפּאַסט, אַז איך זאָל זיך אומקערען, דאָס װאָלט דאָך געװאָרפען אַ פאַר־דאַכט אויף מיר, האָב איך מיר מוטיק פאַרביימאַרשירט קאָנאָװאַלאָװ'ען. ער, קאָנאָװאַלאָװ, איז געבליבען שטיין און האָט מיך נאָכגעפאָלגט מיט זיינע גנבה'שע אויגלאָך. אין אַ מינוט אַרום, אַהאַ, שייקע איז דאָ, און פאָלגט מיר נאָך. קאָנאָװאַלאָװ'ען, װי עס װייזט אויס, איז די זאַך געװאָרען אַ קאַפּעלע קשה, האָט ער זיך געלאָזט גיין נאָך אונז... װען מיר האָבען דאָס באַמערקט, זיינען מיר אויף שנעל אַריין אין שוהל הויף און דאָרטען אַריבער אַ פאַרקאָן און מיר האָבען געמאַכט פליטה.

באָריס: יעצט, װען מיר האַלטען שוין אַזױ

ווייט אין דער ארבייט, דארפען מיר זיין נאָך מער פאַר־זיכטיג! — איין פאלשער שריט, און אונזער גאנצע ארבייט וועט זיין ארויסגעוואָרפען... נו, און פאר היינטיגער סכאָדקע איז אַלעס צוגעגרייט?

זאַמקע: יאָ, אַלעס... מיר דאַרפען בלויז נאָך צוויי טאָווארישטשעס אַנזאָגען וואו מיר פארזאמלען זיך... גיט אַ פאַפּיראָסקע, טאָוואַרישטש באַרים, און איך לויף שוין! (באַרים גיט זיי ביידען סיגאַרעטלאַך און זיי לויפען אַוועק).

באַרים: לאָמיר זיך דערווייל צוזעצען ביז זיי וועלען זיך צוזאמענקומען.

(זיי זעצען זיך איינער לעבען אַנדערען, אַ ווײַלע שווײַגען זיי).

מאַריאַ: אַך, ווי וואונדערבאַר שיין און גוט דאָ איז! אַלעס אָטעמט מיט לעבען.

באַרים: עס איז אַ וואונדערשיינע נאַכט...

(עס הערט זיך דאָס געזאַנג פון פייגלען).

באַרים: איר ווייסט, ליבע מאַריאַ יאַקאָוולעווגאַ, דאָס היינט האַלטען מיר אָפּ די לעצטע סכאָדקע?... מיר מוזען דעם קומענדען מאָנטאָג אַרויסרופען דעם סטרייק, אַז ניט, האָבען מיר פאַרלוירען!

מאַריאַ: (שטיל און פאַרטראַכט) טוט ווי איר פאַר־שטייט.

באַרים: און דערצו וויל דער צענטראַל קאָמיטעט, אַז איך זאָל וואָס שנעלער קומען קיין פעטערבורג.

מאַריאַ: (נייגעריג) באַרים, ווי לאַנג קענט איר נאָך דאָ פאַרבלייבען?

באַרים: עס ווענדעט זיך אָן די אומשטענדען. העכ־סטענס צוויי וואָכען...

(מאַריא, טרויעריג און פאַרטראַכט, שאַרט מיט אַ שטיקעל צווייגעל איבער דער ערד).

ליבע מאַריא, וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרטראַכט? (מאַריא ענטפערט ניט) איך וויים גראַדע, וואָס איר ווילט מיר זאָגען...

מאַריא: (דרייסטער) באַרים, איך האָב מיר באַ־שלאָסען אויך צו פאָרען אין פעטערבורג. דאָ אין דער פראָווינץ איז דאָס לעבען געוואָרען צו ענג פאַר מיר... די אַטמאָספערע אַרום שטיקט מיך... (זי קוקט אים גלייך אין די אויגען) איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, אַז זינט איר זייט אַהער אַראָפּגעקומען, בין איך געוואָרען גאָר ווי אַ ניי געבאָרענער מענש; איך פיהל מיך ענערגיש, אַפּפער־וויליג... באַרים, איך וויל אַוועקגיין פון דאַנען!... איך וויל גיין אין דער גרויסער שטאָט, איך וויל קעמפען...

באַרים: (מיט פרייד) דאָראָגאַיאַ, מילאַיאַ מאַריאַ! איך בין איבערגליקליך מיט אייער באַשלוס, איך האָב דאָס אייך אַליין געוואָלט פאָרלייגען, אָבער איך האָב מיך ניט געקענט באַשליסען: איך האָב ניט געוואגט צו צעשטע־רען אייער רוהיגע, שטילע היים... (אַ ווײַלע שווייגען זיי) יאָ, מאַריא, זייט אונזער ערשטער באַגעגעניש האָב איך גלייך דערפילט, אַז מיר וועלען זיך שוין מער ניט צעשיי־דען. אָבער עס טוט מיר לייד פאַר אייך. איר זייט דאָך אַזאַ שוואַכע און צאַרטע; אַלעמאָל געוועזן אין אַ ליבער, רוהיגער הויז, אַרומגערינגעלט מיט ראָסקאָש און אַזויפיל

צערטליכקייט. און מיין לעבען איז פונקט דער היפוך! — קיין שטענדיגע קווארטיר, אימער וואנדערען, אימער אויס־באהאלטען זיך פון דער פאליציי... איך האב דא ניט לאנג געוואוינט אין א פינסטערען נאסען קעלער גאנצע דריי וואכען.

מאריא: (דרייסט) באריס, דערציילט עס מיר ניט! איך ווייס גאנץ גוט, וואס פאר א שווערער לעבען, פול מיט אפפער און געפאר עס שטייט מיר פאר, אבער איך שרעק מיך ניט אפ! (ענטשלאסען) באריס, איך בין בערייט אויף אלעס! איך האב יעצט צוויי אויפגאבעס: — איך וועל מיך אינגאנצען אפפערען דער באוועגונג און אין דער זעלבער צייט זען מאכען אייער מארטירער־לעבען מער אנ־גענעם.

באריס: (נעמט זי ארום צארט און ליבליך) איך בין איבערגליקליך, מיין ליבער טייערער פריינט, איך וועל אויף ווייטער נאך מיט מער ענערגיע קעמפען!

(עס הערט זיך א גערויש צווישען די ביימער. דאוויד מיט אלגא'ן קומען אן. דאוויד אין א שווארצער שטודענטען יוניפארם, אלגא אויך אין שווארצען).

דאוויד: אבי איך האב געדענקט, אז מיר זיינען געקומען צו פרי. (קוקט זיך ארום) אך, וואס פאר א שיינע, פרעכטיגע, העלע נאכט!

אלגא: הערט זיך נאר צו, פריינדע, ווי די פויגע־לאך גיבען עס אפ קאנצערט!

מאריא: עס איז שוין א צו שיינע נאכט פאר א סכאדקע.

(עס קומען אן זאמקע און שייקע).

דאווי ד: מען דארף וואס מער מענשען אויף דער וואך, ווייל אין שטאט ווייסען שוין אלע, אז מען גרייט זיך צו א סטרייק.

זאמקע: עס שטייען דריי טאווארישטשעס אויפ'ן וועג. איך קען אוועקשטעלען נאך איינעם אדער צוויי.

באריס: שטעל אוועק נאך צוויי, אבער געשווינד!

(שייקע מיט זאמקע'ן לויפען אוועק. עס קומען אן ארביי־טער מיט בלייכע פנים'ער, מאגערע, גיט אנטוויקעלטע קער־פערס; מענער און פרויען, אומגעפער פופצען, אלע ארעם געקליידעט. זיי זעצען זיך אוים אויף די קלעצלאך. זאמקע מיט שייקע'ן קומען צו לויפען).

זאמקע: אלעס פארטיג!

באריס: טאווארישטשי, מיר דארפען גלייך אנפאנ־גען... איך שלאג פאר טאווארישטש מאריא אלס פארזי־צענדען פאר היינט אווענט.

אלע: מיר שטימען צו.

מאריא: (פארנעמט דאס פלאץ לעבען דער פלאטפארמע) טאווארישטשי, איך איז שוין באוואוסט, אז בלויז מיט עטליכע מאנאטען צוריק האבען מיר געגרינדעט א ראבא־טשי סאיוז, און היינט צו טאג האבען מיר שוין פינף הונ־דערט גוטשטייענדע מיטגלידער, אלע פון מאקאראוו'ס פאב־ריק. אין אונזער אבשטשע קאסע געפינט זיך יעצט זעקס הונדערט רובעל. מיר האבען אויסגעארבייט אונזערע פאדע־רונגען: מיר ווילען דאפעלטע געהאלט, קורצערע שטונ־דען, בעסערע באדינגונגען א. אז. וו. טאווארישטשי

ראבאטשיע! איך וויל, אז איר זאלט אלעמאל האבען אין געדאנק, סיי מיר וועלען געווינען, און סיי מיר וועלען פאר־לירען דעם סטרייק, די וויכטיגקייט פון פראפאגאנדע. בא יע־דער געלעגענהייט קלערט אויף די ארבייטער מאסען, דער־ציילט זיי און מאכט זיי קלאר, ווער עס זיינען זייערע אונטערדריקער און ווער עס זיינען זייערע פריינט. דער־ציילט זיי, אז מיר סאציאליסטען, קעמפען פאר דער בא־פרייאונג פון דעם פראָטעלאריאט פאליטיש און עקאנאמיש.

שטימען: (אין דער שטיל) יא, מיר וועלען פרא־פאגאנדירען!

מאריא: טאווארישטשי, מיר דארפען אלעמאל אין זינען האבען די סאציאל־פאליטישע ענטוויקלונג פון די אר־בייטער, און דערפאר וועל איך בעטען אונזערע רעדנער, זיי זאלען ריידען ניט נאר וועגען דעם סטרייק אליין, נאר אויך וועגען אלגעמיינע סאציאל־פאליטישע פראבלעמען. אלס ערשטען רעדנער שטעל איך אייך פאר אונזער אלע־מען באליבטער טאווארישטש זאמקע!

זאמקע: (היציג און ערנסט) טאווארישטשי ראבא־טשיע, אונזער לאגע איז שלעכט און אומערטרעגליך! קוקט זיך צו, צו די דארע, אויסגעהונגערטע קערפערס, צו די מא־גערע בלייכע געזיכטער פון די ארבייטער אויף מאקא־ראוו'ס פאבריק. דאס אלעס קומט פון לאנגע שטונדען אר־ביים אן לופט, און אן זונשיין, און פון ניט דערעסען...

שטימען: אמת! אמת!

זאמקע: די דיספיצלין אויף אונזער פאבריק איז אומערטרעגלאך! מען פארפאלגט אונז פאר יעדער קליי־

ניגקייט, און אין אלע נידערטרעכטיגקייטען העלפט מיט די פאָליציי מיט די זשאַנדאַרמען. טאָווארישטשי! עס איז געקומען די צייט, ווען מיר ארבייטער, דארפען אליין טראַכ־טען וועגען אונזער לאַגע. אונזער ראַבאָטשי סאָיוז איז שטאַרק; ביי מאַקאַראָוו'ן איז איצט א סך ארבייט. דער מאָמענט איז גינסטיג, איך גלויב, אז מיר וועלען געווינען דעם סטרייק. געדענקט, טאָווארישטשי, דאָס די באַפריי־אונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט דארף זיין די ארבייט פון די פּראָלעטאַריער זעלבסט!

ש ט י מ ע ן: (ברומען) מיר וועלען קעמפען! עס לע־בע די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן!

ש י י ק ע: שטילער, טאָווארישטשי, מאַכט ניט אזוי פיל טומעל!

מ א ר י א: אלס צווייטען רעדנער שטעל איך פאָר טאָווארישטש דאַוויד.

ד א ו ו י ד: (שטעלט זיך אויף) טאָווארישטשי, די קראַפט פון די ארבייטער איז גרויס, נאָר די קראַפט וועט ווירק־ליך ווערען מעכטיג נאָר דאַן, ווען די ארבייטער וועלען אָנפאַנגען צו פארשטיין, אז נאָר זיי אליין און דורך זייער אייניגקייט קענען זיי דערגרייכען די פארבעסערונג פון זייער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער לאַגע.

ש ט י מ ע ן: אמת, גערעכט!

ד א ו ו י ד: טאָווארישטשי, מען דארף אויסקעמ־פען אזעלכע באַדינגונגען, וואָס זאָלען פארקירצען דעם ארבייטס־טאָג צו אַכט שטונדען אין א מעת לעת; די נאַכט ארבייט דארף אינגאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען; די

פארדינסטען זאלען געהעכערט ווערען אויף פופציג פראַ־
צענט; קינדער ביז זעכצען יאר זאלען ניט צוגעלאזען
ווערען צו דער ארבייט; פארזיכערונג פון אומגליקס פעלע
א. אז. וו. דאס זיינען אין קורצען אונזערע פאדערונגען...
טאווארישטשי ראבאטשיע! פון אייער אייניגקייט, פון
אייער זעלבסט באוואוסטזיין ווענדעט זיך דער רעזולטאט
פון אונזער קאמף.

שטימען: עס לעבע די ארבייטער סאלידאריטעט!

מאריא: יעצט וועל איך אייך פארשטעלען טאַ־
ווארישטש באַרים.

באַרים: טאווארישטשי, שטעלט זיך אייניג אונ־
טער דער פאן פון סאציאליזם און גלייכהייט!... ווייסט,
אז עס איז דאַ איין געזעץ, — אז דער, וואס
ארבייט און שאפט, יענער נאר האט דאס רעכט די פרוכטען
צו שניידען... די יעניגע, וואס לעבען פון אייער בלוט
און שווייס, יענע זיינען פאראזיטען... יעדער איינער,
וואס האט עטוואס פארשטאנד ווייס, אז די רעגירונג איז
דער דינער פון די רייכע: זי היט דאס אייגענטום פון די
קאפיטאליסטען, אבער די מאסען האלט די רעגירונג אב־
זיכטליך אין אומוויסענהייט און אָרימקייט. די ארבייטער
מוזען דאס פארשטיין, און אין זייער פארשטיין באשטייט
זייער קראפט. זיי דארפען פארשטיין, אז אין דער איצ־
טיגער געזעלשאפט האבען זיי קיינע פריינט און פאר־
טיידיגער; נאר מיט זייער אייגענער קראפט קענען זיי פאר־
בעסערען זייער לאגע... טאווארישטשי! אין גיכען ווע־
לען מיר אייך אַרויסרופען אין סטרייק דורך אַ רויטער

פראָקלאַמאַציע. זײט מוטיג און אײניג! גרײט צו אײערע קאַמאַראַדען! טאָװאַרישטשי, װאַרט אויף אונזער רויטער פראָקלאַמאַציע, קומט אַלע אַרױס װי אײן מענש, מוטיג צום קאַמף!...

שטימען: מיר װעלען קעמפען מוטיג! עס לעבע די אַרבײטער סאָלידאַריטעט!

באָריס: געדענקט זשע, אַז אַן אײך אַרבײטער, װענדעט זיך אַלעס!... אַן אײך װענדעט זיך דער שיקזאַל פון אונזער קאַמף געגען עקספּלואַטאַציאָן און...

שײקע: (װעלכער איז די גאַנצע צײט געװען אויף דער װאַך) שנעלער צעלויפט זיך, אַן איבערפאַל!...

(עס װערט אַ בהלה, מען לויפט פון אַלע זײטען, עס הערען זיך געשרײען, פײפעריי, שיסערײ. באָריס, זאַמקע און דאַװיד כאַפּען אַרױס רעװאָלװערען און שיסען צוריק. שײקע באַשיצט מיט אַ רעװאָלװער די פרויען. עס לויפען אַן פּאָליציי. זײ טרעפען קײנעם ניט).

פאָרהאַנג

צווייטער אקט

דאָס זעלבע עס צימער ביי יעקב לעווינזאָן אין הויז. אָנפאַנג ווינטער, אָוונט. די וועלט־מלחמה גייט שוין אָן. דאַוויד מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט, לעזט אַ בוך, דבורה, אין אַן אַנדער ווינקל לעזט אויך אַ בוך.

דבורה: (לייגט אַוועק דאָס בוך). גאָספּאָדין דאַוויד, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס האָט איר געטאָן אויפ׳ן פראָנט?

דאַוויד: איר ווייסט דען ניט וואָס מען טוט אין אַ שפּיטאָל? — איך האָב קורירט די קראַנקע סאָלדאַטען, באַנדאַזשירט די פאַרוואונדעטע, אָט אזוי ווי מען באַנדאַזשירט מיך איצט.

דבורה: גאָספּאָדין דאַוויד, אַ יאָ, מלחמה מוז זיין אַ שוידערליכע זאַך?

דאַוויד: געוויס, קיין שוידערלאַכערן גיהנום האָט דער טייפעל אפילו אויך ניט געקענט אויסטראַכטען!

דבורה: גאָספּאָדין דאַוויד, זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר זייט דאָך אַ געבילדעטער מענש, איך האָב שוין אזוי פיל געהערט פון דער מלחמה, און איך ווייס נאָך אלץ ניט פאַרוואָס מען שלאָגט זיך?

דאַוויד: איר זייט, דבורה, ניט די איינציקע, — מיליאָנען מענשען הויבען נישט אָן צו וויסען פאַר וואָס איז די וועלט מיט איין מאָל משוגע געוואָרען און איין ברודער שעכט דעם צווייטען... און נאָך אַלעמען, (איראָניש) צוליב

וואס דארפען מיר דאס וויסען, אבי זיי, די קייסארים, די זעלבסט געקרוינטע הערשער פון דער וועלט ווייסען, איז שוין גענוג.

ד ב ו ר ה: נו, און מיר פראסטע מענשען דארפען גארנים וויסען פארוואס און פאר ווען? און אוועקגעבען אונזערע לעבענס ווי בהמות?

ד א ו ו י ד (איראניש) אז מען וויל צו פיל וויסען, טייערינקע, און אז מען הויבט נאך אן דערצו פרעגען קשיות, דערפאר זעצט מען אריין אין קוטוזקע... איך האב גאר מורא, אז איר זייט געווארען א באוואוסטזיניגע פראלעטארקע. באלאנגט איר צו א קרוזשאק? אדער צו א געוויסע פארטיי?

ד ב ו ר ה: איך וועל אייך זאגען דעם אמת, גאס-פאדין דאוויד, איך קאן מיך אלץ נים פאנאנדערקלייבען אין דעם אונטערשייד פון די אלע קרוזשקעס. פון דעם פע-טער'ס און מומע'ס רייד פארשטיי איך, אז די אלע פארטייען ווילען פארלייכטערען דעם לעבען פון די ארימע ארבייטער... איר הערט, אט דא נים לאנג, זיינען גע-קומען צו מיר עטליכע פון דער חברה און מיט מיר אריינגע'טענה'ט וועגען סאציאליזם און מיך געבעטען קו-מען צו זייערע פארזאמלונגען. איינמאל זיינען זיי נעקומען און געסטראשעט מיך מיט א שפייער, אזוי רופען זיי א רעוואלווער, און מיר געהייסען, אז איך זאל ארויסגיין אין סטרייק פון די דינסט-מיידלאך. פרעג איך, — אנטקעגען וועמען האב איך צו סטרייקען? איך בין דאך בא מיר אין הויז. מיין פעטער און מומע באהאנדלען מיך אזוי ווי

איין איינען קינד. ענטפערען מיר די יונגעלייט, אז אן עקספלואטאטאר בלייבט אן עקספלואטאטאר אפילו ווען ער איז אן אייגענער פעטער.

דאוויד: נו, זייט איר געגאנגען צו די פארזאמלונגען, צו וועלכע מען האט אייך איינגעלאדען?

דבורה: איך בין עטליכע מאל געווען אויף געהיימע סאבראניעס. א מיידעל פון אונזער גאס האט מיך גענומען. עפעס רײדען זיי דארט שטענדיג פון איינעם קארל מארקס, וואס אזוינס וויל דער קארל מארקס הויב איך ניט אן צו פארשטיין... קענט איר מיר פיליכט, גאספאדין דאוויד, ערקלערען אין איינפאכע ווערטער, וואס איז די לעהרע פון קארל מארקס?

דאוויד: קארל מארקס זאגט, אז עס וועט קומען א צייט און דער מיטלקלאס וועט ווערען פראלעטאריזירט און דער גאנצער קאפיטאל וועט ווערען קאנצענטרירט. די געזעלשאפט וועט זיין דאן צעטיילט אין צוויי אומגלייכע, פיינדליכע לאגערען. פון איין זייט א הייפעלע קאפיטאליסטען, וועלכע וועלען קאנטראלירען די גאנצע רייכטימער; — פון דער אנדער זייט, די גרויסע מאסען, וועלכע וועלען זיין שקלאפען בא דעם קאפיטאל. די מערהייט וועט זיך באנוצען מיט איר עקאנאמישער מאכט און מיט דער מאכט פון איר צאל און זי וועט איבערבויען די געזעלשאפט אויף סאציאליסטישע יסודות. און דאן וועט דער זיג פון פראלעטאריאט זיין געזיכערט. האט איר פארשטאנען?

דבורה: יא, יעצט האב איך פארשטאנען. דאס

מיינט, אז עס וועט קומען א צייט ווען עס וועלען זיין זייער א סך אָרימע מענשען אויף דער וועלט און די גאַנ־צע געלט וועט זיין אין די הענט פון עטליכע קאַפּיטאַ־ליסטען. וועלען די אָרימע ארבייטער זאָגען: „דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע!" און מאַכען די רעוואָלוציע...

ד א ו ו י ד: יאַ, ריכטיג... נו, און ווי גייט עס אייך אין אייער שטודיאום?

ד ב ו ר ה: איך האָב פיל געלערנט אין אייער הויז. זינט מאַריא איז אוועקגעפאָרען האָב איך צוויי לערער — דעם פעטער און די מומע.

ד א ו ו י ד: ווי האַלט עס באַ אייך מיט דער רו־סישער גראַמאַטיק?

ד ב ו ר ה: אין דער רוסישער גראַמאַטיק בין איך דערקראָכען ביז גלאַגאָל. איך לערן אויך אָריפמעטיק. איך לעז שוין פון דער כרעסטאָמאַטיע. דאָס רוסיש שרייבען קומט מיר אָן גאַנץ שווער; די ערגסטע זאַך איז די סלאָוואַ נאַ יאַט, — איך קאָן זיי מיר גאָר אין קאָפּ ניט אַריינשלאָגען. דערפאַר אָבער אויספייע איך גוט אין אידיש. איך לעז גאַנץ לייכט אידישע ביכלאַך. דער פעטער ברענגט מיר אָפט פון ביבליאָטעק מעשה'לאַך. מער פון אַלע האָב איך ליב שלום עליכם'ס מעשיות, זיי זיינען זייער קאָמיש... אידיש איז אַ סך גרינגער פון רוסיש. קיין גראַמאַטיק איז ניטאָ און אַז מען מאַכט אַ גרייז איז אויך ניט גע־פערלאַך....

ד א ו ו י ד: (קוקט אויפ'ן זייגער) איך וואָלט שוין אַזוי געוואָלט אַז זיי זאָלען שוין קומען. איך האָב אָבער

מורא פאר זיי, — די פּאָליציי זוכט זיי... בלויז איין טאָג אָדער צוויי וועלען זיי דאָ פארבלייבען. זיי טאָרען פון הויז ניט אַרויס... דבורה, איר זאָלט זען, אַז קיינער פון אונזערע שכנים זאָלען זיך ניט דערוויסען, אַז זיי זיינען דאָ.

ד ב ו ר ה: איך וועל שוין אַכטונג געבען. איר מעגט זיך אויף מיר פארלאָזען... איך גיי מאַכען דעם סאַמאָ־וואר, זיי קאָנען נאָך באַלד אָנקומען.

(נעמט דעם סאַמאָוואר און גייט אין קיך אריין. דאוויד קוקט ווייטער אין בוך אריין. עס קלינגט, דאוויד גייט עפענען די טיר. קומט צוריק מיט אָלגאַ׳ן).

אָ ל ג אַ: נאָך ניט געקומען?

ד אַ ו ו י ד: ניין, מסתמא האָט זיך די באַן פאר־שפּעטיגט. פאָטער און מוטער זיינען אַוועק נאָך מיט צוויי שטונדען צוריק צום וואָקזאַל. איך האָב זיך באַ זיי געבע־טען, אַז זיי זאָלען ניט גיין, און זיי זיינען אַוועק אויף צו להכעיס...

אָ ל ג אַ: טוט דיר די האַנט נאָך אַלץ שטאַרק וויי? — דו זעסט אויס אַזוי שלעכט!

ד אַ ו ו י ד: עס, נאַרישקייטען, עס וועט ווייטאָן ביז וואַנען עס וועט איבערגיין. וואָס עס ערגערט מיך מער פון אַלץ איז דאָס, וואָס דאָ אין שטוב איז אַזאַ חושך, אַזאַ אומעט. די מוטער וויינט אין דער שטיל, און דער פאָטער גייט אויס פון ערגערניש...

אָ ל ג אַ: דאוויד, דו וואָלסט געדאַרפט פּראָבירען אַרויסגיין צו ביסלאַך אין גאַס אויף אַ שפּאַציר.

ד א ו ו י ד : אויף דער גאס קען איך נאך ניט ארויס, נו זיץ איך מיר אין הויז און טראכט... פאר מיינע אויגען שטייען נאך אלץ די בילדער פון שלאכט פעלד. אט דא, זעהסטו? (ער צייכענט דעם פלאן מיטן פינגער אויפ'ן טיש) דא שטייט דער מיליטערישער שפיטאל, א ביסעל ווייטער די שטרייטענדע ארמייען, נאך אביסעל ווייטער די פייער־ליניע... טויזענדער פארוואונדעטע, ווער אן א פוס, ווער אן א האנט, מיט אויפגעריסענע בייכער, ארויסגעריסענע אויגען. דא און דארט אויפ'ן שלאכט פעלד ליגן די גליקליכערע — די טויטע, מיט אפענע אויגען; זיי קוקען דאכט זיך אויף דיר גלייכגילטיק, און אין דער זעלבער צייט מיט אזא איראניע. עס דוכט זיך, אז אויף זייערע ליפען איז פארגליווערט געווארען די פראגע: „צוליב וואס האט איר, דומע מענשען, דאס געדארפט!?"

א ל ג א : (שלאגט אים איבער) אבער גענוג שוין, דאוויד, מען קען דאך פון אזעלכע שוידערליכע בילדער פון זינען אראפ!

ד א ו ו י ד : יא, ווירקליך, מען קען פון זינען אראפ... דא, אט, (ווייזט אויף דעם בוך, וואס ער האט געלעזען) לערנט מען אונז פון יושר און גערעכטיגקייט, צו זיין גוט, יענעם מיטפיהלען, יענעם העלפען, מיט יענעם זיך טיילען... און דא קלייבט מען צענויף מיליאנען מענשען געגן זייער ווילען און מען באפעלט זיי צו הרג'ענען איינער דעם צווייטען. אך, וואס פאר אן אונזין די גאנצע איצטיגע געזעלשאפטלאכע סיסטעם איז! אך, ווי דאס אלעס דריקט און שטיקט אויף מיין נשמה!...

אלגא: נו, בארוהיג זיך שוין מיין ליבער, מיין טייערער דאוויד!... לאמיר בעסער אינגאנצען ניט ריידען פון דער מלחמה.

(דבורה קומט אן פון קיך. זי באגריסט זיך מיט אלגא'ן).

דבורה: אזוי שפעט, און זיי זיינען נאך אלץ ניטא! אפשר וועט איר, גאספאדא, טרינקען טיי? איך האב שוין באלד טיי פארטיג.

דאוויד: איך דאנק אייך, איך וויל ניט.

אלגא: איך וויל אויך ניט. און דערצו דארף איך שוין באלד אוועקגיין.

(דבורה אפ. דאוויד פארויכערט א סיגארעט).

אלגא: (יסורים'דיק) דאוויד, די טעג האב איך ווידער געהאט א דיספוט מיט מיינע עלטערען.

דאוויד: זיי האבען מיט דיר אודאי ווידער אריינגע'טענה'ט וועגען אונזערע פארהעלטניסע? געפרעגט, וואס וועט זיין דער תכלית...

אלגא: נאך ערגער. זיי ווילען אז איך זאל דיר צורייד֑ען, אז דו זאלסט זיך שמדן, אבער איך האב זיי אויסגעלאכט.

דאוויד: אזוי?... זיי ווילען איך זאל זיך שמדן!.. (פארטראכט) יא, די שמד-עפידעמיע איז בא אונז אידען איצט געווארען א גאנץ געוויינלאכע זאך. אבער איך פערזענליך, אלגא, האלט עס פאר די גרעסטע היפאקריטסטווא און לומפעריי, וואס א מענש קען אין זיין לעבען באגיין. דו ווייסט דאך, אז איך גלויב ניט אין קיינע געטער, און דארום איז ניטא זיך וואס צו בייטען. דעם אינערליכען

געפיל קען מען דאָך ניט אָפּנאַרען... אַליעטשקא דאָראָ־גאַיאַ, בלויז איין גאָט איז דאָ אויף דער װעלט, און דאָס איז דער גאָט פון גערעכטיגקייט, דער גאָט פון פרייהייט און בלויז צו דעם גאָט דאַרפען דינען אַלע מענשען פון אַלע נאַציאָנען און פון אַלע קלאַסען.

אָ ל ג אַ: יעדענפאַלס אין אונזער צייט האָט דער גאָט פון גערעכטיגקייט גאַנץ װייניג אָנהענגער, אַז ניט װאָלטען מיר דאָך ניט געהאַט אַזאַ מיאוסע, אַזאַ גרויזאַמע װעלט.

ד אַ װ י ד: אויב מען האָט נאָך ביז איצט ניט געדינט צו דעם גאָט פון גערעכטיגקייט, דאַן װעט דאָס לאַנג ניט נעמען און מען װעט צו אים אָנפאַנגען דינען. איך בין זיכער, אַז דער איצטיגער קריג װעט איבערבויען די יסודות פון דער גאַנצער װעלט. די דעספּאָטישע רעגירונגען װעלען פאַלען און אויף זייער פּלאַץ װעלען אויסוואַקסען פרייע דעמאָקראַטישע רעפּובליקן...

אָ ל ג אַ: (קוקט אויף איר זייגער) שוין באַלד אַכט דער זייגער און זיי זיינען נאָך אַלץ ניטאָ! איך װאָלט זייער גערן געװאָלט זען מאַריאַ'ן און באָריס'ן, אָבער איך מוז שוין לויפען: אום אַכט אור פאַנגען זיך אָן אונזערע קלאַסען... באַרוהיג זיך, דאַװיד! טראַכט ניט אַזוי פיל... איך גיי שוין. איך װעל דאָ זיין מאָרגען גאַנץ פרי. צום װידערזען, דאָראָגאַי!

ד אַ װ י ד: (מיט ליבע) צום װידערזען, מיין טייערע!

(אָלגאַ גייט אָפּ. דאַװיד רויכערט, מאַרשירט אַרום איבער'ן צימער, נעמט װידער דעם בוך און לעזט).

דבורה: (לויפט אַריין) זיי גייען! זיי גייען!...

(עס קומען אַן באַרים און מאַריאַ. זיי זעען אויס געעל־טערט. ביידע געקליידעט אַלס רייזענדע. באַרים באַוואַקסען מיט אַ באָרד. דבורה גייט אויך אַריין. מען גריסט זיך. מאַריאַ און דאַוויד קושען זיך).

מאַריאַ: (קוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף דאַוויד'ס האַנט) דאַוויד, וואָס איז מיט דיר געשען?

דאַוויד: ניט געפערלאַך! — די דייטשען האָבען פון די לופט שיפען געוואָרפען באָמבעס איבער אונזער לאַ־גער. עטלאַכע באָמבעס האָבען געטראָפען אין אונזער באַ־וועגליכען שפּיטאָל. דריי לייטע פון אונזער מעדיציניישען פּערסאָנאל זיינען געטויטעט געוואָרען, בּאַ אַ צוויי צענדליג זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען... איך בין אָפּגעקומען גאַנץ לייכט, אַ שטיק פון אַ צעריסענער אייזערנער בעט האָט מיר געטראָפען אין אָרעם און צעבראָכען מיין הומעראל ביין אויף צוויי, אָבער יעצט האָלט שוין דער ביין אין צוזאמענוואַקסען.

(עס קומען אַן יעקב מיט נעמי'ן זיי זעען אויס שטאַרק געעלטערט, זיי כאַפּען זיך אַרום מיט די קינדער).

יעקב: אַבי איך האָב שוין געדענקט, אַז איר וועט ניט קומען היינט!

נעמי: און מיר האָבען אייך אַרומגעזוכט אויף דעם וואָקזאל!

באַרים: מיר האָבען אייך געזען: מיר זיינען אייך זאָגאַר צוויי מאָל פאַרבייגעגאַנגען, נור מיר האָבען זיך אַבזיכטליך ניט געלאָזט דערקענען, ווייל מיר האָבען

ניט געװאָלט ציען די אויפמערקזאמקייט פון די זשאַנדאַ־רען.

נ ע מ י : נו, עס פאַרשטייט זיך, ביי אייך מוז דאָך אַלעס צוגיין מיט קאָנספּיראַציעס... קינדער, איר זייט דאָך אודאי הונגעריג פון װעג? מאַכט זיך גרייט, מיר גייען באַלד עסען.

מ אַ ר י אַ : איך װיל זיך פריער איינװאַשען.

ב אָ ר י ס : איך אויך.

(זיי גייען אָפּ אין קיך. אַלע טומלען זיך, מען גרייט צום טיש, דבורה טראָגט אַריין דעם סאַמאָװאַר, אויך דאַװיד העלפט אַרויס, באָריס מיט מאַריאַ׳ן קומען צוריק אַריין).

נ ע מ י : קינדער מיינע, טייערע! איך האָב אייך ניט פיל צו געבען, עס איז אַלעס בראַנד טייער און פיל זאַכען קאָן מען פשוט פאַר קיין געלט ניט קריגען... נו, זעצט זיך צום טיש!... (קוקט אויף מאַריאַ׳ן מיט איינגעהאַל־טענע טרערען אין די אויגען) דו, מאַריאַ, האָסט זיך אַזוי גע־ענדערט און ער באָריס אויך!...

מ אַ ר י אַ : יאָ, ליבע מוטער, אַלעס ענדערט זיך, — דאָס זיינען די געזעצען פון דער נאַטור.

(אַלע זעצען זיך ביים טיש, יעקב ברענגט אַריין אַ ביסעל שנאַפּס).

י ע ק ב : אָט דאָס האָב איך, קינדער, אַביסעל שנאַפּס פאַר אייך אָפּגעשפּאָרט.

נ ע מ י : מיינע אויגען האָב איך אויסגעקוקט אויף אייך, אָבער דאָך דערװאַרט זיך... װען איר זייט געװען קליינינקע, זייט איר אַלע געװען אַרום מיין פאַרטוך. יעצט,

אז איר זייט אויסגעוואקסען, זייט איר זיך צעלאפן איבער דער גאנצער וועלט, מסתמא איז דאס אויך איינע פון די געזעצען פון דער גאטור.

(מען עסט. דבורה מיט נעמי׳ן דערלאנגען די מאכלים).

יעקב: (גיסט אן שנאפס אין די גלעזלאך) נו, א דאנק גאט, וואס מיר זעען זיך לעבעדיגע! לאמיר אלע זיין געזונט! (טרינקט, די איבעריגע טרינקען אויך).

מאריא: קריגט איר בריוו פון סאלאמאנ׳ען?

יעקב: שוין זעקס חדשים קיין בריוו פון אים ניט דערהאלטען. (זיפצט).

נעמי: (מיט טרערען אין די אויגען) גאט ווייסט צו ער לעבט נאך!...

יעקב: (גיסט אן נאך צו גלעזלאך) נו, קינדער, טרינקט, לחיים, וועט ווערען פרייליכער אויפ׳ן הארצען! אזא יום טוב!... אזא לאנגע צייט אייך ניט געזען.

דבורה: (קומט אריין פון קיך, ווענדט זיך צו מאריא׳ן און באריס׳ן) שייקע, דער בונדיסט, וויל אייך זען, ער פרעגט צי ער מעג אריינקומען. ער האט זיך דערוואוסט פון אלגא פעטראוונא, אז איר דארפט זיין דא, איז ער גלייך געקומען צולויפען אייך זען.

מאריא: בעט אים ער זאל אריינקומען.

(שייקע קומט אריין פון קיך אין דער באגלייטונג פון דבורה׳ן, וועלכע קערט זיך אום צוריק אין קיך. שייקע גיט די האנט מאריא׳ן און באריס׳ן, גריסט העפליך די איבריגע).

נ ע מ י: שייקע, זעצט זיך צום טיש און נעמט אנטייל אין אונזער סעודה!

(שייקע זעצט זיך לעבן באַריס'ן).

י ע ק ב: (גיסט אַן שייקע'ן אַ גלעזעל שנאַפּס) טרינקט לחיים, עס איז ביי אונז היינט אַ גרויסער יום טוב!

נ ע מ י: (מיט שמחה) אַלץ הייסט אַ יום טוב, מיינע ליבע קינדערלאַך זיינען ווידער מיט מיר!

(שייקע טרינקט).

ב אַ ר י ס: (פריינטליך צו שייקע'ן) נו, וואָס מאַכט איר, טאָווארישטש? ווי לעבט זיך אייך? וואָס הערט זיך ביי אייך אין דער באַוועגונג?

ש י י ק ע: איר ווייסט דאָך מסתמא, טאָווארישטש באַרים, אַז דעם סטרייק האָבן מיר פאַרלאָרען. זאַמקע'ן, מיך און לייבקע דעם קרומען האָט די פּאָליציי געכאַפּט ווען מיר האָבן געהאַלטען אין דרוקען די רויטע פּראָקלאַמאַציעס...

ב אַ ר י ס: דאָס אַלעס געדענק איך, עס איז געשען ווען איך בין נאָך דאָ געווען. דערציילט מיר בעסער, וואָס האָט נאָך דעם פּאַסירט?

ש י י ק ע: מען האָט אונז אַלעמען אריינגעזעצט אין דער היגער טורמע פון די פּאָליטישע. אַ לאַנגע צייט האָבען די זשאַנדאַרען און שפּיאָנען מיט גוטען און מיט בייזען געפּרובירט אויסגעפינען וועגען אייך און וועגען די איבריגע אָנפירער פון סטרייק. זיי האָבען זאָגאָר אונז פאַרשפּראָכען פריי צו לאָזען, אָבער מיר האָבען גע'טענה'ט — „זנאַט ניע זנאַיעם"...

באריס: און וואס מאכט זאמקע לץ?

שייקע: ער זיצט נאך ביז היינטיגען טאג אין טורמע. ער האט עטליכע מאל געענטפערט צו חוצפה'דיג די שפיקעס, האבען זיי אים צע'ממית'ט און צעבלוטיקט. מיך האט מען ערשט ארויסגעלאזען מיט פינף וואכען צוריק, אבער איך בין נאך אלץ אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי.

באריס: דאס וואס מען האט אייך אליין אפ־געלאזען, זעט מיר אויס צו זיין א שטיק פראוואקאציע... (ווענדעט זיך צו דאוויד'ן) נו, און וואס הערט זיך אין שטאט אין אלגעמיין?

דאוויד: אויף וויפיל מיר איז באקאנט, און פון וואס אלגא גיט מיר איבער, זעט עס אויס צו זיין גאנץ לעבעדיג. דער גימנאזיסטן קרוזשאק, וואס איר האט גע־גרינדעט, איז זייער פאפולער. אויך געפינט זיך דא א סטודענטען קרוזשאק. עס קומען פאר אפטע לעקציעס, רעפעראטן, דעבאטן... און די ארבייטער זעען אויך אויס צו זיין טעטיג.

שייקע: יא, געוויס, די ארבייטער שווייגען ניט. די נידערלאגע, וואס מיר האבען געהאט אויף מאקאראוו'ס פאבריק, האט אונז ניט איבערגעשראקען. די ארבייטער באוועגונג ביי אונז לעבט. מיר האבען עטליכע ראבאטשיע סאיוזען, א ביבליאטעק און א נייע טיפאגראפיע.

באריס: עס פרייט מיך זייער צו הערען, דאס אייער שטאט האט אזוי גוט אויפגעלעבט! נו, און די פא־ליציי בושעוועט נאך אלץ ווי פריהער?

דאוויד: יא, נאך מיט מער רוגזה; אזוי ווי זי וואלט געפילט, אז איר טויט אורטייל קומט שוין אן, וויל זי זיך כאפטש נוקם זיין אין אירע לעצטע טעג.

מאריא: (צו נעמי'ן, נעמט זי ביי דער האנט) קום, מוטער, מיט מיר, איך וויל באטראכטען די צימערען, דעם הויף...

נעמי: (צערטליך) קום, קינדעלע, קום!...

(נעמי און מאריא נעמען זיך ארום און לאזען זיך איבער די צימערען. בארים נעמט ארויס פאפיראסען און לייגט פאר אלעמען, אלע נעמען און פארויכערען. מאריא מיט נעמי'ן קומען ווידער אריין, מאריא האלט אין האנט א פאטאגראפיע).

מאריא: אלעס איז מיר דא אזוי ליב! אזוי טייער! אלעס ווי אמאל. דער גארטען, די בלומען, דער פאליסאדניק, די בוימער, די קאליטקע מיט'ן בלויען טויער, קיין זאך נים געענדערט, נאר מיר האבען זיך געענדערט...

נעמי: (שאקעלט מיט'ן קאפ) נאך אלץ הייסט געענדערט! און דאך איז ווי ערשט נעכטען געדענק איך דעם טאג, ווען איך האב דיך דאס ערשטע מאל אין גימנאזיע געפירט...

מאריא: (גייט צו בארים'ן און ווייזט אים דאס בילד) אט דאס איז סאלאמאנ'ס לעצטער בילד. (בארים באטראכט דאס בילד אויפמערקזאם, גיט עס צוריק צו מאריא'ן).

יעקב: גייט איר דא פארבלייבען אויף לאנג?

בארים: ניין, מיר קענען דא לאנג נים זיין, מארגען מוזען מיר אפפארען.

נעמי: און איך האָב געדיינקט, אַז איר וועט דאָ פאַרבלייבען וויינינגסטענס אַ וואָך צייט.

יעקב: נו, און דו מאַריאַ, פיליייכט וועסטו פאַר־בלייבען אויף אַ פּאָר טעג?

נעמי: בלייב דאָ, טאָכטערקע, כאָטש אויף אַ וואָך צייט, וועסטו זיך אויסרוען דיינע ביינער... שטענדיג גאָר ארומוואַנדערען, וואו אַ טאָג און וואו אַ נאַכט!..

מאַריאַ: מילאיא מאמא, איך וואָלט גערן געוואָלט מיט אייך פאַרבלייבען, אָבער מיר קענען ניט. ערשטענס, קען מיך דאָ די פּאָליציי צו גוט, און צווייטענס, איז אַלץ אזוי אראנזשירט, אַז מיר מוזען מאָרגען נאָך מיטאָג אָפּ־פאָרען.

נעמי: איך וועל אפילו ניט האָבען גענוג צייט אויף אייך זיך אָנצוקוקען...

יעקב: זאָגט מיר, קינדער, אין וואָס באַשטייט מייסטענס אייער טעטיגקייט?

באָריס: איך פאָר אַרום איבער מיין ראַיאָן. דאָ, וואו דער צענטראַל קאָמיטעט שיקט מיך אַהין פאָר איך. איך הער אוים באַריכטען, איך נעם אנטייל אין דיסקו־סיעס, אָרגאַניזיר נייע סאָיוזען. דאָ דאַרף מען לייענען אַ רעפעראַט, און אין אַן אַנדער אָרט דאַרף מען אויפמונ־טערען די אַרבייט א. אז. וו.

נעמי: נו, און וואָס טוסטו, טאָכטער?

מאַריאַ: איך העלף באָריס'ן אין דער אַרבייט. אַגיטיר צווישען קליינע גרופּען אַרבייטער. (שטעלט און מיט פרייד צו דאַוויד'ן) מען האָט שוין מיך איין מאָל צונע־

לאָזען צו אַ זיצונג אין צענטראַל קאָמיטעט, איך בין דאַן געווען איבערגליקליך.

י ע ק ב : דערעסט אייך דען ניט, קינדער, שטענדיג צו לעבען אין געפאַר? ניט צו האָבען אַ מינוט רוה? שטענדיג פאַרפאָלגט פון דער פּאָליציי, אָן פּאַספּאַרטען, קריגען בריוו אויף פרעמדע אַדרעסען, בייטען די נעמען און פאַמיליען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג?...

מ אַ ר י אַ : פּאָטער, מיר האָבען ניט מער קיין שרעק. אַרעסטירט צו ווערען איז בּאַ אונז רעוואָלוציאָנערען קיין נאָווינע ניט. אייניגע זיינען נאָך צופרידען אַריינצופאַלען אין די הענט פון דער פּאָליציי.

ב אָ ר י ס : איר דאַרפט אויך ניט פאַרגעסען, אַז צו אָפט ווידערהאָלען זיך די אַלע געפאַרען. אַ מענש ווערט צו אַלעם געוואוינט, אונזער שרעק איז שוין פון לאַנג פאַרטעמפּט געוואָרען.

נ ע מ י : אָבער קינדער מיינע, איר גיט דאָך אַוועק אייערע בעסטע יאָרען!... זעט וויפיל קרבנות עס פאַלען בּאַ אייך!.. אַ סך פון אייך ווערען פאַרפאַלען אין די טורמעס, אַ סך ווערען קראַנק, פאַרקריפּעלט...

ב אָ ר י ס : יאָ, דאָס איז אמת, אונזער אונטערנעמונג איז אַ גאַנץ שווערע, אָבער מיר מוזען זי אויספירען ביז צום ענדע... מען וועט אונז ניט געבען די פרייהייט, ווען מיר וועלען פרידליך זיך צו אַלעם צוקוקען און שווייגען. ניין, אויב מיר ווילען קריגען פרייהייט מוזען מיר פאַר איר קעמפּפען מיט אַלע מיטלען, — און אויב עס קומט אונז אויס דערביי צו אָפּפערען און ליידען איז אויך ניט קיין

אומגליק. און דערצו איז אין קאמף אליין דא פאראן א געוויסער גראד פון באפרידיגונג... זאלען די ביוראקראַ־טען אונז הענגען! זאלען זיי אונז שיקען אין די טורמעס, אויף פאסעלעניע אין סיביר!... וואס מער מען וועט אונז מאטערען אלס מער נאכפאלגער וועלען מיר האבען.

(נעמי וויינט זיך פאנאנדער. אלע בלייבען שטיל, א טרויע־ריגע שטימונג. מאריא פרובירט די מוטער צו בארוהיגען. דבורה, אין דער קורצער צייט פון די געשפרעכען קומט אריין און הערט זיך צו און גייט ווידער אוועק, אמאל אין קיך און א מאל אין הינטערגרונט. נעמי גייט אוועק צו זיך אין צימער, מאריא באגלייט איר און קומט צוריק).

יעקב: (וויל איבערשלאגען די שטימונג. צו באריס'ן) נו, דערצייל אונז בעסער, באריס, וואס הערט זיך נייעס אין דער וועלט? וואס רעדט מען פון דער מלחמה?

באריס: עס פילט זיך א גרויסע אומצופרידענהייט אין אלע שיכטען פון פאלק. מען דערציילט, אז אפילו אין די רעגירונגס קרייזען, איז מען שוין אויך ניט צופרידען מיט דער מלחמה. מען רעדט זאגאר, אז אונזער רעגירונג וויל מאכען א באזונדערן שלום... אויף די אייזען באהנען איז גרויס אונארדנונג. עס זיינען ניטא גענוג וואגאנעס, א סך תבואה ווערט פארפוילט אויף די באן סטאנציעס. די סאלדאטען האבען ניט קיין געוועהר און ניט קיין פראוויאנט. עס איז אן אמת'ע תהו ובהו אין דעם קריגס מיניסטאריום. אלעס ווערט געפירט פון אומפעהיגע, קאַ־רופטע הענט... אין אלגעמיין קוקט עס אויס, ווי די אלטע יסודות פון אונזער לעבען, האבען זיך אנגעהויבען

צו וואקלען. אט צום ביישפּיל געפינען זיך איצט א סך אפיצירען אין אונזער באוועגונג, וועגען סאלדאטען איז שוין אפגערעדט... יא, פריינדע, די ארבייט וואס מיר סא־ציאליסטען האבען פארזייט, האלט ביים ארויסגעבען אירע פרוכטען!... א נייער לעבען, געבויט אויף סאציאל פא־ליטישע און עקאנאמישע גערעכטיגקייט, וועט אין גיכען געבוירען ווערען! דער העלד פון דער נייער צייט, וועט זיין דער ארבייטער! דער מאן וואס שאפט מיט זיין בלוט און שוויים, וועט זיין דער בעל דעה!... און די ארביי־טער וועלען מיט זייער אייגענער פיהיגקייט און אייגענער קראפט אויסשמידען זייער אייגענע צוקונפט!...

יעקב: אבער וואס וועלען מיר, אידען, פון דעם אלעמען קריגען?

באריס: אין א פרייער רעפּובליק האבען אלע ביר־גער גלייכע רעכט, סיי דער איד און סיי דער קריסט. די אי־דען, האף איך, וועלען געוויס קריגען נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע.

יעקב: אויב איר סאציאליסטען האלט שוין אזוי וויים און איר ווילט געבען די אידען די נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע, ווארום זיי אויך ניט געבען פּאליטיש נאציא־נאלע אויטאנאמיע, כדי דער איד זאל זיך קענען ענטוויקלען נאך זיין פארשטאנד און נאך זיינע נייגונגען? און אויב איר ווילט ווירקליך אז דאס אידישע פאלק זאל זיך קול־טורעל ענטוויקלען, מוז אמווייניגסטענס א גרויסער טייל פון אים וואוינען אויף אן אייגען לאנד, און דאריבער קומען מיר, אידישע נאציאנאליסטען צום באשלוס, אז אן אייגען

לאנד פאר אידען איז א נויטוועגדיגקייט. און כל זמן מיר וועלען וואוינען אין שכינות בא אנדערע פעלקער. מעג דאס זיין אונטער א ביוראקראטישער הערשאפט, אדער אין א פרייער רעפובליק, וועלען מיר אלץ בלייבען פרעמדע צווישען די אנדערע נאציאנען.

ד א ו ו י ד: פאטער, אבער מיר ווילען צו ערשט אויסקעמפען בעסערע אומשטענדען אין די, וואס דו רופסט גלות לענדער. מיר קעמפען פאר אלעמען גלייך, אן אונ־טערשייד פון רעליגיאן און ראסע, און נאך דעם ערשט וועלען מיר זיך באשעפטיגען מיט די נאציאנאלע פראבלע־מען!

מ א ר י א: און איך דענק, פאטער, אז די פראגע פון נאציאנאליזם וועט פארשווינדען פראפארציאנעל מיט דער ענטוויקלונג פון דעם אלגעמיינעם מענטשליכען פרא־גרעס. וואס מער ציוויליזאציאן, בילדונג, אויפקלערונג און פרייהייט מיר מענשען וועלען קריגען, אלץ מער און מער וועט פארשווינדען די נאציאנאלע שנאה פון איין פאלק צום אנדערען. איך דענק, דאס ווען דער מענטשליכער פראגרעס וועט קומען צו זיין העכסטער שטופע, דאן וועט פארשווינדען די פיינדשאפט פון פאלק צום פאלק און מיט זיי אויך די נאציאנאלע פראגע.

י ע ק ב: און איך דענק גראדע פארקערט. מיט דעם איצטיגען קריג האט זיך דער נאציאנאליזם פארשטארקט. איין פאלק קעמפט געגען דעם צווייטען, די הייליגקייט פון דעם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל איז פאר־שוועכט געווארען. פראלעטאריער פון איין פאלק קעמפען

געגען פּראָלעטאַריער פון אַ צווייטען פאָלק. און וואָס עס אַמבאַלאַנגט פרייהייט און פּראָגרעס איז וואָס מער רעכטע און פרייהייט מען וועט געבען אַ געוויסען פאָלק, אַלץ מער וועט ער אנהאַלטען זיינע נאַציאָנאַלע אייגענ־שאַפטען, אַלץ מער וועט זיך ענטוויקלען זיין קולטור און אַלץ מער וועט זיך פאַרשטאַרקען זיין נאַציאָנאַלער באַ־וואוסטזיין, און דערפאַר בלייב איך באַ מיין איבערצייגונג אַז אידען דאַרפען האָבען אַן אייגען לאַנד.

ד אָ ו ו י ד: און אפילו ווען מיר אידען וועלען האָ־בען אַן אייגען לאַנד, וועט מען פון אונז, סאָציאַליסטען, נאָך אַלץ ניט פטור ווערען, — מיר וועלען אימער און איבע־ראַל קעמפען פאַר די אונטערדריקטע!...

ד ב ו ר ה: (לויפט אריין, נאָך איר נעמי, ביידע זייער אויפ־גערעגטע) די פּאָליציי קומט, די פּאָליציי!..

נ ע מ י: (ברעכט די הענט) אוי, ווי איז מיר, זשאַנ־דאַרמען קומען! פּאָליציי!

(אַלע באַוועגען זיך, אויפגערעגט, ווייסען ניט וואָס צו טאָן, לויפען הין און צוריק).

ב אָ ר י ס: גאָספּאָדאַ, בארוהיגט אייך! (צו מאַריאַ'ן) פאַרשפּאַר די טירען און האַלט זיי אויף עטליכע מינוטען!

(מאַריאַ לויפט, דבורה לויפט נאָך איר, צו ערשט אין קיך און דאַן אין הינטערגרונט. באָריס נעמט זיך צו זיינע פּאַפּירען, זוכט ביי זיך אין די קעשענעס, נעמט ארויס אַ קליין ביכעלע, אייניגע פּאַפּירען, בריוו, קוקט זיי איבער געלאַסען, נעמט עטליכע פּאַפּירען, עפענט אויף די די חרובע, וואַרפט עס אריין און ציגט דאָס אונטער. עס

קלינגט. מאריא לויפט צוריק אריין, זוכט ביי זיך אין די קעשענעס, אין רייזע טייסטער, געפינט אדרעסען, ווארפט זיי אין פייער).

מאריא: (צו דבורה'ן) ברענג ארויף שנעל קעראסין!

(דבורה לויפט, ברענגט קעראסין, מאריא גיסט א ביסעל אין הרובע, דער פייער ברענט זיך שטארק פאנאנדער. עס קלינגט האסטיג אין הינטערגרונט).

מאריא: (צו דאוויד'ן) האסט עפעס ניט לעגאלעס, אדער אדרעסען? דאן פארניכטע דאס. איך וועל זיי אויפהאלטען עטליכע מינוטען.

(דאוויד זוכט, געפינט א בריוו, ווארפט דאס אין פייער. דער גלאק קלינגט, מען קלאפט אין טיר שטארק. מאריא גייט ארויס אין הינטערגרונט. עס הערט זיך ווי זי פרעגט):

ווער איז דארט?

שטימען: עפענט אויף!

מאריא: ווער איז דארטען?

א שטימע: אין נאמען פון געזעץ באפעלען מיר אייך צו עפענען די טיר!

(מען קלאפט שטארק אין טיר. מאריא לויפט ווידער אריין).

מאריא: מען מעג שוין?

באריס: יא.

געשרייען פון דרויסען: עפענט די טיר! אז ניט וועלען מיר זי אויפברעכען!

(מען האקט אין טיר. אלע אין טויט שרעק. באריס און דאוויד זיינען רוהיג. באריס פארויכערט א פאפיראס.

א װײלע װערט שטיל, עס קומען אריין מאריא, א נאדזי־ראטעל, זשאנדארמען און פאליציי).

נ א ד ז י ר א ט ע ל : (שפרינגט צו די פאליציאנטען און זשאנדארען) באזוכט דאס גאנצע הויז! יעדען פארדעכטיגען בוך און פאפיר ברענגט אהער! זוכט גוט און איבעראל.

ד י פ א ל י צ י י א ו ן ז ש א נ ד א ר ע ן : סלושאיעם, װאשע װיסאקא בלאגאראדיע!

נ א ד ז י ר א ט ע ל : נו, גייט שוין!

ד י פ א ל י צ י י א ו ן ז ש א נ ד א ר ע ן : טאק טאטשנא, װאשע װיסאקא בלאגאראדיע!

(די פאליציי צעלאזט זיך איבער אלע צימערען, אויסער צוויי זשאנדארען מיט בלויזע שווערדען, בלייבען אלס וועכ־טער ביי די טירען).

נ א ד ז י ר א ט ע ל : (צו יעקב'ן שפאטיש) מיר האבען פון אייער הויז, גאספאדין לעווינזאן, דאס אויג ניט אראפ־גענומען! מיר האבען געוואוסט אז אייער הויז איז א נעסט פון רעוואלוציאנערען!

(באמערקט מאריא'ן)

אט דאס, דאכט מיר, איז אייער טאכטערעל? און דאס (ציינט אויף באריס'ן) איז מסתמא איר לובאווניק? (צופרידען) אה, זיי זוכען מיר שוין לאנג ארום!

ב א ר י ס : װערט אנשטומט, נעוועזשא, און טוט אייער שמוציגע ארבייט.

נ א ד ז י ר א ט ע ל : שווייגט בעסער, אז ניט וועט איר ערגער מאכען!

(די פּאָליציאַנטען שלעפּען פּאַפּירען, העפטען, ביכער, וואַר־
פען עס אויף דער דעליע).

זוכט, רעביאַטאַ, איבעראַל! זוכט אונטער די בעטען
אויך אין די שטאַלען!

די פּאָליציי: סלושאַיעם, וואַשע וויסאָקאָ
בלאַגאַראָדיע!

נאַדזיראַטעל: (גייט צו דער הרובע, עפענט
אויף די טירעל, באַמערקט די ברענענדע פּאַפּירען) זאָל אייך אַלע־
מען דער טייוועל נעמען! — פאַרברענט אַלע נעלעגאַלע
פּאַפּירען!

באַרים: (מיט שפּאָט) עס וואָלט אייך געקאָנט גוט
צו ניץ קומען?

נאַדזיראַטעל: (באַמערקט שייקע׳ן) אהאַ, דו
ביסט אויך דאָ? ערשט פון דער טורמע אַרויסגעקראָכען
און שוין ווידער ביי דער ארבייט! מיר וועלען זיך מיט
דיר אָפּרעכענען!

שייקע: שרעקט נאָר מיך נִיט! — איך בין
גאָרניט אַזאַ שרעקעדיקער ווי איר דענקט.

(די פּאָליציי טראָגט אַריין נאָך ביכער, דער נאַדזיראַטעל
קוקט אַריין אין איניגע).

נאַדזיראַטעל: קראַמאָלניקי ווי, סאָציאַ־
ליסטי! אַזוי פיל ביכער אָן צענזור!

יעקב: גאַספּאַדין נאַדזיראַטעל, דאָס איז דאָך די
אידישע געשיכטע פון גרעץ און דאָס איז אחד העם׳ס
ביכער. זיי פאַרקויפען זיך אין יעדער בוכהאַנדלונג.

נאַדזיראַטעל: איך וויל פון גאָרניט וויסען.

ניטאָ קיין צענזורע, הייסט עס נעלעגאַלע ביכער. (צו די פּאַליציאַנטען) אַלעס פאַרנעמט אין באַצירק!

פּ אָ ל י צ י י: סלושאַיעם וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָ-ראָדיע!

נ אַ ד ז י ר אַ ט ע ל: נו, און אין יענע צימערען געזוכט?

פּ אָ ל י צ י י: טאַק טאָטשנאָ, וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע!

נ אַ ד ז י ר אַ ט ע ל: נעמט די ביכער אין וואָגען אַריין!

פּ אָ ל י צ י י: סלושאַיעם וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָ-דיע! (זיי נעמען די ביכער און שלעפּען אין הינטערגרונט).

נ אַ ד ז י ר אַ ט ע ל: אונטער קאָנוואַי אַלעמען! אויסער דעם אַלטען און די אַלטע.

נ ע מ י: גאָספּאָדין נאַדזיראַטעל, (ציינט אויף דבורה'ן) די מיידעל איז אין גאַנצען אומשולדיג, זי איז בלויז אונ-זער באַדינערען, זי ווייסט פון גאָרניט צו זאָגען!

נ אַ ד ז י ר אַ ט ע ל: (בייז) רעדט וואָס ווייניגער, אַז ניט וועלען מיר אייך אויך אַוועקנעמען.

(דבורה וויינט זיך פאַנאַנדער פאַר שרעק).

נ אַ ד ז י ר אַ ט ע ל: פירט זי אַרוים! (ציינט אויף דבורה'ן).

נ ע מ י: גאָספּאָדין נאַדזיראַטעל, זי איז ניט שולדיג.

נ אַ ד ז י ר אַ ט ע ל: מיר וועלען זיך שפּעטער פאַ-נאַנדערקלייבען ווער עס איז שולדיג און ווער ניט!

(מען פירט ארוים דבורה'ן א וויינענדיגע, אויך שייקע'ן און דאוויד'ן).

דאוויד: א גוטע נאכט עלטערען! בארוהיגט זיך, זיי קענען אונז גארניט טאן.

(נעמי וויינט).

יעקב: זון מיינער, גיב אכטונג אויף דיין קראנקער האנט!

מאריא: (גייט צו די עלטערען, זעגענט זיך מיט זיי, די זשאנדארען גייען איר נאך) זייט רוהיג, מיינע ליבע עלטערען, מיר וועלען זיך אין גיכען ווידער זעהן! זיי וועלען אונז מיט ארעסטען און טורמעס ניט איבערשרעקען, אזוי לאנג ווי די גרויסע מאסען זיינען מיט אונז!...

(די זשאנדארען לאזען איר ניט רעדען, שלעפען איר מיט גוואלד, ביים טיר שרייט זי אוים):

זייט געזונט!

(מען פירט ארוים באריס'ן, ער וויל זיך זעגענען מיט יעקב'ן און נעמי'ן, דער זשאנדאר לאזט אים ניט; ער בלייבט שטיין ביים טיר, מיט גוואלד קערט ער זיך אום, שרייט אוים).

באריס: זייט געזונט און רוהיג! די גערעכטיגקייט וועט אם ענדע זיגען! צום ווידערזעען זיך!

(באריס און נאך אים די פאליציי און זשאנדארמען גייען אפ. עס ווערט שטיל. עס הערט זיך נאר דאס גערויש פון דער פאליציי און דאס בראזגעריי פון די זשאנדארמסקע שפארען. נעמי וויינט. יעקב פארדעקט מיט זיינע הענט דעם פנים און וויינט אין דער שטיל).

פארהאנג.

דריטער אַקט

צייט — 31טער דעקאַבר, 1916. אַ קאַמער פון דער פּאָליטי־שער געפענגניש אין דער זעלבער שטאָט. אין הינטערגרונד — אַן אייזערנע טיר מיט אַ גלאָזאָק; אין דער הויך, אין וואַנט, פיר שמאָלע פענסטערלאַך באַקלאַפּט מיט אייזערנע גראַטעס; אין ווינקעל אַ קליין פעסעל מיט וואַסער, צו וועלכער עס איז צוגעבונדען אַ גרויסע הילצערנע לעפעל. אַרום די ווענט צען נאַרעס, צווישען די נאַרעס — צוגעשלאָגענע האַלב־קיילעכדיקע טישלאַך. אין מיטן צימער — אַ לאַנגער פיר־קאַנטיקער טיש מיט צוויי לאַנגע בענק. אויפ'ן טיש איז אויסגעקריצט און אויסגעברענט פאַרשידענע פיגורען און שאַך־ברעטלאַך. אין מיטען צימער ברענט אַ קעראָסין לאָמפּ. די ווענט זיינען געפּאַרבט פון אַ אומבאַשטימטען קאָליר, עס וואַרפען זיך דורך העלע און טונקעלע פלעקען, וואו עס איז נאָר געווען אַ מעגליכקייט זיינען די ווענט באַצירט מיט משונעדיקע מאָלערייען און אויפשריפטען. אין קאַמער געפינען זיך בערך צען פּאָליטישע אין זייערע ציווילע קליידער — אייניגע אין שוואַרצע, אייניגע אין בלויע רובאַשקעס. באָריס, דאָוויד און דערעדעלי ליגן אויף די נאַרעס און לייענען. פעדקאָ קריוואָנאָ־סענקאָ, אַ פּאַרבאַנדאַזשירטער, שלאָפט אויף אַ נאַרע. אייניגע אין הינטערגרונד זינגען אין דער שטיל אַ רעוואָלוציאָנער לידל. זאַמקע שטייט אויפ'ן טיש און מאַכט גרעסער דאָס ליכט...

זאַמקע: (צו שייקע'ן) הער נאָר, שייקע, ווייסטו ווען עס האָט זיך געגרינדעט די רוסישע סאָציאַל דעמאָ־קראַטישע פּאַרטיי?

שייקע: צי ווייסט דו, איך ווייס שוין אודאי.

זאמקע: אדרבה, זאָג מיר וועל איך אויך וויסן!

שייקע: די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט זיך געגרינדעט אין 1888טען יאָר.

זאמקע: זעהסטו, האָסטו גראַד ניט געטראָפען. די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט זיך געגרינדעט אין צוויי און נײַנציגסטען יאָר.

שייקע: איך בין זיכער, אַז אין אַכט און אַכציגסטען יאָר. איך האָב ערשט מיט עטליכע וואָכען צוריק געלייענט אַ בראָשורע וועגען דער גרינדונג פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

זאמקע: און איך זאָג דיר, אַז דו האָסט אַ פויערשען קאָפּ, און דו געדענקסט ניט וואָס דו לעזט!

שייקע: און איך זאָג דיר, זאמקע לץ, אַז דו ביסט אַ פּוסטע כלי, פּלוידערסט פון אַלעם און ווייסט ניט, ני בע, ני מע, ני קוקוריקו!...

זאמקע: און איך זאָג דיר שאַיע מאַיע עפּעלע,
דו האָסט אַ פאַרשטאָפּטע קעפּעלע.
שײַע מײַע האָפּ,
אַ רוח אין דיין קאָפּ!

(עטליכע פּאָליטישע מישען זיך אַריין אין דער קריגערײַ, עס ווערט אַ טומעל).

דאַוויד: חברה, ליאַרעמט ניט אַזוי, לאָזט דעם נייעם טאָווארישטש זיך אויסשלאָפען!

(זיי ווערען שטילער).

איינער פון די פּאָליטישע: לאָמיר

פרעגען טאָווארישטש באַריס, וועלען מיר וויסען ווער פון איין איז גערעכט.

(אַלע לויפען צו באַריס'ן).

פ אַ ל י ט י ש ע: טאָווארישטש באַריס, זאָגט אונז, איך בעט אייך, ווען האָט זיך די רוסלענדישע סאָציאַל דע־מאָקראַטישע פּאַרטיי געגרינדעט אין צוויי און ניינציגסטען אדער אין אַכט און אַכציגסטען יאָר?

ב אַ ר י ס: ניט אין צוויי און ניינציגסטען און ניט אין אַכט און אַכטציגסטען, נאָר אין אַכט און ניינציגסטען יאָר... איר וואָלט, טאָווארישטשי, וויניגער זיך ארומרייסען און וואָס מער לעזען און דענקען, וואָלט געווען אַ סך בעסער פאַר אייך.

ש י י ק ע: איך האָב אַנשטאָט אַכט און ניינציג גע־זאָגט אַכט און אַכטציג.

ז אַ מ ק ע: ער האָט בלויז אַ טעות געמאַכט אויף אַ גאַנצענעם צענדליג יאָרען.

(זיי גייען אַלע אָפּ אין זייערע ווינקעלאַך, אייניגע זינגען ווידער אין דער שטיל רעוואָלוציאָנערע לידער).

ז אַ מ ק ע: (גייט צו צום גלאזאָק און קוקט) חברה, דער קאָרידאָרני נאַדזיראַטעל איז ערשט פאַרביי, איך וואָלט געשוואָרען, אַז ער איז טויט שכור!

(שייקע און נאָך פּאָליטישע גייען צו צום גלאזאָק און קוקען).

ש ט י מ ע ן: אמת, שכור!...

ש י י ק ע: ער פּאַלט, דאַכט מיר, פון די פיס!

ז אַ מ ק ע: מיר וועלען היינט קענען זינגען און שטי־פען וויפיל אונזער האַרץ גלוסט!

שטימען: איי גוט!

דאַוויד: איך האָב באַמערקט, אַז דער קאָרידאָרני איז נאָך געווען שכור מיט עטליכע שטונדען צוריק!

זאַמקע: ווי עס ווייזט אויס איז אונזער קאָרידאָרני אַ פרומער מענש, - ער פאַנג- באַגעגענען דעם נייעם יאָר מיט גאַנצענע צוועלף שטונדען אין פאָראויס. (ווענדעט זיך צו די איבריגע פּאָליטישע) חברה, מיר ווילען היינט מאַכען אַ גרויסאַרטיגע הוליאַנקע!

שטימען: (הילכיג) אודאי, אַ הוליאַנקע! אַ פּירושקע! אַ ליאַמע!

דאַוויד: טאָווארישטשי, מיר מוזען זיך האַלטען רוהיג ביז אונזער גאַסט וועט אויפשטיין.

שייקע: (מיט פאַרוואורף) דאַ ליגט אַ טאָווארישטש אַ צעקיילטער אַ צעביילטער און זיי ווילט זיך הוליאַנקעס אויסטראַיען!

דאַוויד: (גיט אַ וואָרף דעם בוך אויף דער נאַרע) באַרים, פּיליכט וועסטו מיט מיר שפּילען אַ שאַך?

באַרים: (לייגט זיין בוך אַן אַ זייט) גוט, לאָמיר שפּילען אַ פּאַרטיע.

דאַוויד: (צו זאַמקע׳ן) גאַספּאַדין סטאַראַסטאַ, זייט אַזוי גוט, און דערלאַנגט אונז די פיגורען, וועלען מיר שפּילען אַ שאַך.

זאַמקע: אַ סך פיגורען פעלען — אַ קאָראָל און קאָראָלעוועס און נאָך אַנדערע נאַטשאַלסטווא: דאָס האָט זיי אונזער האָכגעשעצטער און האָכגעבילדעטער גראַף דערידעלי פאַרניכטעט אין צייט פון אונזער לעצטען הונגער

סטרייק. ער האט זיי ביסלאכווייז געשלעפט פון אונטער מיין נארע און זיי אויפגעפרעסען.

ד א װ י ד: (װיציג) נו, ניט אזוי געפערלאך, װעלען מיר מאכען נייע הערשער.

ש י י ק ע: איך װעל אייך העלפען מאכען נייע פיגור־רען.

(זאמקע ברענגט צושלעפען שװארץ ברויט. אלע נעמען זיך צו דער ארבייט. מען קנעט דאס ברויט, מען מאכט פיגורען, מען רויכערט איניגע פיגורען אויפ'ן קעראסין־לאמפ).

ש י י ק ע: װאס פאר א הארטע ברויט.

(לויפט ברענגט װאסער, שטעלט דאס אויפן טיש, טונקט דאס ברויט אין װאסער).

ז א מ ק ע: (מאטערט זיך קנעטענדיג דאס הארטע ברויט, רעדט צום ברויט).

אדוני קעניג,
דו לאז זיך ניט בעטען
און לאז זיך בעסער קנעטען;
א ניט װעל איך דיך שמידען אין קייטען
און באפעלען דיך צו טויטען,
װי אלעקסאנדער דעם צװייטען!

ש י י ק ע: (צו זאמקע'ן) טענה אזוי פיל ניט צום ברויט, נאר װייק דאס װאס מער אין װאסער.

ז א מ ק ע: (צו דערעדעלי'ן) װאשע סיאטעלסטװא, גראף דערעדעלי! זעט אקארשט איר זאלט זיך נאך א מאל

ניט פאר'סמ'ען מיט אונזערע קאראלעס און קאראלעוועס!
(דערעדעלי ענטפערט ניט).

באריס: מיר האבען שוין באלד אלע פיגורען.

דאוויד: (ציילט די פיגורען) עס פעלט בלויז א סאלדאט.

שייקע: אט האט איר א סאלדאט.

דאוויד: (צו באריס'ן) איך מוז מיך היינט סטארען דיר געבען א מאט.

באריס: מיט דעם גרעסטען פארגעניגען.

דאוויד: (נעמט ארא צוויי פיגורען פון טיש איינע א ווייסע און איינע א שווארצע, פארדרייט די הענט אויף הינטען, שטעלט אויס צוויי קולאקעס) נו, וועלכע ווילסטו?
(באריס ווייזט אן אויף דער לינקער האנט, דאוויד עפענט זי אויף, עס ליגט א ווייסע פיגור).

דאוויד: א ווייסע, דו דארפסט אנפאנגען.

באריס: אבער שפיל מיט קאפ! (דאוויד מיט באריס'ן שפילען לאנגזאם, איניגע פון די איבריגע ארעסטירטע קוקען זיי נאך).

דאוויד: האסטו זיך היינט דורכגעקלאפט מיט מא־ריא'ן?

באריס: שוין צוויי מאל.

דאוויד: וואס מאכט זי?

באריס: זי פילט נאך אלץ שוואך.

דאוויד: א וואונדער, זי האט זיך אזוי אויסגעמא־טערט אין דעם לעצטען הונגער סטרייק.

באריס: זיי האבען דאך גאר קיין לופט מיט וואס

צו אָטעמען, — זיי זיינען זעקס פרויען אין אַ קאַמער, וואָס איז אַ פּערט-חלק פון אונזערער.

ד אָ וו י ד: און דאָס וואָס מיינע עלטערן האָבען געפועל׳ט ביים זשאַנדאַרמסקען פּאַלקאָווניק, אַז זיי זאָלען אונז קומען זען איין מאָל אין וואָך, טוט איר אויך קיין גוטעס ניט... אָה, ווי זיי זעען אויס! ספּעציעל די מאַמע, זי קוקט אויס ווי אַ שאָטען... (באָריס מיט דאַוויד׳ן טוען זיך ווידער אַריין אין שפּילען).

ב אָ ר י ס: קוק זיך גוט אַרום פאַראויס, — דו וועסט דאָך באַלד זיין פאַרצאַמט פון אַלע זייטען.

ד אָ וו י ד: ווירקליך, אַ שלעכטער גאַנג. (ער נעמט צוריק די פיגור און שטעלט עס אויף דעם פריערדיגען פּלאַץ, טראַכט אַ ווײַלע און מאַכט ווייטער אַ גאַנג).

ב אָ ר י ס: אָט דאָס איז שוין בעסער.

ג ר אַ ף ד ע ר ע ד ע ל י: (וועלכער איז געלעגען די גאַנצע צייט אויף זיין נאַרע, שפּרינגט אויף און שרייבט מיט קרייד אויף דער וואַנט אַ ציטאַטע) זאָ לאַנג דו צוויי פיסיגער געשעפּענסט, גלויבסט אין דער רעליגיעזער וואָרהייט, גלויבסטו ניט אין זיך און ביסט אַ שקלאַף, אַ רעליגיעזער מענש — . . .

(שייקע און נאָך אייניגע פון די אַרעסטירטע גייען איבער צו דערעדעלים נאַרע און פּראָבירען זיך פאַנאַנדערקלייבען אין דאָס אָנגעשריבענע).

ז אַ מ ק ע: באַלד וועלען מיר שוין האָבען אַ פרייע לעקציע איבער פילאָזאָפיע!

ב אָ ר י ס: (צו זאַמקע׳ן) עס וועט אייך גאָרניט שאַדען,

אויב איר וועט זיך אריינטראכטען אין דערערעלי'ס פילא־זאפיעס.

גר. דערעדעלי: אנו, חברה ווערים! איר דענקט דאך אז איר זייט געבילדעטע מענשען, מענשען מיט פאר־שטאנד! איר ארבייט דאך פאר דער באפרייאונג פון דער מענשהייט! פארשטייט איר די ציטאטע? ווייסט איר ווער איז דער פארפאסער? האט איר וועז געלעזען פרידריך ניטשע, אדער מאקס שטירנער? האט איר וועז שטודירט דארווין, אדער רוסא? וואס, איר שווייגט? איר האט פא־נאנדערגעעפענט די מיילער און שטומט ווי א פיש!... איר זייט א באנדע אומוויסנדע טויגעניכצען און פאנטאזיארען! איר זייט א באנדע קליינינקע מענשעלאך, מיט קליינינקע נשמה'לאך... נאראנים וואס איר זייט!... איר קענט זיך אליין ניט העלפען און איר ווילט נאך אייערע מיטמענשען העלפען... איר ווילט אויסבעסערען די וועלט! ניין, מענ־שען, עס וועט זיך אייך ניט איינגעבען. בעסער פארניכטעט איר... (ער בלייבט שטיל, ווישט זיך ארום דעם שוייס פון שטע־רען. באריס און דאוויד הערען זיך איין און שפילען).

דאוויד: איך זע שוין, איך וועל שוין היינט ווידער פארלירען.

זאמקע: ביים גראף פליען די פילאזאפישע ציטא־טען, ווי קוילען פון הארמאטען.

שייקע: שלאג נאר אים ניט איבער, איך וועל לי־בערשט הערען זיינע פילאזאפיעס, ווי דיינע נארישע גרא־מען.

זאמקע: (אויף צו להכעיס)

שייע מייע עפּעלע,
אַ רוח דיר אין קעפּעלע.
שייע מייע האָפּ,
אַ רוח דיר אין קאָפּ!...

גר. דערעדעלי: איר, וועלכע רופט זיך מענשען, האָט אין דעם לאַנגען פּראָצעס פון אומוואַנדלונג און ענט־וויקלונג פון אַ וואָרים האָט איר זיך דערשלעפּט ביז צו דער שטופע פון אַ באַשעפעניש, וואָס רופט זיך מענש. נור, ליידער, איז אין אייך פאַרבליבען צו פיל וואָרים. אַמאָל זייט איר געווען ווילדע מאַלפעס און היינט זייט איר ציוויליזירטע מענשען, אָבער אין דער אמת'ן זייט איר נאָך ביז צום איצטיגען טאָג ווילדער פון די מאַלפעס. איר זייט קנעכט און איר ווייסט דאָס אַליין ניט. עס איז ניטאָ קיין איי־נער פון אייך, וואָס זאָל יעדע מינוט ניט באַגיין אַ פאַר־ברעכען. אייער בלויזער רעדען איז אַ פאַרברעכען. איר ווייסט ניט צו מאָל דעם פאַקט, דאָס איר זייט פאַרברעכער... איר רעדט פון פרייהייט, ווען אַזאַ זאַך איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. איך בין געווען אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אין אַמעריקע און זאָגאַר אין אַפריקע. איך בין געווען אויף פּאַסעליעניע אין סיביר, איך בין שוין אויך געווען אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער קרעפּאָסט און איבעראַל האָב איך געזוכט די „פרייהייט", און איך בין געקומען צו דער איבער־צייגונג אַז קיין פרייהייט איז אין דער יעצטיגער געזעל־שאַפט ניטאָ. אַלעס איז דעמאָראַליזירט, צעפוילט און פאַרדאָרבען... די גאַנצע וועלט איז איין גרויסע פעסטונג און מיר זיינען אַלע אירע אַרעסטאַנטען... אייערע האָפ־

גונגען און פלענער זיינען ניט מער ווי מיראזשן, וועלכע פליען זיך פאנאנדער ווי א זייפן בלאז...

זאמקע: א זאנדערבארער מענש איז אונזער גראף — אין טורמע איז ער געגאנגען זוכען פרייהייט!

שייקע: (צו דערעדעלי׳ן) נו, און ווער איז שולדיג אין דעם, וואס די וועלט איז אזוי פארדארבען?

גר. דערעדעלי: איר פרעגט ווער איז שולדיג? שולדיג איז אייער זאגענאנטע מענשלאכע געזעלשאפט, מיט אירע בייזע טראדיציאנעלע געזעצען און פוילע פארשי־מעלטע זיטען... קיינער פון אייך מענשען, רעדט ניט וואס איר דענקט, קיינער פון אייך טוט ניט וואס ער וויל... דאס טאר מען ניט, דאס דארף מען ניט, דאס איז ניט שיין, דאס ערלויבט ניט דאס געזעץ. אלעס וואס איר פארלאנגט איז צו זיין געמעסיגט, לעבלאך און פלאך ניט צו גאט און ניט צום טייוול... איר האט זאגאר א מאל מורא דענקען פריי — א ניט וואלטען מיר דאך ניט געהאט אזא העסליכע, מיזעראבעלע וועלט!... אויב איר ווילט ווערען אויס שקלאפען פון אייער גייסט, דאן, צו אלעם ערשט, באפרייט זיך און אייער אייגענעם געדאנק!... אנשטאט צו וועלען פריי מאכען די גאנצע קארופטירטע מענשהייט, דאס הייסט די צווייפיסיגע חיות, אדער ווי איר רופט זיי אן, די אומוויסנדע מאסען, זארגט בעסער וועגען אייער אייגענער רעאליזירבארער פרייהייט, באפרייט צו ערשט זיך אליין!..

זאמקע: דער גראף וועט שוין באלד אויסגיסען די גאנצע תוכחה אויף אונזער ארעמער מענשהייט.

שייקע: וואָס וואָלט איר, הער דערעדעלי, פּער־זענליך געטאָן אום די וועלט אויסצובעסערן?

גר. דערעדעלי: (שטאָלץ) ווען איך קריג אריין די אבסאָלוטע מאכט אין מיינע הענט, וואָלט איך נים פּרובירט צו פאַרבעסערן די וועלט, נאָר איך וואָלט זי אין גאַנצען פאַרניכטעט, און אויף איר פּלאַץ וואָלט איך אויסגעבויט אַ נייע, אַ ריינע, אַ ערליכע וועלט!... די ערשטע זאַך, וואָס איך וואָלט געטאָן מיט אייך, שרצים, — איך וואָלט יעדען איינעם אריינגעזעצט אין אַ באַזונ־דער קאַמער און דאַן ערשט וואָלט זיך ביי אייך אָנגעפאַנ־גען צו ענטוויקלען דער פרייהייטס־גייסט, ווייל ווי נאָר מענשען קומען זיך צוזאַמען, הויבען זיי באַלד אָן לייגען... איר שרייט אַלע „פרייהייט״, „סוואָבאָדאַ״, „גלייכהייט״ פאַר אַלעמען; און אין דער זעלבער צייט זייט איר אַליין נים קלאָר, וואָס הייסט פרייהייט. איך האָב גאָר מורא, אַז אויב איר, רעוואָלוציאָנערן, וועט אַמאָל אַרונטערשטירצען די איצטיגע באַרבאַרישע רעגירונג, וועט איר אַליין ווערען אונ־זערע רעגירער! און דער רעזולטאַט וועט זיין, די זעלבע כלה אין אַן אַנדער שלייער... איר זאָגט דאָך, אַז איר ווילט פרייהייט, איז פאַרוואָס דינגט איר זיך? פאַרוואָס בעטעלט איר? פאַרוואָס נעמט איר נים וואָס אייך קומט? אָה, איר וואַרט ביז וואַנען מען וועט אייך געבען! ניין, נאַ־ראָנים! איר וועט דאָס נים דערלעבען, סיידען איר וועט קומען צום שכל און וועט נעמען וואָס אייך קומט!... וואַ־רום פאַרשטייט איר נים, איר טראַדיציאָנעלע שקלאַפען, אַז איר האָט אַלעס מיט אייערע אייגענע הענט געשאַפען און

איר זייט באַרעכטיגט צו אַ פולן חלק!... און אויב מען גיט אייך ניט, דאַן נעמט זיך אַליין! גייט ניט אויף קאָמ־פּראָמיסען! אַלעס אָדער גאָרניט. איז פרייהייט, זאָל זיין אַ גאַנצע פרייהייט, אַ שטיקעל פרייהייט איז קיין פרייהייט ניט... אַה, איר לאַכט? איר דענקט, אַז איך בין משוגע? איך גלויבט ניט, אַז מען קען געווינען די גאַנצע פרייהייט, די אַבסאָלוטע פרייהייט? טאַ פאַרשטייט זשע, איר זאַ געגאַנטע רעוואָלוציאָנערען, סאָציאַליסטען, ראַדיקאַלן, פּראָ־גרעסיווע אינטעליגענטען, אַז אַזוי לאַנג ווי איר וועט אַליין ליגען אין דער פינסטערניש, אַזוי לאַנג ווי איר וועט אַליין זיך ניט באַפרייען פון אייערע אייגענע נאַרישע טראַדיציעס און עקעלהאַפטע געוואוינהייטען, וועט איר די וועלט ניט אויסבעסערען! ניין! ניט איר וועט בויען די נייע געזעלשאַפט. אַנדערע מענשען מיט פרייערע געדאַנקען... ניין! אומזיסט אייער מיה! — אייער געזעלשאַפט איז צעפוילט און קאָרופּט!.. לאָמיר זי פאַרניכטען און אויף איר פּלאַץ אויפבויען אַ נייע, אַ פרייע, אַן ערליכע!..

(דערעדעלי לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער גאָרע, בלייבט שטיל. אַ ווײַלע אַלע שווייגען).

דאַוויד: וואָס זאָגסטו, באָריס, וועגען דער אַנאַר־כאָ־סאָפּיסטיש־פילאָזאָפישער לעקציע?

באָריס: דו דאַרפסט ניט פאַרגעסען, אַז דערעדעלי איז פון יאָרען לאַנג אַרומוואַלגערען זיך אין די טורמעס צעדולט געוואָרען. ער פּלאָנטערט אַזוי צוזאַמען געדאַנ־קען, אַז עס איז זיך מיר שווער אין זיי פאַנאַנדערצוקלייבען. מאַנכעס מאָל ווידערשפּרעכט ער זיך אַליין. אָבער אין

אלגעמיין בין איך גאנץ איינפארשטאנען מיט זיינע מיינונ־גען. איך גלויב, אז דערעדעלי באטראכט און באהאנ־דעלט זאכען מער אין אבסטראקט־פילאזאפישען זינען. ער און זיינע קאלעגען דענקען, אז צוערשט דארף פארקומען א פאלקאמענע איבערקערעניש אין אונזערע אייגענע מחות און נאכדעם ערשט וועט קומען די דערלויזונג. זיי ווילען אויסבעסערען מיט אמאל, און מיר ווילען אויסבעסערען שטופענווייז... איך שטים מיט אים איין, אז די גרעסטע טייל פון אונזער איצטיגער געזעלשאפט איז צופוילט און פארדארבען. אין דער יעצטיגער סיסטעמע — וואס מער איינער קען שמייכלען, לייגען, באטריגען דעם צווייטען, אלץ בעסערער געשעפטסמאן איז ער. און די ערליכע מענשען, וועז זיי ווילען געניסען פון דער וועלט מוזען וויליג, צי ניט וויליג, אריינקריכען אין א וועלט פון שווינדעל און קאמפראמיסען...

ד א ו ו י ד: איך גלויב, אז דאס אלעס קאן בלויז געזאגט ווערען בנוגע דער בורזשואזי, אבער ניט וועגען דעם ארבעטער קלאס.

ב א ר י ס: אונטער די איצטיגע באדינגונגען, זיינען אויך די פראלעטאריער ניט אינגאנצען ריין פון די דער־מאנטע זינד. זיי זיינען ערליך גאר פשוט דערפאר, ווייל דער ארבייטער האט ווייניגער געלעגנהייט צו זאגען ליגען, צו גנב׳ענען און צו באטריגען. די פאבריקאנטען גיבען שוין צו גוט אכטונג, אז דער ארבייטער זאל זיין א פיי־נער און ערליכער מאן. און אום צו זיין ערפאלגרייך אין זייער אויפגאבע האלטען די קאפיטאליסטען אויף רעגי־

רונגען, ארמייען און געריכטען. צ. ב., ביי מאקאראוו׳ען אויף דער פאבריק ארבייט מען מייסטענס שטיק-ארבייט, מא-טעריאל ווערט ארויסגעגעבען מיט דעם צאל און וואג. בא דער ארבייט ווערען די ארבייטער באוואכט פון אויפ-זעהער; ביים ארויסגאנג גיט מען אויף זיי אויך גוט אכ-טונג, און נאך אלעם דעם גיי זיי א גנב! אבער די קאפי-טאליסטען און די מאנאפאליסטען, פאר זיי עקזיסטירט קיין געזעץ, פאר זיי איז אלץ פראנק און פריי, ווייל דער געזעץ איז אין זייערע הענט; און טאמער כאפט מען זיי שוין יא א מאל, איז אויף דער וועלט דא פעהיגע יוריסטען, וועלכע זארגען שוין אז די קאפיטאליסטען זאלען אויס-מיידען זייער שטראף... די ארבייטער פון מאקאראוו׳ס פאבריק וועלען מיינע ווערטער באשטעטיגען, אז די זעלבע פאפיראסען געמאכט פון זעלבען טאבאק ווערען אין מאקא-ראוו׳ס פאבריק עפענטליך געפאקט אין פארשידענע קעסטע-לאך און ווערען פארקויפט פאר פארשידענע פרייזען. (שווי-קע, זאמקע און נאך אייניגע שאקלען צו מיט דעם קאפ) אזעלכע זאכען ווערען אין דער קאפיטאליסטישער וועלט גארניט פארעכענט פאר א פארברעכען, אבער זאל אן ארבייטער ארויסטראגען איין צענדליג פאפיראסען פון פאבריק, וועט ער שוין זיצען דערפאר מאנאטען אין טורמע. האפענטליך וועט דער באגריף פון ערליכקייט בא די ארבייטער פאר-בעסערט ווערען, ווען זייער לאגע וועט פארבעסערט ווע-רען און ווען זיי וועלען זיין מער אויפגעקלערט...

גר. דערעדעלי: (שפרינגט אויף) איר האט נאר א סך גערעדט און גארניט געזאגט. איר זוכט נאר צו

פאַרדעקן דעם שמוץ, וועלכער איז אַזוי פיל אַרום אייך: איר זוכט נאָר צו פאַרטיידיגען דעם אַרבייטער, זאָג איך אייך, אַז די אַרבייטער זיינען אויך קליינינקע מענשעלאך, מיט קליינינקע נשמה׳לאך!.. ניין, איר זייט אַלע צעפוילט און פאַרפעסטעט! גיט נאָר אייערע מענשען, מעג ער זיין אַ קאַפּיטאַליסט אָדער אַן אַרבייטער, גענוג די קישקע אָנצו־פילען און איר וועט באַלד דערזען ווי אין אים דער־וועקט זיך די חיה. אה, ווי העסליך די איצטיגע געזעל־שאַפט איז!... איר רעדט פון ערליכקייט און גנבה און איר ווייסט אַליין ניט, וואָס הייסט ערליך. עס זיינען ניטאָ קיין פאַרשטענדליכע נאָרמאַלע געזונטע מענשען צווי־שען אייך!... ניין, מען דאַרף בויען אַ נייע געזעלשאַפט, מיט נייע מענשען, מיט נייע פאַרשטאַנדען!...

ש י י ק ע: טאָווארישטש באָרים, אַלעס וואָס איר האָט ביז איצט געזאָגט, איז דאָס בלויז וועגען דער עקאָנאָמי־שער זייט פון לעבען, נו און וואָס דענקט איר וועגען די געזעלשאַפטליכע באַציאונגען צווישען מענש און מענש?

ב אָ ר י ס: אויך אין געזעלשאַפטליכען לעבען שטייען די רייכע אַ סך נידריגער פון די אַרבייטער מאַסען. די רייכע ליבן אימער איינע די אַנדערע אַריבערצושטייגען אין לוקסוס און הולטייסטוועס. זייערע אונטערהאַלטונגען זיינען פון ביליגען סאָרט, זייערע געפילען זיינען פאַר־טעמפּט און געשמאַקלאָז. דער אַרבייטער אָבער קומט אַ מידער פון פאַבריק אָדער פון פעלד, מוז ער זיינע גלידער אויסרוהען, און שוין דערפאַר אַליין איז צווישען די אַרביי־טער ווייניגער שווינערייי...

גר. דערעדעלי: (הויך) ניין! ניין! און אפילו די ארבייטער זיינען אויך ליגנער, שווינדלער און באטריגער!.. עס וועלען ניט העלפען אייערע פילפולים און נאך וויניגער אייערע רפואות. דאס איינציגע וואס איר קענט אויפטאן איז, אז איר זאלט נאך אויפהאלטען דעם פארפעסטעטען ארגאניזם אויף נאך אביסעל צייט. נייך, פארניכטעט בעסער די איצטיגע שלעכטע מענשהייט און שאפט אויף איר פלאץ א שיינע, א פרייע, א ערליכע...

(פעדקא קריוואנאסענקא כאפט זיך אויף פון שלאף, רייבט זיך די אויגען, קוקט זיך ארום, וויל זיך אריענטירען וואו ער געפינט זיך. די פאליטישע ריגגלען אים ארום).

שייקע: ווי פילט איר, טאווארישטש?

דאוויד: טוט אייך עפעס וויי?

קריוואנאסענקא: (קוקט, וויים ניט וואס צו ענטפערען, ציינט אויפ'ן קאפ.) דער קאפ טוט מיר וויי!

שייקע: ווילט איר אפשר א טרונק?

(קריוואנאסענקא שאקעלט מיט'ן קאפ אויף יא. שייקע לויפט, ברענגט וואסער, גיט עס אים צו טרינקען).

דאוויד: מען דארף אייך איבערבינדען דעם באנדאזש. (נעמט א ליילאך, רייסט אפ א לאנגען שמאלען פאס, בינדט אפ דעם פארבלוטיגטען באנדאזש, שייקע און זאמקע העלפען ארויס, מען וואשט אים דאס פארטריקענטע בלוט פון פנים).

שייקע: זעט נאר, חברה, דאס איז דאך פעדיא קריווינאסענקא! איך האב אים גארניט דערקאנט!

זאמקע: ווירקליך, פעדקא, פעדקא קריוואנאסענקא.

(שטופּט אים די האַנט) וואָס מאַכסטו, פעדקאָ? ווי ביזטו אהערצו אריינגעפאַלען?

שייקע: ווער האָט דאָס דיך אַזוי צע׳ממית׳ט?

זאַמקע: וואָס הערט זיך אין שטאָט?

קריוואָנאָסענקאָ: לאָזט מיר אַביסל אָפּכאַ־פּען דעם אָטעם. — איך וועל אייך אַלץ דערציילען.

שייקע: (לויפט ברענגט אַן אַפּעלסין, שיילט דאָס אָפּ, גיט דאָס קריוואָנאָסענקאָ׳ן. זאַמקע גיט אים אַן עפּעל) דאָס האָבען וואָל־טעטיגע דאַמען אונז געבראַכט לכבוד ניי יאָר!

(קריוואָנאָסענקאָ עסט מיט אַפּעטיט).

זאַמקע: נו, דערצייל שוין, וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָט? וואָס מאַכען די טאָוואַרישטשעס?

קריוואָנאָסענקאָ: אַז מען שטופּט אַן דעם בויך, ווערט לייכטער אויפ׳ן האַרצן...

זאַמקע: נו, פעדקאָ, דערצייל עפּעס!

קריוואָנאָסענקאָ: עס איז דאָ אַזוי פיל נייעס אין שטאָט און אויפ׳ן לאַנד, אַז איך ווייס ניט פון וואַנען אָנצופאַנגען... עס איז אַ גרויסער דוחק אין שפּייז. דאָס פאָלק רעבעלירט. (די פּאָליטישע קוקען זיך איבער מיט פריידֹ) דעם קאַווקאַזקער פאָלק האָט מען באַפוילען אָפּצופאָרען צום שלאַכט פעלד, האָבען זיך די סאָלדאַטען צעבונטעוועט און ווילען ניט פאָרען. אַ סך פון די אָפי־צירען, איבערהויפּט די אינגערע, זיינען מיט די סאָלדאַטען... מאַקאַראָוו׳ס פאַבריק האָט זיך פאַרמאַכט. די אַרבייטער האָבען דאָרט צעבראָכען אַלע מאַשינען און האָבען פאַר־לאָזען די פאַבריק. דאָס זעלבע איז געשען אין די אַנדערע

פאבריקען. די אכראנקע מיט דער פאליציי ארבייטן אויף אלע כלים. זיי האבען ארעסטירט א סך מענשען. צווישן די ארעסטירטע געפינען זיך א סך סטודענטען און אפי־צירען... איך און נאך עטליכע יאטען האבען פאנאנדער־געטיילט אויפרופען צו די אייזענבאן ארבייטער און קאנ־דוקטארען, אז זיי זאלען זיך ענטזאגען צו פירען די סאל־דאטען צום שלאכטפעלד. צוויי זשאנדארמען האבען מיך געכאפט ביי דער מלאכה. זיי האבען מיך אין א פארמאכטען וואגען אוועקגעפירט אין אוטשאסטאק, דארטען ווי איר זעט, האט מען מיך אזוי גוט מכבד געווען. — בלוט איז גערונען פון מיין קאפ. אימיצער האט זיך אויף מיר דערבארימט און מיך פארבאנדאזשירט. פון דארטען האט מען מיך אפ־געשיקט אין דער אכראנקע. עס איז אבער דארט פאר מיר קיין פלאץ געווען: יעדער קאמער איז אנגעשטאפט מיט בונטשאוושטשיקעס, האט מען מיך אפגעשיקט אהער.

(אלע קוקען זיך איבער מיט פרייד און פארוואונדערונג).

שייקע: איז דאס אלעס אמת?

דאוויד: איך גלויב ניט מיינע אויערען!

קריוואנאסענקא: יעי באגו, טאוארישטשי, אלעס אמת!

באריס: דאס פאלק האט דאך ערוואכט! דער גרויסער טאג פון דער באפרייאונג פון רוסלאנד קומט אן!

שייקע: די ענדע איז געקומען צו די טיראנען!

זאמקע: עס לעבע די סאציאלע רעוואלוציע!

אלע:

נידער מיט די טיראנען! הורא!...

דאַ זדראַווסטוואָועט סוואָבאָדאַ! הוראַ!...
דאָלאַי סאַמאָדערזשאַוויע! הוראַ!...

גר. דערעדעלי: דאַ זדראַווסטוואָויעט נאָוואַיאַ עראַ! עס לעבע די נייע געזעלשאַפט!

דעזשורני: (אַ שכור'ער קוקט אַריין פון גלאָזאָק, שרייט) טישע, רעביאַטאַ, ניע שומיטיע! (ער גייט אָפּ).

באָריס: (צו דאַווידן) מען דאַרף די נייעס גיכער אָנזאָגען אין די איבריגע קאַמערן.

דאַוויד: געוויס, געוויס. (באָריס און דאַוויד לאָזען זיך אין פאַרשידענע טיילען פון צימער, קלאַפּען זיך דורך מיט די אַנדערע קאַמערן).

דעזשורני: (גוט שכור, קומט אַריין אין קאַמער) שטי-לער רעביאַטאַ! האַלט זיך רוהיג, אַז ניט וועל איך גיין דערציילען דעם סמאָטריטעל.

זאַמקע: מעגסט אפילו אַראָפּברענגען דעם צאַר באַטיושקאַ אַליין, וועט עס דיר אויך ניט העלפען!

דעזשורני: יעי באָגו, איך וועל דאָלאָזשען דעם סמאָטריטעל!

זאַמקע: דו ווייסט, סאָלדאַטשיק, (טוט אים אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע) אַז דו ביסט שוין אויס קאַפּעליוש מאָבער?

קריוואָנאָסענקאָ: איר ווייסט, טאָוואַרישטש, אַז מיר ווערען איינגיכען פרייע בירגער?

דעזשורני: (קוקט פאַרוואונדערט, ברוגז'לאַך) איך גיי שוין דאָלאָזשען דעם סמאָטריטעל. (גייט אָפּ).

קריוואָנאָסענקאָ: טאָוואַרישטשי, לאָמיר פריילאַך באַגעגענען דאָס יאָר נײַנצען הונדערט און זיבעצען!

שטימען: לאמיר מאכען א פירוזשקע!... לא־מיר פייערען!.. אוי, סטאראסטא, ברענגט ארויף די גו־טע זאכען!

זאמקע: (לויפט צו באריס'ן פרעגט אים אין דער שטיל, צו זיי קענען שוין אנפאנגען. ער קריגט אין היילעניש א ווייסען לוילעך, פארשפרייט עס איבער דעם טיש, שייקע און נאך אייניגע העלפען אים ארוים. זיי ברייגגען ארויף עפעל און אפעלסינען, ווייסע ברויט...).

באריס: (צו דאוויד'ן) א, וואס פאר א שמחה עס איז געווארען אין דער זשענסקער קאמער!

דאוויד: און מיר האט מען געענטפערט, אז די זעל־בע נייעס האבען זיי געהערט נאך לעצטע וואך, אבער זיי האבען דאס ניט געגלויבט, איצט גלויבען זיי שוין.

באריס: אה, ווען מיר וואלטען געקענט איצט זיין אלע צוזאמען!

שייקע: (צעברעכט די עפעל אויף האלבע) דאס איז אלץ וואס מיר פארמאגען.

זאמקע: מיר וועלען נאך היינט טרינקען בראנפען! (ער שלעפט ארויס פון א ווינקעל א לוידיקע פלאש, פילט עס אן מיט וואסער, שטעלט עס אויפ'ן טיש. ער ברענגט עטליכע גלעזער און גיסט זיי אן מיט וואסער).

זאמקע: אנו, רעביאטא, שלעפט ארויס די גיטארע און די מאנדאלין! (מען פאלגט אים).

קריוואנאסענקא: (פארוואונדערט) פון וואנען קומט דאס צו אייך?

שייקע: מען האט עטליכע פון אונז געשיקט ארביי־

טען אין דער טורעמנער צערקאָוו פאַר ראַזשדעסטווא, האָ־
בען מיר דאָס דאָרטען צוגעשלעפּט.

ז אַ מ ק ע: עס האָט מיך געגוג געזונט געקאָסט איינ־
צוהאַלטען זיך אום ניט אַ ריר צו טאָן די סטרונעס.

(אַלע זעצען זיך אוים אַרום טיש יום־טוב׳דיג).

ד אָ ו ו י ד: טאָווארישטשי, איך טרינק פאַר דער שנע־
לער באַפרייאונג פון רוסלאַנד!

אַ ל ע: הוראַ! נידער מיט די ראָמאַנאָוום!
הוראַ!...

ב אָ ר י ס: איך טרינק פאַר דער באַפרייאונג פון דער
וועלט פון אַלע אירע טיראַנען!

אַ ל ע: הוראַ! נידער מיט די וואַמפּירן! הוראַ!
נידער מיט די טיראַנען! הוראַ!...

ש י י ק ע: טאָווארישטשי, איך טרינק דאַפיר, אַז אַ
שנעלער פרידען זאָל קומען בּאַ אונז און בּאַ אַלע שטריי־
טענדע פעלקער!

אַ ל ע: הוראַ! עס לעבע דער פרידען! הוראַ!...
עס לעבע די פרייהייט! הוראַ!..

ג ר. ד ע ר ע ד ע ל י: איך טרינק פאַר דער באַ־
פרייאונג פון דעם זעלבסט באַוואוסטזיין און פאַר דער נייער
פרייער געזעלשאַפט!

אַ ל ע: בראַווא, בראַווא דערעדעלי! (אַלע טרינקען,
זאַמקע דערגיסט).

ש ט י מ ע ן: טאָווארישטשי, לאָמיר אַלע זינגען כאָ־
ראָם!

ז אַ מ ק ע: געוויס, זינגען. (זאַמקע פאַנגט אָן זינגען אַ

רוסיש רעוואלוציאנער ליד, אלע העלפען אים מיט. די גיטארע און מאנדאלין אקאמפאנירען...).

דעזשורגי: (קוקט ווידער ארײַן אין גלאזאק) זײַט שטילער, אז ניט גיי איך באלד רופען דעם סמאטריטעל!.. וואס איז דא בא אייך, שנאפס? דאס טאר מען ניט.

זאמקע: קום ארײַן, טאווארישטש, מיר וועלען דיך אויך מכבד זײַן, (דער דעזשורנער קומט ארײַן, האלט זיך קוים אויף די פיס. זאמקע קוועטשט ארײַן אביסעל אפעלסין אין א גלאז וואסער).
נו, טרינק שוין, דו נארישער סאלדאט, ווי א גרויסער כוואט, פאר דער באפרייאונג פון דעם פראלעטאריאט! זאל גאט געבען, אז מיר זאלען דערלעבען, ניקאלייען אויף יענער וועלט פירען, און א סאציאליסטישער פרעזידענט זאל אויף זײַן פלאץ רעגירען!... (דער דעזשורני טרינקט, אלע לאכען, ליארמען און שרייען „בראוואָ"!).

דעזשורני: יעי באגו, איך גיי באלד דאקלאדעוועון דעם סמאטריטעל!... שנאפס טרינקען, — דאס טאר מען ניט... (דער דעזשורני וויל אוועק גיין, זאמקע האלט אים צו, נעמט עטליכע חברים און לאזען זיך טאנצען א קאראהאד מיט אים צוזאמען, ער רייסט זיך ארוים און שרייט).

דעזשורני: יעי באגו, איך וועל באלד דאלאזשען דעם סמאטריטעל! שנאפס טרינקען דאס טאר מען ניט... (דער דעזשורני גייט אפ, מען נעמט זיך ווידער צום טאנצען און זינגען, די גיטאר און די מאנדאלין אקאמפאנירען...).

פארהאנג פאלט לאנגזאם.

פערטער אַקט

אַ סקווער לעבען דער טורמע. רעכטס — דער פאַסאַד פון דער דריי־שטאָקיגער שטיינערנער טורמע. די שמאָלע פענצטער פון טורמע זיינען באַשלאָגען מיט אייזערנע גראַטעס. בא די זייטען פון טורמע צוויי בודקעס פאר די סטראַזשניקעס. אין הינטערגרונט — אַ גע־ווינקלאַכע קליין־שטעטלדיגע גאַס מיט הילצערנע הייזער, בוימער, פאַרקאַנס, טויערן, פאַרטקעס...

צייט — ענדע פעברואַר 1917.

פיר סאָלדאַטען מיט ביקסען אויף די פּלייצעס באַוואַכען די טורמע. עס הערט זיך פון זייער ווייט, ווי אַ מיליטערישער אָרקעסטער שפּילט די מאַרסעליעזע. מענשען לויפען פאַרביי אין גרויס איילעניש.

ע ר ש ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: (אַ יונגער) נו, רעביאַטאַ, וואָס דענקט איר זאָלען מיר טאָן? זאָלען מיר צושטיין צו די רעוואָלוציאָנערען, אָדער זאָלען מיר בלייבען טריי דער רעגירונג?

צ וו י י ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: (אַ יונגער) איר ווייסט, מען זאָגט, אַז גרויס־פירשט מיכאַאיל האָט שוין אויך אָפּגעדאַנקט!...

ע ר ש ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: אַן אָפיציר האָט אונז געכטען דערציילט, אַז דער גאַנצער רוסישער מיניסטע־ריום איז אַראָפּגעזעצט געוואָרען, און איז איינגעשפּאַרט אין געפענגניש... און אַז די רעוואָלוציאָנערען האָבען פאַר־כאַפּט די גאַנצע רעגירונג.

דריטער סאָלדאַט: (אַן אַלטער סטראַזשניק) גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ וועלט עס איז געוואָרען! — די סאָציאַליסטען ווערען נאָך מיט דער צייט איבערקערען די וועלט מיט די פיס אַרויף און מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ!...

פערטער סאָלדאַט: (אַ באַיאָרענטער סטראַזשניק) דאָס אַלעס וואָס מען דערציילט, איז אַ ליגען, — די זשידעס מיט די קראַמאָלניקעס האָבען דאָס אויסגעטראַכט.

צווייטער סאָלדאַט: ניין, ברודערל מיינער, דאָס זיינען שוין ניט מער קיין אויסגעטראַכטע סקאַזקעס... דאָס פאָלק בונטעוועט זיך, ער וויל ברויט און פרייהייט.

ערשטער סאָלדאַט: ניין, ברודער, דאָס איז שוין ניט מער קיין אויסגעטראַכטע מעשיות... אַלע ריידען וועגען דעם פראַנק און פריי... דער גאַנצער קאַווקאַזער פאָלק האַלט בּאַ ערקלערען טרייהייט דער נייער רעגירונג...

דריטער סאָלדאַט: און איך וועל בלייבען טריי מיין שבועה, וואָס איך האָב געגעבען זאַ באָגאַ, זאַ צאַריאַ און אָטעטשעסטוואָ!

פערטער סאָלדאַט: און איך וועל ביז מיין לעצטען טראָפּען בלוט פאַרטיידיגען זיין מאַיעסטעט צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטען און מיין פאָטערלאַנד!..

(עס הערט זיך פון זייער ווייט קלאַנגען פון דער מאַרסע־ליעזע, געשרייען פון דער מאָסע: עס לעבע די סאָציאַלע רעוואָלוציע! נידער מיט די טיראַנען! נידער מיט די ראָמאַנאָווס! דאַ זדראַווסטוועיעט סוואָבאָדאַ! הוראַ! הוראַ! הוראַ!... מענשן לויפען פאַרביי.

(עס הערט זיך אַ שיסעריי. עטליכע אַרבייטער שלעפּען מיט געוואַלד אַ פּאָליציאַנט).

צ ו ו י י ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: נו, וואָס וועט איר זאָגען אויף דעם?

ד ר י ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: אַך, גאָט מיינער, זאָלען זיי אַלע פון וועלף דערוואָרגען ווערען!...

ע ר ש ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: די רעוואָלוציאָנערען, קענטיג, נעמען די אויבערמאַכט!

פ ע ר ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: זאָל איך דאָס גאָרניט דערלעבען!

(עס קומען אָן יעקב, נעמי און דבורה, זיי שטעלען זיך אָפּ. עס לויפט פאַרביי אַ טאָלפּאַ אַרבייטער מיט רויטע פאָנען. צווי־שען זיי אויך איניגע סאָלדאַטען. איניגע שטעלען זיך אָפּ).

א י י נ ע ר פ ו ן ט אָ ל פּ אַ: וואָס שטייט איר, טאָ־ווארישטשי, ווען הימען איר דאָ? לאָזט אַרויס די פּאָלי־טישע און מיר וועלען פייערען אַלע צוזאַמען דעם גרויסען יום טוב פון רוסלאַנד׳ס באַפרייאונג פון דעם יאָך פון די טיראַנען!

(יעקב מיט נעמי׳ן גייען צו נעהענטער).

י ע ק ב: (צו די סאָלדאַטען) לאָזט אַרויס מיינע שמאַכ־טענדע קינדער!

נ ע מ י: לאָזט אַרויס מיינע טייערע און ליבע קינדער! זיי האָבען קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן.

ד ב ו ר ה: זיי האָבען אוועקגעגעבען זייער לעבען פאַר אייער באַפרייאונג און איר האַלט זיי פאַרשפּאַרט!.. שעמען מעגט איר זיך!

דריטער סאָלדאַט: (בייז) גייט אוועק פון דאַנען, זשידי קראַמאָלניקי, באַגאַכולצי!

פערטער סאָלדאַט: (בייז, טרייבט מיט דעם פריקלאַד) גייט אוועק פון דאַנען איזמעניקי, אַנטיכריסטי פּראָקליאַטיע!

(אַלע גייען אַוועק. איינער שרייט אויס: „מיר וועלען זיך מיט אייך אין גיכען אָפּרעכענען!". ערשטער און צווייטער סאָלדאַט זיינען פּאַסיוו).

ערשטער סאָלדאַט: נו, רעביאַטאַ, וואָס דענקט איר צו טאָן?

צווייטער סאָלדאַט: איך גלויב, אַז מען דאַרף זיך אונטערגעבען.

ערשטער סאָלדאַט: איך גלויב אויך אַזוי.

פערטער סאָלדאַט: (זייער אומצופרידען) איר זייט אַזעלכע איזמעניקעס ווי די זשידעס און די סקו־בענטען!

דריטער סאָלדאַט: איך וועל מיין שבועה ניט פאַרשוועכען. איך וועל בלייבען טריי צו אונזער צאַר באַטיושקאַ, בדי איך וועל דאַרפען דאָ אָפן אָרט שטאַרבען!..

(עס קומט אָן אַ דעלעגאַציע: עטליכע סטודענטען, עטליכע סאָלדאַטען און אַלגאַ פּעטראָוונאַ).

אַלגאַ: ליבע בירגער, מיר זיינען אהער געשיקט געוואָרען אין דעם נאָמען פון דער נייער רעגירונג. מיר בעטען אייך, אַז איר זאָלט אַרויסלאָזען די אומשולדיגע, שמאַכטענדע טאַוואַרישטשעס!

פערטער סאָלדאַט: איך ווייס ניט פון קיין

נייער רעגירונג, — איך וועל נאָר ערפילען דעם פריקאַז פון זיין קייזערליכען מאַיעסטעט!

(ערשטער און צווייטער סאָלדאַט קוקען גוטמוטיג אויף דער דעלעגאַציע).

אַ ל ג אַ: אָבער אום גאָטעס ווילען, צאַר ניקאָליי האָט זיך אַליין ענטזאגט פון זיין טראָן און ער וועט מער קיין פריקאַזען ניט אַרויסגעבען... אָט האָט איר דעם מאַניפעסט פון דער צייטווייליגער רעגירונג. לעזט אים, וועט איר זיך אַליין איבערצייגען.

(אַלגאַ גיט זיי דעם מאַניפעסט).

ע ר ש ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: מיר קענען ניט לעזען, באַרישניאַ, לעזט איר דאָס פאַר אונז.

צ ו ו י י ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: מיר זיינען ניט קיין גראַמאָטנע, באַרישניאַ, לעזט איר און מיר וועלען הערען.

אַ ל ג אַ: (לעזט פון אָפיציעלען דאָקומענט) בירגער, די גרויסע אַרבייט איז שוין אָפּגעטאָן! מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ האָט דאָס רוסישע פאָלק געמאַכט אַ סוף צו דער אַלטער רעגירונג. נאָך לאַנגע יאָרען פון שווערען קאַמף איז איצט געבוירען געוואָרען אַ נייע רוסלאַנד! די הערשער האָבען שלעכט געפירט, זיי האָבען געפירט דאָס גאַנצע לאַנד צום אומגליק, און דעריבער האָט דאָס פאָלק אַליין געמוזט איבערנעמען די הערשאַפט אין זיינע הענט, וועלכע איז פאַרטרויט דער צייטווייליגער רעגירונג. די צייטווייליגע רעגירונג, וועט פירען דאָס לאַנד אויף דעם וועג פון אַ פרייער ציווילער אָרדנונג און אויך צו אַ שנעלען זיגרייכען פרידען. וויסענדיג אַז די סאָציאַליסטען

און רעוואלוציאנערען האבען פון יארען לאנג געקעמפט און אוועקגעגעבען זייערע לעבענס פאר א פרייער רוסלאנד, באפעלען מיר דער צייטווייליגער רעגירונג ערענהאפטליך פרייצושפרעכען אלע פאליטישע פון אלע טורמעס און אויך פון סיביר. "רעוואלוציאנערע רעגירונג„.

(אלע שווייגען).

אלגא: נו, וואס איז אייער ענטפער?

פערטער סאלדאט: דאס איז אלעס א ליגען. די זשידעס מיט די סקובענטען האבען דאס אליין אנגעשריבען!

דריטער סאלדאט: א מאניפעסט קען נאר ארויסגעבען דער צאר באטיושקא אליין. איך בלייב טריי מיין שבועה!...

(יעקב, נעמי און דבורה באווייזען זיך ווידער).

אלגא: פריינדע, איך בעט אייך מיט גוטען, לאזט ארויס אונזערע קאמעראדען, וועלכע האבען אזוי נאבעל געקעמפט פאר דער באפרייאונג פון רוסלאנד! זאלען זיי זיך פרייען מיט די פרוכטען פון זייער ארבייט.

דריטער סאלדאט: איך וועל זיי ניט ארויסלאזען, — איך בלייב טריי דעם צאר באטיושקא.

פערטער סאלדאט: (בייז) גייט אוועק פון דאנעט, אז ניט וועל איך אויף אייך שיסען!

(טרייבט די טאלפא מיט דעם בריקלאד. עס קומען אן עטליכע לאיאלע סאלדאטען און באוואכען די טורמע).

אלגא: אויב איר וועט זיי ניט ארויסלאזען מיט גוטען, וועלען מיר נעמען מיט בייזען!

(אַלגאַ און די טאַלפאַ גייען אַפּ).

ש ט י מ ע ן: „קומט מיט אונז סאָלדאַטען!"

(ערשטער און צווייטער סאָלדאַט גייען אַוועק מיט דער טאַלפאַ).

ד ר י ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: אַך, באַזשע מאָי, פינף און דרייסיג יאָר הייליג געהאַלטען מיין שבועה צום צאַר באַטיושקאַ און צו מיין פאַטערלאַנד. אַלעמאַל פאַר־פאָלגט די קראַמאָלניקעס און סאָציאַליסטען, און איצט גיי וועך מיט זיי פאַני בראַט... אַך, וואָלט איך דאָס בע־סער ניט דערלעבט!

פ ע ר ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: איך בין שוין אויך צוואַנציג יאָר סטראַזשניק אין דער טורמע. איך וועל ביז מיין לעצטען טראָפּען בלוט פאַרטיידיגען דעם צאַר באַ־טיושקאַ און מיין פאַטערלאַנד.

ד ר י ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט: איך אויך...

(דריטער און פערטער סאָלדאַט און די נייע צוגעקומענע לאַדען אָן זייערע ביקסען. פון צייט צו צייט הערט זיך אַ שיסעריי, געשריי, טומעל, דער גערויש קומט אַלץ נעהענטער. עס הערען זיך אויסגעשרייען:

„עס לעבע די סאָציאַלע רעוואָלוציע!
הורא, הורא!..
עס לעבע די פרייע רוסלאַנד!
נידער מיט די טיראַנען!...
נידער מיט די ראַמאַנאָווס! הורא!"...

עס הערט זיך דייטליך די מוזיק פון א מיליטערישען ארקעסטער. מען שפילט א רעוואלוציאנערע ליד. דאס פאלק העלפט מיט.

עס לויפט אן א גרויסע טאלפא סטודענטען, ארביי־טער, סאלדאטען, גימנאזיסטען, מיט רויטע בענדער אויף די ארעמס. צווישען זיי אויך אלגא, יעקב, נעמי און דבורה. די לעצטע דריי האלטען זיך צוזאמען אין שרעק. פילע פון דער טאלפא זיינען באוואפענט מיט רעוואלווערען, איי־זענס און שטעקענער... שטימען פון טאלפא:

„לאזט פריי אונזערע קאמעראדען!"

דער דריטער און פערטער סאלדאט און די עטליכע לאיאלע סאלדאטען, אויך סאלדאטען דורך די פענסטער פון טורמע פאנגען אן צו שיסען אין טאלפא. עס ווערט א צוזאמענשטויס, א שיסעריי. מען שלאגט זיך, מען ברעכט דאס אייזערנע טויער. א גרויסע מאסע לאזט זיך אריין אין טורמע. עס קנאלען די ביקסען, שויבען ווערען געבראכען, געשרייען, יללות, מען טראגט פארוואונדעטע, עס ווערט שטיל. עס קומען אן לייטע מיט רויטע פאנען מיט די אויפשריפטען:

דא זדראווסטוואויעט סוואבאדנאיא ראסיא!
עס לעבע די סאציאלע רעוואלוציע!
פרייהייט און ברויט!

די מוזיק באוויזט זיך, שפילט א רעוואלוציאנערע ליד. דאס

פאלק העלפט מיט, דאן ווערט ווידער שטיל. א שטופעניש.
עס הויבען אן ארויסקומען די פאליטישע).

ד א ס פ א ל ק : בראווא טאווארישטשי! לאנג לעבען זאלען אונזערע קעמפער! הורא, בראווא!

(עס באווייזט זיך דערעדעלי).

ג ר. ד ע ר ע ד ע ל י : עס לעבע די נייע געזעלשאפט! דא זדראוסטוואויעט נאוואיא ערא!

ד א ס פ א ל ק : הורא! בראווא!

(עס קומען נאך פאליטישע, אייניגע פארקריפעלטע. דאן קומען אן באריס, דאוויד, מאריא, שייקע, זאמקע, קריוואָ־נאסענקא. מען זינגט, מען פרייט זיך, די מוזיק שפילט. יעקב, נעמי און דבורה באפען זיך ארום מיט זייערע קינדער און נאהענטע. נעמי און יעקב וויינען פאר פרייד).

ב א ר י ס : טאווארישטשי, אונזער גרויסער טרוים איז פארווירקליכט געווארען! רוסלאנד איז פריי! מיר האבען געוואונען דעם קאמף!

ד א ס פ א ל ק : הורא! לאנג לעבען זאלען אונזערע קעמפער!

(די מוזיק שפילט, אלע האלטען אונטער).

פארהאנג פאלט.

ע נ ד ע

נױ יארק, 1920.

נאַטורס ווידערקלאַנגען

דראמא אין דריי אקטען (פינף סצענעס).

פּערזאָנען:

גרישאַ קאַניעווסקי, אַ הויכער סימפּאַטישער ברונעט, 23 יאָר אַלט.
באַסיאַ אַבראַמאָוונאַ קאַהאַנסקאַיאַ, אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיקע גראַ־
ציעזע מיידעל מיט איינדרוקספולע געזיכטסציגע, 21 יאָר אַלט.

ברוך דוד, גרישאַ׳ס פעטער. } עלטערע מענשען.
חנה דבורה, גרישאַ׳ס מומע. }

פּיוזקע טיגער, אַ גראָבלאַכער מאַן אין די דרייסיגער.
סאָניאַ זימאָן, 25 יאָר אַלט.
בעזפּאַלאָוו, סטודענט.
אַלעקסיי ניקאָלייעוויטש כוואָסטאָוו, אַ קורצער, פּוזאַטער מיט
באָרד און וואָנסעס, 55 יאָר אַלט.
מאַקסים מאַקאַרענקאָ, 35 יאָר אַלט.
אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ, באַלעבאָסטע פון קאַפע־שאַנטאַן, אַ חויכע,
דיקע עלטערע פרוי.

אַדעלינאַ, הויך און דאַר. } קאַבאַרעטען מיידלאַך.
רעגינאַ, קורץ און גראָב. }

קיטאַיעץ.
וואַנקאַ, אַ קורצער, אַ דאַרער שמוציגער שייגעץ.
לאַמאַנאָסאָוו, הויכער, שלאַנקער גרויער מאַן.
שיינמאַן, גרישאַ׳ס פריינד.
מוזיקאַנטען, פּויער, גימנאַזיסט, אָפיצערען, געסט.

ציים — ניקאָליי דעם לעצטענס, סוף זומער. אָרט דער האַנדלונג —
די ערשטע אַקטען אין אַ רוסישער גובערנסקער שטאָט.
דער לעצטער אַקט אין אַמעריקע.

ערשטער אַקט

אַן איינפאַך ציכטיג אָרים צימער. אין הינטערגרונד — צוויי פענצטער
אַ טישעל אויף וועלכען עס געפינען זיך אַ סך ביכער, אַ קעראָסין
לאָמפּ, שרייב געצייג, אַ זייגער; לעבען טישעל צוויי בענקלאַך.
רעכטס — אַ טיר, אַ שטרויענער קויש, איבערן קויש עטליכע פּאָליצעס
מיט ביכער. לינקס — אַ ריין צוגעבעט בעט. אויף די ווענט אַ
געאָגראַפישע קאַרטע, פּאָרטרעטען פון טאָלסטאָי, גאָרקי, אַנדרעיעוו, אויך
אַ גיטאַרע און אַ מאַנדאָלין. ס׳איז זומער פאַרנאַכט, פון די פענצטער
שיינען אַריין די לעצטע זונען שטראַלען. גרישא איז גע־
קליידעט אין אַ בלויער זיידענער רובאַשקע מיט שוואַרצע הויזען, לעזט
אַ בוך. ער קוקט פון צייט צו צייט נערוועז אויפ׳ן זייגער. עס
קומט אַריין ברוך דוד אין אַ יאַרמולקע.

ברוך דוד: (גוטמוטיג) גרשון, דו זיצט נאָך אַלץ
איבער די ביכלאַך?... שטענדיג איבער די טרף פסול׳ן!
עס ווערט דיר גאָרנישט נמאס?

גרישא: אַז איר וואָלט געוואוסט, פעטער, וויפיל
חכמה עס ליגט אין אָט די ביכלאַך, וואָלט איר זיי רעס־
פּעקטירט אַזוי גוט ווי דעם תלמוד און נאָך אפשר מער.

ברוך דוד: דו וועסט מיך ניט איינריידן, אַז אין
די ביכלאַך איז דאָ מער חכמה ווי אין דער גמרא... אַלע
חכמות און פילאָסאָפיעס געפינען זיך אין תלמוד. ס׳זיי־
נען ניטאָ קיין גרעסערע קעפּ ווי אונזערע תנאים און
אמוראים, און אַלץ וואָס דו לעזט אין די ביכלאַך איז
דאָס אַרויסגעגנבעט פון דער גמרא.

גרישא: איך זע, פעטער, אַז איר װילט זיך שױן מיט מיר װידער קריגן.

ברוך דוד: װער האָט דען כח צו קריגן זיך מיט דיר. איך בין זיך היינט געװנג אַנגעלאָפּען פון איין באַלעבאָס צום צװײטען... (זיפצט) עך, עס קומט אָן מיט מאַטערניש צוזאַמענצוקלײבען אַ נײעם קנעלונג . . . (ער שמעקט טאַבאַק פון צייט צו צייט) הערסטו, גרשון, איז היינט אַ װעלט געװאָרען! איין באַלעבאָס װיל איך זאָל לערנען זיין אינגעל „רוס", קיין מר-בר-רב-אשי, זאָגט ער, װעט ער סיי װי סיי ניט זיין, טאָ זאָל ער כאָטש קענען שמועסען מיט אַ גױ; אַ צװײטער װיל איך זאָל לערנען זיין אינגעל חשבון, דיקדוק, און לשון קודש; אַ דריטער װיל, איך זאָל לערנען זיין אינגעל קיצור שולחן ערוך. זיי װײסען אַליין ניט װאָס זיי װילען... ניט גוט, ניט גוט... יעדען זמן װערט אַלץ שװערער צוזאַמענצוקלײבען אַ קנעלונג. נײע צייטען מיט נײע משוגעת'ן...

גרישא: איר װעט דאָך, פעטער, אין גיכען אינגאַנצען אױסגעלײזט װערען פון די מלמדות!

ברוך דוד: יאָ, ביידע זין בעטען מיך אין יעדען בריװ אַז מיר זאָלען פאָרען קיין אַמעריקאַ. מיין חנה דבורה האָט דוקא גרױס חשק, אָבער איך ניט. איך האָב שטאַרק מורא פאַר דער אַמעריקאַ. מען דערצײלט, אַז אַלע אידען זיינען דאָרט מחלל שבת, גלוחים. כשר פלייש איז דאָרט ניט צו קריגען. פאָלג מיר אַן עסק, און גיי װער אױף דער עלטער אַ גױ!

גרישא: גלױבט ניט, פעטער, װאָס מען דערצײלט

אייך, אז מען וויל קען מען זיין א פרומער איד אפילו אין אמעריקא אויך.

(חנה דבורה קומט אריין).

חנה דבורה: גרשון, אפשר ווילסטו שוין גיין עסען וועטשערע, אפשר?

גרישא: איך וויל נאך ניט, מומע.

חנה דבורה: און טאמער וואלסטו זיך שוין, ברוך דוד, געגאנגען זיך אנטאן, טאמער? מיר דארפען דאך גיין, דארפען מיר!

ברוך דוד: מיר וועלען גארנישט פארשפעטיגען. (חנה דבורה אפ) עס האט זיך איר פארוואלט מיר זאלען אנקוקען די זווערינצע, די ווילדע חיות... אויך מיר א פארגעניגען, נאר אז מיין חנה דבורה שפארט זיך איין, העלפט דאך ניט קיין טענות.

גרישא: איך האב געהערט, פעטער, ווי איר סטראַיעט זיך אויף ימים נוראים? איר דאווענט היינטיגען יאר ווידער?

ברוך דוד: איך דאווען שוין ברוך השם אכצען יאר נאכאנאנד אין ליבאוויטשער שוהל — און דו פרעגסט צי איך דאווען ווידער!... דאס איז שוין, קינד מיינס, מיין חזקה. היינטיגען יאר גיבען מיר די גבאים גאנצענע פופציג רובעל און צוויי משוררים מיט א היטעל צוקער דערצו.

גרישא: איך האב געהערט, פעטער, ווי איר סטראַיעט זיך מיט א נייעם „כבקרת".

ברוך דוד: נו, ווי געפעלט עס דיר? דאס איז שוין איינמאל א „כבקרת", דאס איז דאך ניסן בעלזערס

א פערפאסונג, מעגסט עס זיך אויסלערנען, עס וועט דיר גארנישט שאטן. (ער הוסט זיך אוים) אבער הער־זשע מיט קאפ און העלף ארוים. (ער זינגט, גרישא העלפט שטיל אונטער).

חנה דבורה: (פון הינטער די קוליסען) ברוך דוד, א ברוך דוד! גענוג שוין דיר צו גארגלען זיך, גענוג שוין! מיר דארפען דאך שוין באלד גיין, דארפען מיר.

ברוך דוד: (הויך) איך גיי שוין, איך גיין שוין! (צו גרישא'ן) א שיינעם פנים האט עס: א גמרא מלמד און בעל תפילה זאל גיין אין זווערינעצע. נאר אז מיין חנה דבורה שפארט זיך איין, העלפט ניט קיין טענות.

(ער זינגט אין דער שטיל און גייט אפ. גרישא קוקט ווידער אריין אין בוך, ער האט אבער מער קיין געדולד ניט צום לע־זען. ער קוקט אריין אין פענצטער, מארשירט ארום. ער נעמט ארונטער פון וואנט די גיטאר און זינגט, אקאמפאנירענדיג זיך אליין, אן אומעטיג רוסיש ליד. עס הערט זיך א קלונג. גרישא שפרינגט אויף, לויפט צום טיר, קומט צוריק א צופרידענער מיט באסיא'ן. זי טראגט העל קאלירטע קליידער מיט א טיפער דעקאלטע און א שאל איבער די פלייצעס).

באסיא: (בעטראכט דעם צימער, רעדט שפאטיש) נו... געקומען.... אז דו האלסט אין איין שיטען מיט זאפיסקעס, בין איך געקומען זען, וואס אזוינס וויכטיגעס האסטו מיר צו דערציילען.

גרישא: זעצט זיך, פריילין. (זי זעצט זיך. גרישא אין פארלעגענהייט שווייגט).

באסיא: נו, זאג שוין, צוליב וואס האסטו מיך גערופען?

גרישא: ווייל איך וויל זיך מיט אייך, פריילין, נעהענטער באקענען.

באסיא: וואס עפעס, מילאסטיווי גאסודאר, געפעלט דיר גראדע מיט מיר זיך צו באקענען? זיינען שוין אין דער גאנצער שטאט נישטא קיין שענערע מענשען מיט וועמען בעקאנטשאפט צו שליסען?... (גרישא שווייגט, זי — צוויי דרייטיג) עט, איך ווייס שוין אייערע מענערשע בעקאנטשאפט!... האסטו א סיגארעטקע?

גרישא: ניין, איך רויכער ניט.

באסיא: אויך מיר א מוזשטשינע! (זי נעמט ארויס סיגארעטס און פארויכערט, גרישא שפאצירט ארום אויפגערעגט).

גרישא: איך האב מיט אייך, פריילין זייער וויכטיגעס צו ריידען.

באסיא: איך בין טשיקאווע צו וויסען, וואס אזוינס וויכטיגעס האסטו צו ריידען מיט איין איינפאכער שאנסאניעטקע? (מען קלאפט).

גרישא: קומט אריין! (באסיא לעשט אויס אויף גיך איר סיגארעטקע).

חנה דבורה: (קומט אריין) אפשר וועט איר, קינדער, טרינקען צו גלעזלאך טיי, אפשר?

גרישא: (צערטליך צו באסיא'ן) איר וועט דאך זיך ניט אפזאגען, פריילין, פון א גלאז טיי? (צו חנה דבורה'ן) ברענגט, מומע, צוויי גלאז טיי.

חנה דבורה: גוט, גוט. (אב).

באסיא: וואס טויג מיר טיי! אויב דו האסט קא-

ניאק, שאמפאניער — אט דאס וועל איך טרינקען! (גרישא שווייגט, באסיא קוקט אויף איר גאלדען זייגערעל, אין צימער ווערט ביסלעכווייז טונקעלער) נו, שים ערוים, וואס דו האסט מיר צו זאגען, און לאמיך גיין אהיים! ס'ווערט שפעט, — מען וועט מיך שוין באלד ארום זוכען.

גרישא: איך בעט אייך, פריילין, פערהאלט זיך ערנסט, און זאגט מיר נישט „דו".

באסיא: (פערוואונדערט) אזוי גאר?... אלע מיינע אוכאזשארען ווילען איך זאל זיי זאגען „דו"; און דו, פארדאן, איך מיין איר ווילט איך זאל אייך זאגען „איר". א צדיק א בחור, כ'לעבען! (זי לאכט).

(חנה דבורה קומט אריין, טראגט אויף א טאץ צוויי גלאז טיי און א טשאשקעלע אנגעהאקטע צוקער, און א טאסע מיטווארעניע. שטעלט איין גלאז באסיא'ן און איין גלאז גרישא'ן).

חנה דבורה: אט דא האט איר, קינדער, א ביסעלע פרישינקע ווארעניע, האט איר. איך האב עס ערשט די וואך אויסגעפרעגעלט, האב איך... טרינקט געזונטערהייט! (צו גרישא'ן) אויב דו וועסט, גרשון, וועלען עסען, וועסטו עס געפינען אויפ'ן טיש, וועסטו, און אויב דו וועסט וועלען נאך טיי, וועסטו זיך אליין מוזען מטריח זיין, וועסטו, ווייל מיר גייען באלד אין זווערינעצע, גייען מיר... מען זאגט, גרשון אז אזא זווערינעצע איז נאך ביי אונז אין שטאט נישט געווען, זאגט מען. גיי אויך, גרשון, נעם די מיידעל און גיי.

מען זאגט, אז אזוינס האט מען נאך ביי אונז קיינמאל ניט געזען, זאגט מען.

גרשון: איך בלייב אין הויז, מומע.

חנה דבורה: טו זאלסטו, גרשון, גוט אכטונג געבען אויפ׳ן הויז, זאלסטו! (אפ).

באסיא: נו, גייט שוין ארוים מיט לשון! עס וועט ביי מיר באלד מיין געדולד פלאצען.

גרישא: איך וויל, פריילין, איר זאלט זיין אויפריכטיג... איך וויל מיט אייך רעדען ערנסט...

באסיא: (בייז) נו, צום טייוועל אייך מיט אייער ערנסט-שמערנסט!... איר אלע מענער פאנגט אן מיט שיינע ריידעלאך און נאך דעם פארדרייט איר אונז דעם קאפ... איר זייט אלע ליגנער, בעטריגער!

גרישא: אלע מענער?

באסיא: יא, איר זייט אלע סוואלאטשעס, פאדלעצעס, אומפארשעמטע יונגען! איך האב אייך אלעמען פיינט...

(מען קלאפט, ברוך דוד און חנה דבורה קומען אריין אויסגעפוצטע).

ברוך דוד: נו, מיר גייען שוין, אין א מזל׳דיגער שעה, אין זווערינעצע אנקוקען די חיות... אויב דו וועסט וועלען, גרשון, פארלאזען די הויז, זאלסטו גיין מיט דער הינטער טיר, (גיט אים א גרויסען שלאס) און דו זאלסט צושליסען גוט די טיר.

חנה דבורה: אויב דו וועסט וועלען, גרשון, עסען, שטייט עס אויפ׳ן טיש, שטייט עס. און דו זאלסט גוט אכטונג געבען אויפ׳ן הויז, זאלסטו, ווייל מען זאגט, אז

אין שטאָט האָבען זיך איינגענאָדיעט אַ באַנדע ציגײנער. זאָגט מען. גוטע נאַכט!

ב ר ו ך ד ו ד: גוטע נאַכט!

ג ר י ש א: גייט געזונט.

ב א ס י א: (קוקט ווידער אויף איר זייגערל) ס'איז שוין באַלד אַכט דער זייגער, — איך מוז שוין לויפען, ווייל האַלב נײַן אַ זייגער טרעט איך אויף מיט'ן כאָר. נו רעדט! אַ נישט גיי איך גלייך אַוועק. (קלייבט זיך אַוועק צו גיין).

ג ר י ש א: איך האָב אייך ליב, פריילײן!

ב א ס י א: (פאַרוואונדערט, נאָך אַלץ מיט שפּאָט) וואָס? איר האָט מיך ליב?... יאָ, יאָ, אַלע מענער האָבען מיך ליב... דער סטאַטסקי סאָוויעטניק כוואָסטאָוו שווערט זיך מיר אימער, אַז אַזוי שנעל ווי ער ווערט פּטור פון זיין ווייב, האָט ער מיט מיר חתונה. אַזוי זאָגען זיי אַלע.

ג ר י ש א: פריילײן, אָבער איך בין נישט קיין סטאַטסקי סאָוויעטניק, איך בין איין ערליכער אַרבייטער. איך בין פאַראַנטוואָרטליך פאַר יעדען וואָרט וואָס איך רעד אַרויס.

ב א ס י א: (אַביסעל ערנסטער) אַזוי גאָר! איר האָט מיך טאַקע ליב?

ג ר י ש א: יאָ, איך האָב אייך אמת ליב...

ב א ס י א: (נייגעריג) נו, און פאַרוואָס האָסטו מיך ליב? פאַרדאָן, איך מיין איר, — פאַר מיין שיינעם פּנים? צי פאַר מיין שיינער פּראָפּעסיע?

ג ר י ש א: פאַרוואָס מען האָט ליב, דאָס קען מען מיט ווערטער ניט אַרויסברענגען. דאָס זיינען אַבסטראַקטע, אומערקלערבאַרע שענערע געפילען.

באסיא: איר רעט אזוי שיין, — איר מוזט זיין א פּאָעט! נו, און זינט ווען האָט איר מיך ליב געקראָגן?

גרישא: שוין עטליכע מאָנאַטען. איך בין געווען א פּאָר מאָל אין אייער קאָפּע-שאַנטאַן...

באסיא: און איך, דוכט מיר, זע אייך צום ערשטען מאָל.

(אין צימער איז דורך דער צייט געוואָרען פינסטער. גרישא צינדט אָן דעם קעראָסין לאָמפּ).

גרישא: מעג איך וויסען, פריילין, ווי מען רופט אייך?

באסיא: ווי איך זע, וועט איר מיך באלד אָנהויבען אויספרעגען מיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט. אַלע אונזערע געסט טוען עס, און מיר געוויינלאך דערציילען זיי ליגענס, אָבער אייך, ליבער הער, איר הייסט, דאַכט מיך, גרישא קאָניעווסקי?

גרישא: יאָ, גרישא קאָניעווסקי, אָדער, איינפאך גרישא.

באסיא: אָבער אייך, הער קאָניעווסקי, וועל איך קיין ליגענס נישט זאָגען, ווייל איר באַגייט זיך מיט מיר גאָר אַנדערש ווי די איבריגע. מען רופט מיך באַסקאַ, אָדער פּרימאַדאָנאַ באַסקאַ, און אַמאָל, קאָפּריזנאַיאַ זשי־דאָווקאַ.

גרישא: ווי רופט מען אייער פאָטער?

באסיא: מיין פאָטער האָט געהייסען אברהם קאַהאַנסקי.

ג ר י ש א: דאָס הייסט, אַז אייער ריכטיגער נאָמען איז באַסיאַ אַבראַמאָװנאַ קאָהאַנסקאַיאַ.

ב אַ ס י אַ: (זיפצט) יאַ, מיין ליבער הער, אַזוי האָט מען מיך געדאַרפט רופען, אָבער ליידער . . .

(אַ װיילע שװייגען זיי אין צער).

ג ר י ש א: שרייבט איר זיך אַמאָל דורך מיט אייערע עלטערען?

ב אַ ס י אַ: ניין, איך װיל זיי זאָלען דענקען, אַז איך בין טויט... עפּעס אַ קליינינקייט אַזאַ נחת פאַר מיין מאַמען! איר עלטסטע טאָכטער איז געװאָרען אַ פּרימאַדאָנאַ שאַנסאָניעטקע אין פאַנקאַני'ס קאַפע-שאַנטאַן, װעלכע זינגט און טאַנצט און מאַכט לוסטיג אַ שיכור'ע אויסגעלאַסענע כאַליאַסטרע.

ג ר י ש א: נו, און אייער פאָטער?

ב אַ ס י אַ: (טרויעריג) מיין פאָטער איז שוין לאַנג טויט. (פאַרטראַכט) ער איז נאָך געשטאָרבען װען איך בין אַלט געװען עלף יאָר. מיין פאָטער איז געװען אַ שיינער באַלעבאָס, פלעגט דאַװנען ביים עמוד, געקאָנט לערנען, אַ שניידער איז ער געװען. די מאַמע האָט אים אַרויסגעהאָלפען — געבאַקט בייגעל, געװאַלגערט מצות... פיר יתומים זיינען מיר געבליבען, איך בין געװען די עלטסטע, האָט מיך מיין מאַמע צו פופצען יאָר אָװעקגעגעבען דינען אין אַ גביר'שער הויז, און צו װאָס איך האָב מיך דערדינט, זעט איר שוין.

ג ר י ש א: (מאַרשירט אַרום נערװעז) אָך די אָרימקייט,

די אָרימקייט!.. אַלע צרות שטאַמען פון די צעפוילטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אומשטענדען.

באַסיאַ: יאָ, אומשטענדען קאָנען דערהויבען אַ מענ־שען, און אומשטענדען קאָנען אין דר׳ערד לייגען.

גרישאַ: נו, און ווער האָט אייך אַריינגעפירט אין דעם אָרט לעבען?

באַסיאַ: מיר האָט אומגליקליך געמאַכט פיוּוקע טיגער, מיין זאָגענאַנטער מאַן, מיין פּאַרטניאָר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיר פאָרען חתונה האָבען. ער האָט מיך אוועקגעפירט אין ווילנע. דריי מאָנאַטען האָט ער געלעבט מיט מיר ערליך, נאָכדעם האָט ער אָנגעפאַנגען שכור׳ן, הולטאַיעווען... אין אַ צייט אַרום זיינען מיר געוואָרען בּיליגע אַקטיאָרשטשיקעס. אַט אַזוי, בּיסלעכווייז, ווייסט איר שוין באַלד מיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט. נו, און ווער זיינט איר?

גרישאַ: איך בּין גראַדע געבּוירען געוואָרען בּאַ פאַרמעגלאַכע עלטערען, זיי האָבען מיר געגעבען אַ גוטע ערציהונג. ווען איך בּין אַלט געוואָרען זעכצען יאָר, זיינען מיין טאַטע־מאַמע געשטאָרבען אין איין וואָך פון דער כאָ־לערא. מיר זיינען געבּליבען צוויי בּרידער. מיין עלטערער בּרודער האָט בּאַלד נאָך דעם געהייראַט און איך בּין אַוועק אין אָדעסאַ. דאָרטען האָב איך מיך געפּלאָגט אַ פּאָר יאָר בּיז איך האָב זיך אויסגעלערענט אַ מלאכה — איך בּין געוואָרען אַ טיפּאָגראַפטשיק. לעצטענס בּין איך דאָ בּיי מיין פעטער, ער איז מיין טאַטענס אַ בּרודער, מען האַלט מיך דאָ ווי אַן אייגען קינד. בּייטאָג אַרבּייט

איך, ביינאַכט לעז איך, שטודיר, שפּיל אויף מיינע אינ־סטרומענטען אָדער איך באַזוך טעאַטער. (עס הערט זיך קלינגען פון הויפּט אַריינגאַנג).

גרישא: ענטשולדיגט, איך גיי זען ווער עס קלינגט דאָרט, איך קום גלייך אַריין: (אָפּ געהיילט, באסיא גייט צו צו די פּאַליצעס מיט ביכער, בעטראַכט זיי נייגעריג. גרישא, אַן אומצופרידע־נער, קומט אַריין מיט סאָניאַ׳ן, וועלכע איז אָנגעטאָן אין אַן אַקושאָרן יוניפאָרם מיט אַ רענצעל אין האַנט. סאָניא וואַרפט איר אויבערמאַנטעל און היטעלע אויפ׳ן בעט, ניט באַמערקענדיג באַסיאַ׳ן).

סאָניא: אָך, ווי מיד איך בין! גאַנצע פיר און צוואַנציג שטונדען אָפּגעדעזשורעט ביי איין קימפּעטאָרען. (זי באַמערקט באסיא׳ן).

גרישא: זייט בעקאַנט, — באַסיא אַבראַמאָוונאַ קאַהאַנסקאַיאַ און סאָניאַ זימאַן.

(זיי גריסען זיך נישט איבעריג גערען).

סאָניא: (קאָקעטיש) וואָס זיצט איר עפּעס, גרישא, אין הויז אין אַזאַ שיינעם אָוענט?

גרישא: ווייל היינט גראַדע איז מיר מער אנגענעם צו זיין אין הויז. (אומאַנגענעמע פּאַוזע. סאָניאַ נעמט אַרויס סיגאַרעטס און פאַרויכערט).

סאָניא: איך האָב געוואָלט וויסען, גרישא, אויב איר וועט קומען מאָרגען צו דער סאָבראַניע פון אונזער „פרייער געזעלשאַפט".

גרישא: (אויפגערעגט) איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב שוין בייגעוואוינט עטליכע פערזאַמלונגען פון אייער „פרייער געזעלשאַפט" און איך בין געקומען

צו דעם באשלוס, אז איר קלייבט זיך צוזאמען נישט אום זיך אליין צו בילדען, און נישט א צווייטען עפעס צו לערנען, נאר גאר פשוט פאר גיט קיין ווינשענסווערטע צוועקען, אנדערש וואלט איר נישט געהאלטען שטענדיג אין איין דעבאטירען וועגען סעקסועלע פראגען. איינער פון אייערע טאן געבער, דער יונגער סטודענטעל, האלט אין איין פרע־דיגען פרייע ליבע א צווייטער מיטגליד האט איין מאטא: „נאדא פאקאריאטסיא פריראדיע“ — מען דארף זיך אונ־טערגעבען דער נאטור; א דריטער הערט נישט אויף צו פלאפלען פון סאניניזם, און דאס אלעם ווערט געטאן אין נאמען פון פראגרעס און סאציאליזם. מיט אזוינע מיטלען ווילט איר ארפברענגען די סאציאלע רעוואלוציע?...

ס א נ י א: (אין פארלעגענהייט) איר איבערטרייבט א היבש ביסעל. עס קומען ביי אונז אפט פאר דעבאטען וועגען סאציאליזם, וועגען פראגרעס, וועגען מענטשליכע רעכטע...

ג ר י ש א: איך האב באמערקט, אז ווען איר דעבא־טירט וועגען א געוויסע ווערק, לאזט איר אוים זיין גאנצע סאציאלע און פאליטישע באדייטונג, און איר שטעלט זיך נאר אפ אויף איינצעלנע ציטאטען, און איר טייטשט זיי אזוי אוים, אז די נאאיווע מיידלאך קריגען דעם איינדרוק, אז די יעצטיגע פארגעשריטענע, מאדערנע געזעלשאפט דארף זיין פריי אין אירע געשלעכטליכע באציהונגען, און די לערע, דיינק איך, איז שעדליך פאר דער יוגענד. דאס איז איינפאך פארשפרייטען זנות אונטער א פאלשער מאס־קע...

סאָניא: (פילט זיך ניט גוט) איר רעדט גאָרניט װי אײן פאַרגעשריטענער מענש! — אַזעלכע רײד קען מען בלױז הערען פון אַ בורזשוא. (פּרובירט איבערגײן אויף אַ צװײטער טעמא) מעזשדו פראָטשים, גרישא, האָט איר געזען דעם לעצטען נומער „איסקרא״?

גרישא: ניט נאָר געזען, זאָגאַר דורכגעלעזען פון טאָװעל צו טאָװעל. (צו באסיא'ן) איך זע, באסיא אַבראַמאָװנא, אַז אײך אינטערעסירט װײניג אונזער געשפּרעך. (באסיא פאַרטראַכט, ענטפערט ניט).

סאָניא: פּילײכט, גאָספּאָדא, שטער איך אײך? (סאַרקאַסטיש) איר װײסט דאָך װי מען זאָגט: נישט קײן געבעטענער גאַסט איז ערגער פון אַ טאַטער.

גרישא: גאַנץ מעגליך.

(סאָניא ברוגז, כאַפּט די העט און מאַנטעל אויפ'ן האַנט).

סאָניא: אויב אַזוי, האָט מיר אַ גוטע נאַכט!

(אָפּ געהױלט, גרישא גײט איר נאָך, קומט שנעל צוריק).

באסיא: (גוטמוטיג) פאַרװאָס איז די פרײלײן ברוגז געװאָרען? ... איז זי פּילײכט אײפערזיכטיג?

גרישא: איך װײס ניט, פּילײכט.

באסיא: (טרויעריג) אײך איז גוט, איר גײט אויף סאָבראַניעס, איר לעזט ביכער... און אַלעס װאָס איך לעז איז נאַרישע ראָמאַנען פון פּרינצען און ריצאַרעס, װי זײ ראַטעװען זײערע געליבטע באַראָנעסעס פון די לומפּיגע פאַרפיהרער... זאָגט מיר, איך בעט אײך, זײנען דאָס אַלע אײערע ביכער? (זי װײזט אָן אויף די פּאָליצעס מיט ביכער) איך האָב דאָרט בעמערקט אי אידישע, אי רוסישע.

גרישא: יאָ.

באסיא: קענט איר מיר געבען אַ רוסישען בוך?

גרישא: מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען. (גייט צו די פּאָליצעס, זוכט, נעמט איינס, גיט איר) אָט האָט איר „טשטשאַ דיעלאַט“ פון טשערנישעווסקי, זייער אַן אינטערעסאַנטער און באַלערענדער בוך.

באסיא: (נעמט צופרידען. בעהאַלט עס אונטערען פאַכוועט, דעקט זיך איבער מיט׳ן שאַל) איך דאַנק אייך זייער! (כאַפּט זיך צום זייגערל) אָך, ווי שפּעט! איך מוז שוין לויפען אַהיים — די געסט מוזען זיך שוין צוזאַמענקומען... (מיט געבעט) נו, זאָגט, איך בעט אייך, צוליב וואָס האָט איר מיך אַהער גערופען?

גרישא: (ענטשלאָסען) איך האָב אייך גערופען אום צו לאָזען אייך וויסען אַז איך ליב אייך, און אַז איך בין בערייט צו יעדער צייט מיין לעבען מיט אייער לעבען צוזאַמענצובינדען.

באסיא: (שטרענג) פיליכט ווילט איר, ליבער הער, מיך מאַכען פאַר אייערע אַ ליובאַווניצע?

גרישא: ניין, באסיא אַבראַמאָווּנאַ, נישט פאַר אַ ליובאַווניצע וויל איך אייך. איך וויל אייער לעבענס בעגלייטער ווערען; איך וויל מיט אייך הייראַטען.

באסיא: ניין! ניין!... איך ווייס פאָרויס צו וואָס אַזאַ לעבען וועט ברענגען... צוערשט וועט איר מיך ליבען, אַביסעל שפּעטער וועט איר מיר קויפען אַ ניי־מאַשינקע, און נאָך שפּעטער וועט איר מיך אַרויסטרייבען. גיי, וועסטו זאָגען, דאָרט וואו דו באַלאַנגסט...

גרישאַ: נײן!... נישט ריכטיג, באַסיאַ אַבראַמאָװ־נאַ, איך װעל אײַך בעהאַנדלען װי אַ ברודער!

באַסיאַ: נײן!.. נײן.. ס׳איז אַן אומעגליכע זאַך!... (פּויזע, פאַרטראַכט) נו, און די פאַרגאַנגענהײט, לאָזט זי דען נישט איבער קײן שפּורען?... פאַרגעסט ניט, אַז איך בין שוין באַלד דרײַ יאָר אין אַ פאַרדאַרבענער געזעל־שאַפט.

גרישאַ: די פאַרגאַנגענהײט פאַרשװינדט, אַלעס װאָס מיר פאַרמאָגען איז דער הײַנט.

באַסיאַ: נײן, נײן! איר װעט ניט זײַן גליקליך מיט מיר!.. גײט בעסער צו אײַער גלײַכען.

גרישאַ: ליבע באַסיאַ אַבראַמאָװנאַ, איך האָב פיל געטראַכט פון אײַך, איך האָב גרינדליך אַנאַליזירט מײַנע געפילען, און אין דער טיפעניש פון מײַן נשמה האָב איך געקראָגען אײן ענטפער, אַז איך האָב אײַך ליב. איך האָב אײַך ליב, װי אַ מוטער ליבט איר קראַנק קינד...

(עס הערט זיך האַסטיג קלינגען, באַסיאַ גיט זיך אַ צאַפּעל פון שרעק).

באַסיאַ: דאָס זוכט ער מיך!

(גרישאַ לויפט צום טיר. עס הערט זיך אַ געשרײ: „דאָ איז באַסקע, די קאַפּריזנע זשידאָװקע? מען האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט זי דאָ געזען אַרײַנקומען!“ — עס קומען אַרײַן גרישאַ און פּיװוקע טיגער. דער לעצטער אין אַ קאַרטוז אַנגערוקט איבער די אויגען, גלאַנציגע שטיװעלאַך, גלאַט געראַזירט, מיט פאַרדרײטע װאָנצעס).

פּ י י ו ו ק ע: (שרייט) אהאַ! דו ביזט טאַקע דאָ? !
דו גנב'טע, דו פּאַסקודסטווע! וואַרט, איך וועל זיך מיט
דיר אָפּרעכענען!... ס'געהערט אַזוינס! — זי דאַרף
אויפּטרעטען, זיצט זי זיך דאָ און ראַזדאַבאַרעוועט. וואַרט
איך וועל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען, פּרינצעסין מיינע!
שוין זאָלסטו מיר אַהיים גיין!...

ג ר י ש א: שרייט נאָר ניט אַזוי, גאַספּאַדין, איר
זייט ניט אין אַ טראַקטיר!

פּ י י ו ו ק ע: וואָס, שנעק, דו מיינסט איך וועל מיך
פאַר דיר דערשרעקען? דו ווילסט אודאי ביי מיר מיין
מיידעל אָפּשלאָגען?... דודקי, בראַט, פאַרגעס נישט
אַז דו פאַרטשעפּעסט זיך מיט פּייווקע טיגער, — איינס,
צוויי און איך מאַך דיך מיט אַ קאָפּ קירצער. (צו באַסיא'ן)
אַהיים גיי!... שוין אַהיים גיי, דו פּאַסקודסטווע, דו
שאַרלאַטאַנקע!.. (שטופּט זי, ביידע אָפּ, גרישאַ בלייבט שטיין
אַ בלאַסער).

פאָרהאַנג פאַלט.

צווייטער אקט

ערשטע סצענע

אין מאַנאַט שפּעטער. פאנקאני'ס קאָפּעשאַנטאַן. רעכטס — אַ רייהע פענצטער בעהאַנגענע מיט בלויע גאַרדינען. לינקס — טירען בעהאַנגענע מיט שווערע געלע פּאַרטירען, וועלכע פירען צו די אַריינגאַנגען אין די איבריגע זאַלען. אין הינטערגרונד — אַ קליינע עסטראַדע, רעכטס אין ווינקעל אַן אַלטער ראָיאַל און פּלאַץ פאַר די מוזיקער. אַרום די ווענט טישלאַך, לעבען וועלכע עס שטייען באַגילטע שטולען. אויף די רויטע ווענט גרויסע, ביליגע, רייצענדע בילדער אין ברייטע גאָלדענע ראַמען. די דיל — געל בלישטשענדער פּאַרקעט. אַ פּלאַץ צום טאַנצען. אַלעס געשמאַקלאָז, שרייענד און רייצענד. בשעת דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, איז אין זאַל כמעט פינסטער, בלויז איין ליכט אין הינטערגרונד. באַסיאַ אין אַ נעגליזשע זיצט אַ פאַרטראַכטע ביי אַ טישעל. פּיוור־קע, אַ האַלב שכור'ער, אָן אַ רעקעל, רעפּעטירט אויף דער עסטראדע מיט די שאַנסאָניעטקעס אַ נייע לידעל, די מוזיקער העלפען מיט. וואַנקאַ און אַנאַסטאַסיא פּעטראָוונאַ לויפען פילע מאָל דורך. פיוועקע ענדיגט די רעפּעטיציע. די מיידלאַך גייען זיך פונאַנדער. די מוזיקער פאַרבלייבען, רעדען אין דער שטיל און שטודירען איין אַ טאַנץ. מיידלאַך גייען דורך, זיי האַלטען זיך אין פּוצען און אָנטאָן זיך. פיוועקע גייט צו צו באַסקע'ן, גיט איר אַ קלאַפּ אין פּלייצע.

פ י י ו ו ק ע: נו, וואָס זיצסטו, פּרימאַדאָנע מיינע, ווי אַ מאַקראַיאַ קוריצאַ?... ווילסט אַ סיגאַרעטקע? (באַסיאַ ענטפערט ניט) נו, ווילסט ניט, — ווי דו ווילסט זיך. כ'האָב דיך אין דר'ערד!... (פאַרויכערט אַליין, קראַצט זיך אין

פאטולניצע) הער נור, באסקע? דו האסט עפעס א סך פאדארקעס און געלט נעכטען געקראגען?

(באסיא שווייגט).

פייווקע: (מיט רוגזה) וואס שווייגסטו? איך פרעג דאך דיך, שאנסאניעטקא פארשיוואיא!

באסיא: אלעס וואס דו ווייסט, פאסקודנער אויס־ווארף דו, איז געלט, הולטייעווען און שכור'ן.

פייווקע: אהער גיב דאס גאנצע געלט! אנים וועל איך דיר די מארדע צופאטשען.

באסיא: דו וועסט עס ניט סמייען!.. (ווארפט אים אין פנים דאס געלט) נא, ווערג זיך מיט דעם!

פייווקע: (ציילט) נור צוויי און א האלב רובעל? (באסיא שווייגט) נו, זיי ניט בייז... נא דיר א האלבען רובעל. (ער גיט איר א זילבערנע מטבע, זי ווארפט עס אים צוריק) הער נאר דו, פאנענקע מיינע, עפעס ביסטו מיר געווארען לעצטנס צו קאפריזנע!... צי קלייבסטו זיך גאר ניט, באסקעלע גנב'טע, פון מיר אנטלויפען?.. וויסען זאלסטו, אז דו וועסט זיך פון מיינע הענט ניט ארויס־דרייען. פארגעס נור ניט, אז איך בין פייווקע טיגער... דו באסקעלע ביזט מיין געליבטע, אן מיין וויסען טארסטו אין ערגעץ ניט גיין, געדענק זשע!

באסיא: אז איך וועל וועלען, וועל איך גיין.

פייווקע: איך וועל דיר הענט און פיס צוברעכען!.. זעהסטו, ווען איך טרעף נאך אמאל יענעם יונגען צוציק מיט דיר צוזאמען, וועט ער טרוקען בא מיר ניט אפשניידען. איך וועל אים מיט א קאפ קירצער מאכען. און דיר וועל

איך ביז איין ביין צוברעכען... דו זעהסט? אט דאס האלט איך יעצט ביי זיך שטענדיק. (שלעפט ארויס א לאנגען מעסער פון זיין כאליעווע) און ווען איך טרעף אים, דער'הרג'ע איך אים ווי א הונט. מיט איין זעץ דערשלאג איך אים אויפ'ן ארט. אזא מאלאקאסאס, אזא דארער פראנץ, אזא גארנישט, וויל בא מיר מיין מיידל אפריידען!...

באסיא: פוי, וואס פאר א נידעריגע בריאה דו ביזט! איך האס דיך ווי דעם טויט, דו פיאניצע, דו אויס־ווארף, דו חית!

פיוזוקע: נו, און די אפיצערען, און די סקובענטען, און די טשינאווניקעס וואס קומען אהער זיינען דען ניט קיין פיאניצעס, אויסוואורפען? אלע מענשען זיינען ניעגא־דיאיעס... נו, און יענער דארער מאלאקאסאס דיינער, מיינסטו, איז בעסער? אויך אן אויסוואורף, אויך א סוואָ־לאטש.

באסיא: יענער איז אן עהרליכער, און דו ביסט א פאדלעץ, א פיאניצע.

פיוזוקע: נו, זאל זיין א פיאניצע, א סוואלאטש, אבער צו קיין אנדערן וועסטו ניט באלאנגען! פאר קיין געלט אין דער וועלט וועל איך דיך ניט אוועקגעבען, ווייל דו ביסט מיין געליבטע... פאנימאיעש, דו ביסט מיין געליבטע!.. דיך באסקעלע האב איך ליב. יעי באגו, איך האב דיך ליב. (טוט איר א קלאפ איבער'ן פלייצע) דו ביסט א שיין, וואויל מיידעל. א באלעבאטיש קינד, דו ביסט ביי מיר טייער.

באסיא: דו האסט מיך ליב, און פאר א שאנסאניעט־קע האסטו מיך געמאכט!..

פיוזקע: נו, געשעפט, פאנימאיעש טי, איז גע־שעפט, — מען דארף דאך לעבן!.. דו באסקעלע, ארבייט אונטער נאך א יאר, צוויי, מיר וועלן אנקלייבן א פאר טויזענד רובעל און דאן וועלן מיר עפענען אן אייגענעם קאבארעט. דו וועסט דאן, באסקא גאלובקא, זיין אליין די כאזיאיקע און פרימאדאנע... א כאר מיט שיינע מיידלאך וועל איך דיר אריינקריגען, און אז דו וועסט ניט זשאלעווען א שמייכעל צואווארפען צו די געסט, וועלען מיר מאכען געלט ווי בלאטע... איך וועל מיר דאן איינהאנדלען א קארעטע מיט צוויי ווייסע פערד, און מיר וועלען ווערען גאנצענע שררות. פאנימאיעש, א קארעטע מיט צוויי ווייסע סיראקעס מיט א קוטשער איז ניט קיין קלייניגקייט!.. אפילו דער איספראווניק אליין וועט דאן אראפנעמען דאס היטעל פאר מיר.

באסיא: מוחל, פאר דיר די אלע גליקען, איך האף דו וועסט עס ניט דערלעבען.

פיוזקע: דאס האט דיך אודאי דער סקובענט אנ־געסטראיעט, דו נארישע מויד וואס דו ביסט! דער בעסטער געשעפט אין דער וועלט איז א קאבארעט. עס איז דאך א גאלדענער געשעפט, חברה שנוצקען זיך אן, שיטען זיי מיט געלט ווי בלאטע.

באסיא: פאר דיר אזעלכע געשעפטען, איך וועל זיך נאך אמאל איינגאנצען פון דיר באפרייען...

פיוזקע: ניט ווען איך וועל לעבען. (אויפגערעגט)

אויב דו װעסט אנטלויפען, װעל איך דיך פון אונטער דער ערד אויפזוכען. דו װעסט אבער דערפאר טייער באצאלען! פאר א קאליקע װעל איך דיך מאכען! הענט און פיס װעל איך דיר צוברעכען, און דעם קאװאליער דיינעם װעל איך מאכען א הימעלע אויפן פלאץ. מיט אט דעם מעסער װעל איך אים דערשטעכען! (פאטשט איבער'ן כאליעװע װאו דער מעסער ליגט) װי א הונט װעל איך אים דער'הרג'ענען! פארגעסט נאר ניט, אז פון פיװוקע טיגערס הענט גייט מען ניט ארויס טרוקען...

(אנאסטאסיא פעטראװנא קומט אן).

א נ א ס ט א ס י א: (שטרענג) עס איז שוין צייט, באסקא, צו גיין זיך אנטאן, עס װעלען היינט זיין א סך װאזשנע געסט!.. און דו, פיװוקע, װאלסט געמאגט אביסל װייניגער טרינקען, — עס שמעקט פון דיר שנאפס פאר א װיארסט...
נו, גייט, גאספאדא, שנעלער!..

פ י װ ו ק ע: איך װעל גיין, איך װעל גיין, נאר איך האב ניט ליב אז מען פריקאזעװעט מיר. (ער לאזט זיך גיין).

א נ א ס ט א ס י א: עי, װאנקא, צינד אן די לאמפען!

(װאנקא לויפט אריין, נעמט זיך צו די לאמפען. אנא־סטאסיא אפ, באסיא גייט אפ לאנגזאם).

דער פארהאנג פאלט.

צווייטע סצענע

די זעלבע דעקאָראַציעס ווי אין דער ערשטער סצענע, עטליכע שטונדען שפּעטער. דער זאַל איז העל־קאַלירט בעלויכטען. מען זעט אויף דער בינע שאַנסאָניעטקעס, אַנגעטאָן אין קאָלירטע, טיף דעקאָלטירטע קליידער, מיט ענטבלויזטע אָרעמס, באַפּוצטע אין געפּעלשטע פּערל און גאָלד. געסט גאַר יונגע און אויך אַלטע. וואַנקא און די באַלעבאָסטע קומען פון צייט צו צייט אַריין. די מוזיקער זיצען אין דעם זעלבען ווינקעל. ביי דעם פאָדערשטען טישעל זיצען: בעזפּאַלאָוו אין זיין גרויער סטודענטען פאָרמע, מאַקאַרענקאַ אין אַ אַפגעטראָגענעם שוואַרצען יוניפאָרם פון אַ נאַטשאַלניק סטאַנציע, כוואַסטאָוו אין אַ שוואַרצען סורטוק און רעגינאַ. ביים הינטערשטען טישעל רעכטס זיצט אַ קיטאַיעץ אין זיין נאַציאָנאַלען קאָסטיום, אַדעלינאַ מיט עטליכע מיידלאַך. עס זיצען אויך אָפיצירען מיט דאַמען ... אויף די טישלאַך פלאַשען וויין, ביר, גלעזער, אַפּעלסינען .. אַלעס באַוועגט זיך, מען רויכערט, טרינקט, אַלע פאַר'שכור'ט.

כוואַסטאָוו: (שכור) נו, אייך צום טייוועל!.. וואָס זיינט איר אַלע מיטאַמאָל פאַרשוויגען געוואָרען!... זינגען!.. זינגען זאָל מען!

מאַקאַרענקאַ: (מיט אַ הילכיגער באַסאָווער שטימע) יאָ, יאָ, לאָמיר זינגען!

כוואַסטאָוו: מיידעלאַך, וויין און געזאַנג, דאָס איז מיין לעבען!;

מאַקאַרענקאַ: אַנו, רעגינאַ ליבינקע, דו פאַנג אָן, און מיר וועלען דיר דרושנע אונטערהאַלטען.

כ ו ו א ס ט א ו ו: אבער א פריילאכעס, דו קאצאפקע! — א נישט קריגסטו מער קיין וויין ביי מיר.

(רעגינא נעמט א גלעזעל וויין אין האנד, שטעלט זיך אויף און פאנגט אן זינגען מיט א חילג ר שטימע, אייניגע זינגען מיט: „וויפיאם קומא, וויפיאם טוט, בא נא טאם סוויעטיע ניע דאדוט. טשי דאדוט, טשי ניע דאדוט„... ס׳הערען זיך שטימען: בראווא! בראווא! מען טרינקט).

כ ו ו א ס ט א ו ו: (כאפט רעגינא׳ן ארום טאליע) דו ביסט א טייערע, פעטע מיידעל, דו זינגסט אויסגעצייכענט, יעי באגו! (ער וויל זי קושען).

ר ע ג י נ א: (שטעלט אים אפ) פוי, ס׳שמעקט פון דיר שנאפס ווי פון א חזיר.

מ א ק א ר ע נ ק א: זינג נאך עפעס, רעגינא טייערינקע.

כ ו ו א ס ט א ו: יא, זינג, טאלסטוכא, אבער א פריי־לאכס!

ר ע ג י נ א: איך האב שוין געזונגען, יעצט זאל דער סטודענט זינגען.

מ א ק א ר ע נ ק א: יא, יעצט זאל בעזפאלאוו זינגען.

(שטימען: „בעזפאלאוו זאל זינגען! בעזפאלאוו!").

כ ו ו א ס ט א ו ו: יעצט איז דיין אטשערעד, בעזפא־לאוו, אבער מאך נישט דיינע שטוקעס און זינג א פריילאכס.. איך האב נישט ליב קיין אומעטיגע לידער, א פריילאכס, דו הערסט!

ב ע ז פ א ל א ו ו: (שכור׳לאך, האלב אנגעשפארט אויפ׳ן טיש,ווארפט אוועק זיין סיגארעטקע) אויב איר ווילט, מיינע

הויכגעשעצטע טאָווארישטשי באָסיאַקי, וועל איך אייך זינגען אַ פריילאַך ליד.

מ אַ ק אַ ר ע נ ק אָ: זינג!.. זינג, בראַטיעץ!..

כ ו ו אָ ס ט אָ ו ו: אַבער אַ פריילאַכס, נישט געגאַרט.

(בעזפּאַלאָוו זינגט טרויעריג און מיט געפיל: „ווי זשרערטוואָיו פּאַלי וו באָרבע ראָקאָוואָי"... מאַקאַרענקאָ כאַפּט זיך אויף, נאָך אים אַלע אויסער כוואָסטאָוו'ן און בעזפּאַלאָוו'ן, און מאַרשירען אין אַ שערענגע צום טאַקט מיט אַראָפּגעלאָזענע ערנסטע קעפּ, ווי נאָך אַ לייכע. מאַקאַרענקאָ דיריזשירט, אַלע העלפען מיט אונטערען נאָז, דער טאַפּער שפּילט מיט).

כ ו ו אָ ס ט אָ ו ו: (שרייט) גענוג שוין! מען דאַרף ניט מער! אַ פּאָכאָראָנעם מאַרש איז ער געקומען זינגען אין אַ קאַפע שאַנטאַן!... (ער פּרובירט בעזפּאַלאָוו'ן פאַרשטאָפּען דעם מויל, יענער שטויסט אים אָפּ און זינגט, ווען ער ענדיגט שרייען צלע: „בראַוואָ, בעזפּאַלאָוו!... מאַלאָדיעץ בעזפּאַלאָוו!.. זינג ווידער! זינג נאָך אַמאָל!".. כוואָסטאָוו שרייט: „מען דאַרף ניט מער!" אויפ'ן טומעל קומט צולויפען די באַלעבאָסטע, זי איז אין שוואַרצען געקליידעט).

אַ נ אַ ס ט אַ ס י אַ: (מיט אַ שטרענגען טאָן) פוי, וואָס פאַר אַ שאַנדע!.. פאַרגעסט ניט, אַז איר געפינט זיך אין אַן אָנשטענדיגער הויז.

כ ו ו אָ ס ט אָ ו ו: געוויס, געוויס, קראַסאַוויצע מיינע! — אין אַן אָנשטענדיגע הויז, אַ גאַסטפּאַרכטיגע הויז.

ב ע ז פּ אַ ל אָ ו ו: אַזאַ יאָר אויף אייך ביידען!..

(באַלעבאָסטע אָפּ. כוואַסטאָוו נעמט זיך אַנגיסען די גלעזלאַך).

ק י ט אַ י ע ץ : (גלעט אַדעלינאַ'ן) אַך, וואָס פיר שיינע מיידעלאַך! כי, כי, כי...

אַ ד ע ל י נ אַ : אָבער דו ביסט אַ העסליכע פארשלאָ־פענע בריאה!

ק י ט אַ י ע ץ : אָבער דו אַ שיינע מיידעלע. (לאַכט נאַריש).

אַ ד ע ל י נ אַ : (שפּאַסיג) זאָג מיר, קראַסאָװוטשיק, ווי רופט מען דיך?

ק י ט אַ י ע ץ : מיך?

אַ ד ע ל י נ אַ : (קלאַפּט אים אין הארצען) יאָ, דיך, דיך!

ק י ט אַ י ע ץ : איך דיר געזאָגט שוין צען מאָל.

אַ ד ע ל י נ אַ : איך פאַרגעסען.

ק י ט אַ י ע ץ : מען רופט מיך צין צאַנג יאַנג לינג.

אדעלינא: צין צאַן צאַן.

ק י ט אַ י ע ץ : ניין, צין צאַנג יאַנג לינג.

אַ ד ע ל י נ אַ : צין צאַנג פאַנג דראַנג לינג. (אַלע לאַכען).

מ אַ ק אַ ר ע נ ק אַ : איר האָט געהערט אַ נאָמען אַ מענש האָט זיך אויסגעקליבען?

(דער גלעקעל קלינגט. אויף דער עסטראַדע באַווייזען זיך פּיוװקע, אַלע שאַנסאָניעטקעס און צום לעצט באַסיא. עס ווערט אַ פאַטשערײ. באַסיא און פּיוװקע זינגען די סאָליסטען, די איבעריגע העלפען אַרויס, זינגענדיג און שפּרינגענדיג. מאַקאַרענקאָ קריכט אויך אַרויף אויף

דער עסטראַדע און מאַכט זיי נאָך. ווען זיי ענדיקען, ווערען זיי שטאַרק אַפּלאַדירט. באַסיאַ, פּיוווקע און די מוזיקער גייען אַפּ, די איבריגע מיידלאַך זעצען זיך אוים ביי די טישלאַך מיט די געסט. גרישא קומט אַריין גיט דרייסט. ער איז געקליידעט אין אַ נעטען טונקעלען אַנצוג, ווייסער אויבערהעמד, האַרטען קראַגען און מאַנ־זשעטען. ער זעצט זיך אַן אַ זייט ביי אַ ליידיג טישעל, קוקט זיך אַרום נערוועז, זוכט מיט די אויגען באַסיאַ'ן. אַדעלינא און רעגינא גייען צו אים צו).

א ד ע ל י נ א : זדראַווסטוואויטע, ליבער הער, אַ זעלטענער גאַסט ביי אונז!

ר ע ג י נ א : זדראַווסטוואוי, שיינער קאַוואַליער!

ג ר י ש א : (צוטומעלט, בורטשעט אַרויס) זדראַווסטוואוי־טע, באַרישני!

ו ו א נ ק א : (וואַקסט אוים ווי פון אונטער דער ערד) וואָס ווילט איר, גנעדיגער הער, שאַמפּאַניער, קאָניאַק, פראַנצויזי־שע וויין, ביר, לעמאָנאַד? אַלעס פון בעסטען סאָרט. (גרי־שאַ אַ צוטומעלטער שווייגט).

ר ע ג י נ א : קויף מיר, גאָלובטשיק, אַ פלאַש וויין און עטליכע פלאַש ביר.

א ד ע ל י נ א : קויף מיר, טייערינקער, פּיראָגען.

ו ו א נ ק א : נו, וואָס פאַרלאַנגט איר, גנעדיגער הער?

ג ר י ש א : (קוקט אויף זיי אַלעמען אַ צוטומעלטער, בורטשעט אַרויס) ברענגט...

ר ע ג י נ א : וואַנקאַ, ברענג אַ פלאַש רויטען וויין, אַבער גוטען.

א ד ע ל י נ א : און מיר פרישע הייסע פיראָגען.

(וואַנקאַ לויפט אַוועק).

ר ע ג י נ א : אַך וואָס פאַר אַ שיינער יונג דו ביסט! ווארום קומסטו נישט אָפטער אַהער? — אונזער קאַפּעשאַנ־טאָן איז דאָך דער בעסטער און רייכסטער אין שטאָט!

(בעזפּאַלאָוו זינגט „עי אוכניעם". אַלע העלפען אונטער. כוואָסטאָוו האַלט אַן אַנגעגאָסען גלעזעל און ווען עס קומט צו די ווערטער „יעשטשאָ ראַזיק" טרינקט ער אויס און שרייט „יעשטשאָ ראַזיק". וואַנקאַ ברענגט פּאַר גרישאַ'ן ווײַן, גלעזלאַך, פּיראָגען. ער עפענט פלינק די פלעשעל).

ו ו א נ ק א : זייט אַזוי גוט, ליבער הער, באַצאָלט פיר רובעל.

(גרישאַ נעמט אַרויס אַ פינפערל, גיט אים, וואַנקאַ לויפט און ברענגט די רעשטע און לעגט עס אויפ'ן טיש).

א ד ע ל י נ א : קאָן איך עס נעמען, קאַפּאַטיק מיינער, ליובאָווניטשעק מיינער?

ג ר י ש א : אויב איר דאַרפט עס, נעמט עס.

א ד ע ל י נ א : (נעמט דאָס געלד, באַהאַלט דאָס אין בוזים, זי וויל אים אַרומנעמען, ער שטופּט זי אָפּ. צו רעגינאַ'ן) ער זעט אויס צו זיין אַ הילצערנער.

ר ע ג י נ א : אונזער שטרענגער קאַוואַליער מוז זיין אַ פאַרליבטער. (זי גיסט אָן דריי גלעזלאַך ווײַן).

כ ו ו א ס ט א ו ו : (שרייט און קלאַפּט אין טיש) וואַנקאַ, דו טייפעלשער יונג! ברענג אַהער שנעלער צוויי פלאַש

רויטען ווײן!.. אבער פון די גוטע. אניט וועל איך דיר, פארשיוואיא ראזשא, דעם קאפ צוקלאפען! (וואנקא ברענגט כוואסטאוו'ן ווײן).

קיטאיעץ: וואנקא, וואנקא! מיר אויך ווײן, מיר אויך ווײן! צוויי פלאש, צוויי פלאש! די רויטע.

(וואנקא ברענגט דעם קיטאיעץ ווײן. רעגינא און אדעלינא פילען אן די גלעזער).

רעגינא: (צו גרישא'ן) נו, טרינק מיט!

גרישא: איך טרינק ניט.

רעגינא: (ברוגז) נו, טא גיב זשע א סיגארעטקע!

גרישא: איך האב ניט.

רעגינא: אויך מיר א מוזטשינע! — ניט ער טרינקט, ניט ער רויכערט. (זי גייט אפ צום אנדערען טישעל, נעמט א סיגארעטקע ביי מאקארענקא).

אדעלינא: נו, זאג מיר כאטש, גאלובטשיק, ווי רופט מען דיך?

גרישא: וואס מאכט איך אויס ווי מען רופט מיך?

אדעלינא: אך, וואס פאר אן אומפילענדער מענש דו ביסט!

(רעגינא האלט אין האנט א לאנגען פעדער און טאנצט צווישען די טישלאך און איבערן זאל; זי קאקעטירט און פארטשעפעט אלע מענער און באזונדערס גרישא'ן. זי זינגט:

„ביע טא ברונעטיק,
ביע טא מאי סוויעטיק,

און גיט אבמאכיעט, גיע פראדאסט.
און טיערפיט מוקי, פאלטא אי בריוקי,
און ווסיא דליא זשענשטשיני אטדאסט...„
אלע כאפען אונטער, בוואסטאוו קלאפט מיט א פלאש צום טאקט).

ק י ט א י ע ץ : (גלעט זייגע מיידלאך) איי וואס פאר א שיינע מיידלאך!.. טרינקט מיידלאך!...

(אנאסטאסיא פעטראוונא קומט אן).

מ א ק א ר ע נ ק א : כאזיאיושקא, היים שפילען א פאדעספאנטשיק!

א נ א ס ט א ס י א : עי, מוזיקאנטי, וואו זייט איר פארפאלען געגאנגען? (די מוזיקער באווייזען זיך) שפילט א פאדעספאן!

(ס'פאנגט זיך אן א געשריי: „פאלקא! ווענגערקא! קאדריל! מאזורקא!" מאקארענקא שרייט: „פאדעספאן!" די מוזיקער פאנגען אן צו שפילען א פאדעספאן, דער פידלער מאכט מיאוסע גרימאסען ביים שפילען. אלע אויסער בעזפאלאוו'ן לאזען זיך טאנצען, די מיידלאך באוועגען זיך לעבעדיג, און אויסדרוק אויפ'ן געזיכט. מאקארענקא, טאנצענדיג קלאפט אונטער צום טאקט מיט די קאבלוטשקעס, מאכט פארשידענע פיגורען; רעגינא טאנצט מיט'ן קיטאיעץ, וועלכער לויפט איר נאך נאריש מיט זיינע דיגע, קליינע פיסלאך; בעזפאלאוו רויכערט פארטראכט).

א ד ע ל י נ א : (נעמט גרישא'ן פאר די הענט) נו, קום זשע טאנצען מיט מיר, דו שיינער קאוואליער!

גרישא: איך פיל נישט היינט ווי צום טאנצען.

אדעלינא: ווילסט ניט — דארף מען נישט!

(זי גייט אוועק ניט באליידיגט, נעמט א מיידעל, לאזט זיך טאנצען. בשעת זיי טאנצען בעטראכט גרישא אלעס ארום זיך, בעזפאלאוו בעמערקט עס).

בעזפאלאוו: קומט נאר אהער, יונגערמאן, וואס זיצט איר דארט אליין?... (גרישא גייט צו ניט גערן) וואס זיצט איר און באטראכט אלעס אזוי זאנדערבאר? (גרישא שווייגט, די מוזיק בלייבט שטיל, מאקארענקא רוקט צוזאמען צוויי טישלאך, אלע זעצען זיך אוים, אייניגע שאנסאניעטקעס גייען ארוים).

כוואסטאוו: אט אזוי, מאלאדאי טשעלאוויעק, אלע צוזאמען וועט זיין פריילאכער. (שרייט) שווייצאר, וואו ביסטו דארט?.. דו פוילער יונג!.. שאמפאנסקאיע, טשארט פאבערי!.. (וואנקא ברענגט וויין, כוואסטאוו און מאַקארענקא גיסען אן די גלעזער) נו, טרינקט אלע, טשארט וואס פאבערי!... אז שוין לעבען, זאל זיין געלעבט. (אלע טרינקען אויסער גרישא'ן, וועלכער פילט זיך ניט אם פלאץ).

מאקארענקא: נו, שטייט זשע ניט אפ פון קאמפאניע, יונגער הער!

בעזפאלאוו: (צו גרישא'ן) טאווארישטש, פון אייער האלטען זיך דערקען איך, אז איר זייט א זעלטענער בעזוכער פון די קאבארעטען און קאפע־שאנטאנען. (גרישא ענטפערט נישט).

כוואסטאוו: זאנדערבאר! א דערוואקסענער מוזשטשינע — און טרינקט ניט, באזוכט ניט קיין פריילאכע

הייזער ... און איך בין שוין געװען אַן אַריינגייער אין די פלעצער נאָך זייענדיק אַ גימנאַזיסטל.

ר ע ג י נ אַ : ער רויכערט אפילו ניט!

מ אַ ק אַ ר ע נ ק אָ : אַ זאָנדערבאַרער יונגער מאַן.

ב ע ז פּ אַ ל אָ װ : נו, טאָװאַרישטש, זאָגט מיר נור דעם אמת, װי געפעלט אייך עפּעס אונזער שטאָטישע אינסטיטוציע?

ג ר י ש אַ : אַ שיין ביסעל שמוץ געפינט זיך דאָ ביי אייך.

ב ע ז פּ אַ ל אָ װ : יאָ, איך פאַרשטיי אייך, איך האָב דאָס געלעזען אויף אייער געזיכט ... דאָס איז ריכטיג, אָבער װאָס קאָן מען טאָן? — מיר זיינען דאָך אַלע ניט מער װי זינדיגע מענשען, און מיט דער נאַטור קעמפען איז אַ גאַנץ שװערע זאַך.

כ װ אָ ס ט אָ װ : ריכטיג!.. ריכטיג!.. אַלע זיינען זינדיגע מענשען, (אַנאַסטאַסיאַ גייט פאַרביי) אפילו אונזער קראַסאַװיצאַ אַנאַסטאַסיאַ פּעטראָװנאַ איז אויך אַ זינדיגע.

ג ר י ש אַ : (צו בעזפּאַלאָװ'ן) ס'איז גאַר נישט אַזוי שװער, אויב מען װיל נאָר.

ב ע ז פּ אַ ל אָ װ : געפּרובירט, ברודער, און נישט אויסגעהאַלטען...

כ װ אָ ס ט אָ װ : און איך האָב אפילו נישט גע־פּרובירט... איך זאָג מיר מיינס, אַז אַ לעבעדיגער מענש דאַרף לעבען, און אַז מען לעבט, דאַרף מען פאַרברייננגען

מיט מיידלאך, און מען דארף נעמען צו קאפיטשקעס. ווי זאגסטו, מאקסימקא?

מאקארענקא: איך האלט אימער מיט דיר, אלעקסעי ניקאליייעוויטש.

(באסיא אין א ציגיינער קאסטיום באווייזט זיך, זי זעט אוים מיד, אנגעשטרענגט און פארטראכט).

כוואסטאוו: א, באסקא, באסקא, טייערינקע נשמה מיינע! קום נאר אהער!.. וואו ביסטו געווען אזא לאנגע צייט?.. קום נאר אהער ליבינקע, איך בענק נאך דיר, מיין טייבעלע!..

(באסיא באמערקט גרישא'ן, ווערט בלאס, בלייבט שטיין ווי א פארשטיינערטע).

מאקארענקא: נו, וואס שטייסטו, פרימאדאנא באסקא!

(מאקארענקא מאכט פלאץ לעבן כוואסטאוו'ן, טראגט איר אונטער א שטול. זי זעצט זיך).

כוואסטאוו: יעצט וועלען מיר אלע טרינקען פארן געזונט פון אונז אלעמען באליבטער באסקא!

(ער און מאקארענקא נעמען זיך אנגיסען די גלעזלאך. עס קומט אריין א רייכער פויער אין א פעלץ, ארומגעגארטעלט מיט א רויטען גארטעל, בלייבט שטיין ביים טיר, זוכט א איקאנע, צלומ'ט זיך איבער, קוקט זיך ארום און שפייט אוים. ער זעצט זיך ביי א טישעל, באשטעלט שנאפס).

גרישא: איך קוק אייך אלעמען דא אן... איך קאן אייך ניט. (באסיא שפארט זיך אן אן טיש, הערט זיך צו נייגעריג) פיליכט זייט איר אונזערע שטאט טאטעס, באשיצער און

פארזארגער... וואס טוט איר דא אלע? — איר זייט זיך געקומען פריילאך מאכען אויפ'ן חשבון פון אט די ארימע אומשולדיגע מיידלאך. אנשטאט זיי צו דערציהען, ראפינרען, לערנען, — האט איר זיי ארומגערינגעלט מיט אן אטמאספערע פון שכרות, אויסגעלאסענקייט, וואולגא־ריטעט... איר פארפעסטעט זייערע נשמות און איר פאר־דארבט זייערע קערפערס...

(דער קיטאיעץ איז איינגעשלאפען, אנשפארענדיג זיך אויפ'ן טיש).

כ ו ו א ס ט א ו ו : דו ביסט טאקע גערעכט, יונ־גערמאן, אבער צו א ביסעל וויין האט עס נישט צו טאן. (צו באסיא'ן) טרינק, ליובינקע! וואס ביסטו אזוי אומעטיג היינט אווענד? (ער וויל זי גלעטען, זי שטויסט אים צוריק).

ב ע ז פ א ל א ו ו : איך ווייס דאס אלץ, ליבער הער, איר זיינט פאלקאם גערעכט, אבער איך זאג אייך נאך א מאל, איך בין צו שוואך צו קעמפפען געגען דער נאטור.

ג ר י ש א : אט דאס איז דער גאנצער אומגליק מיט אונז מענשען — מען דארף קענען זיין דער פאלקאמענער הערשער איבער זיך אליין. וואס זאגט איר, וועגען דעם, באסיא אבראמאוונא?

ב א ס י א : (פארטראכט) מיר פרויען דארפען בלויז קוקען און שווייגען, ווייל מיט אונזער מיינונג רעכענט מען זיך גאנץ ווייניג.

ב ע ז פ א ל א ו ו : איר זיינט גערעכט, באסיא.

מ א ק א ר ע נ ק א : אומניצא באסקא!

כ ו ו א ס ט א ו ו : וואס טויג אייך, גאספאדא, די

פילאָסאָפיעס. איך בין שוין, סלאווא באָגו, אריבערגעפארען די פופציגער, און איך זאָג אייך, אז אַ לעבעדיגער מענש דאַרף לעבען, און אַז מען לעבט דאַרף מען נעמען צו ביסע־לאַך, און מען דאַרף פארברייינגען מיט מיידעלאַך...

מ אַ ק אַ ר ע נ ק אַ : פּראַוודאַ, אַלעקסעי ניקאָלאַיע־וויטש, אַז שוין לעבען דאַרף מען לעבען און געניסען.

ג ר י ש א : יאָ, יעדער איינער איז בערעכטיגט צו געניסען פון לעבען, אָבער געניסען פון יענעמס ליידען איז אַן אומרעכט... מען קען געניסען פון דער נאַטור, מוזיק, ליטעראַטור, קונסט, א. אז. וו... אָבער נעמען יונגע קינדער און ערנידעריגען זיי — איז אַ הימעל שרייענדע עולה!... איז אַ חזיר׳יי!...

ב ע ז פּ אַ ל אָ ו ו : פּראַוודאַ, טאָווארישטש!.. יאָ, אַ חזיר׳יי, אַ חזיר׳יי!.. איך בין אויך אַ חזיר, מיר זיי־נען אַלע חזרים, סוואָלאָטשעס, אויסוואורפען, און דו (צו כוואָסטאָוו׳ן) ביסט אפילו נישט ווערט דעם עק פון אַ חזיר!...

כ ו ו אָ ס ט אָ ו ו : זאָל זיין אַ חזיר, זאָל זיין דער עק פון אַ חזיר... אָבער איך פרעג אייך, מענשען, וואָס טויג די וועלט אָן מיידעלאַך און אָן ווייַן?...

מ אַ ק אַ ר ע נ ק אַ : נו, טאַקע, זאָגט אַליין, וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט די וועלט אָן מיידלאַך און אָן שנאַפּס?

(ביים טיר באַווייזט זיך לאָמאָנאָסאָוו. ער איז אויס־געפּוצט אין אַ שוואַרצען אָפּגעטראָגענעם סורטוק, אָן

אלטען צילינדער, ווייסע האנדשעך און א שטאק, טראגט בענסנע).

א ד ע ל י נ א : אהא, דער פראפעסאר איז דא!

ר ע ג י נ א : עס וועט שוין ווערען פריילאך!

ל א מ א נ א ס א ו ו : (טוט אוים די האנדשעך) איך האב די עהרע זיך פארצושטעלען: פעאדאר טימאפעיעוויטש לא-מאנאסאוו, געוועזענער פריוואט דאצענט פון פילאלאגישען פאקולטעט, געוועזענער אקטיאר פון קייזערליכען טעאטער, יעצט קלאון, פאיאץ, פאקוסניק פון אלע קאפע שאנטאנען און פריילאכע הייזער... מיין עהרע צו די הערען טשייקאוו-סקי און רובינשטיין! (נייגט זיך צו די מוזיקער) מיין אכטונג צו דער לאנג צעפיקער ראסע צינג צאנג יאנג לינג! (מען וועקט אויף דעם קיטאיעץ, ער רייבט זיך די אויגען).

ק י ט א י ע ץ : דו באלד מאכען קונצען?

ל א מ א נ א ס א ו ו : מיינע בעסטע געפילען צו די האכגעשעצטע טאלאנטפולע דאמען! (נייגט זיך העפליך צו די מיידלאך) מיין אכטונג צום סטאטסקי סאוויעטניק כווא-סטאוו!... מיין עהרע צום סטודענט פון יורידישען פא-קולטעט בעזפאלאוו! אונזער צוקונפטיגער שטאטסמאן, יוריסט, ריכטער; און מיינע בעסטע ווינשע צו מיין גע-שעצטען פאני-בראט, געוועזענער נאטשאלניק סטאנציע מאקארענקא! (טוט אים א פאטש איבער'ן פלייצע).

כ ו ו א ס ט א ו ו : נו, טרינק-זשע, דו אלטער פא-יאץ, א גלעזעלע וויין! — עס וועט דיר דאך טרוקען ווערען אין מויל רעדענדיג. (ער גיסט אים אן א גלעזעל, לאמאנאסאוו טרינקט עס אוים אין איין אטעם).

ר ע ג י נ א : אנו, פראפעסאר, ציינט עפעס א קונץ!
(לאמאנאסאוו לאזט זיך לאנג ניט בעטען, מאכט נאך ווי מען זעגט א ברעט, דאן שפרינגענדיג מאכט ער נאך ווי די באן גייט).

מ א ק א ר ע נ ק א : מאלאדיעץ, בראט, דערפאר טרינקט נאך א גלעזעל. (גיסט אים אן נאך א גלעזעל).

ל א מ א נ א ס א ו ו : (זעצט זיך, אטעמט שווער, טרינקט ווידער) אך, העך בעזפאלאוו, נישטא די אמאליגע יארען!... ערשט מיט א יאר צען, צוועלף צוריק האב איך נאך מיט גרויס ערפאלג געשפילט אטעלא אין באקו, האבען מיך סטודענטען נאך דער פארשטעלונג אויף די הענט אוועקגע-טראגען אין מיין האטעל... (שאקעלט מיט'ן קאפ) עך, זיך געפעלט די אמאליגע יארען!...

כ ו ו א ס ט א ו ו : וואס איז דא צו דערמאנען וואס אמאל איז געווען! — דערווייל לאמיר נעמען צו קאפיטש-קעס. (מאקארענקא און כוואסטאוו גיסען ווידער אן די גלעזער, אלע טרינקען אויסער גרישא'ן און באסיא'ן און בעזפאלאוו'ן).

א ד ע ל י נ א : פראפעסאר, איר זיינט נאך איצט אויך א גוטער אקטיאר! ציינט זשע ווי איר שפילט האמ-לעט.

ר ע ג י נ א : טאקע, העך פראפעסאר, ציינט דעם שטרענגען העך (ווייזט אן אויף גרישא'ן) וואס איר קענט.

ל א מ א נ א ס א ו ו : (גייט צום ראיאל, נעמט פון דארט דעם אלטען שווארצען צודעק, וויקעלט זיך ארום און מאכט א פאזע אלא האמלעט)). איך וועל אייך פארשטעלען ווי איך האב

געשפּילט פּרינץ האַמלעט, ווען זיין פּאַטערס גייסט ער־שיינט (דעקלאַמירט:

„מלאכים ליכטיגע, באַשירמט אונז!
ביסט אַ ריינער גייסט, צי אַ פאַרפלוכטער?
קומסטו אין קלאָרער הימלסלופט געהילט?„ א. אז. וו.
ווען ער ענדיגט הערען זיך שטימען: „בראַוואָ לאַ־מאַנאַסאָוו!"...).

אדעלינא: (פּאַטשט אים פריינדליך איבער׳ן פּלייצע) זייער גוט, הער פּראָפעסאָר!..

(איניגע געסט גייען אַפּ. וואַנקאַ שלעפּט אַ גימנאַזיסט ביים פּאָלע, טרייבט אים אַהיים).

כוואַסטאָוו: אויסגעצייכענט, הער פּראָפעסאָר! נו, מאַקאַרענקאַ, יעצט ווייז אָקאַרשט וואָס דו קענסט... עי, מוזיקאַנטי, שפּילט אונז אַ קאַמאַרינסקע! קאַמאַרינסקע, טשאַרט פּאַבערי!... אָבער לעבעדיג, נים פאַרשלאָפען.

(די מוזיקער שפּילען אַ קאַמאַרינסקע. מאַקאַרענקאַ לאָזט זיך טאַנצען; אַלע, אויסער באַסיאַ׳ן, גרישאַ׳ן, און בעזפּאַלאָוו׳ן שטעלען זיך פון ביידע זייטען, פּאַטשען צום טאַקט; אַ ביסעל שפּעטער לאָזט זיך אויך אַריין כוואַסטאָוו מיט אַ פלאַש אין האַנד; די מוזיקער ענדיגען).

כוואַסטאָוו: (שרייט) מוזיקאַנטי, שפּילט זאָג איך אייך! שפּילט איר טייוועלשע קינדער! — איך וועל אייך באַצאָלען. (כאַפּט אַרויס עטליכע רובעל, וואַרפט עס די מוזי־קער אין פּנים) שפּילט איר פוילע יונגען!... אַז לעבען, זאָל זיין געלעבט!... (די מוזיקער שפּילען אַ פריליכע קאַמאַ־רינסקע, כוואַסטאָוו כאַפּט אַ מיידעל, דריקט זי צו זיך, טאַנצט ווילד;

דאס זעלבע מוט מאקארענקא. רעגינא שלעפט נאך זיך דעם קיטאיעץ. דער פויער מוט אוים זיין פעלץ, ווארפט עס אויפ'ן דיל. לאזט זיך אויך טאנצען פריסעדקעס. אלע ווילד און שכור?.. אלע ווערען ביסלעכווייז מיד טאנצענדיק. זיי זעצען זיך ווידער אוים בא די טישלאך. כוואסטאוו, אין גאנצען א שכור'ער, קושט זיך מיט מא־קארענקא'ן).

בעזפאלאוו: ווי זיי האבען זיך עס צעיושעט!

גרישא: עס וועט נאך אמאל אויף דער וואקכא־נאליע אויך קומען דער פאהיבעל.

כוואסטאוו: אט דאס הייסט געלעבט!...

(זיי טרינקען ווידער; שכור'ערהייד פאנגען זיי אן צו זינגען מיט היזעריקע, וויינענדיקע שטימען:

„ניע פלאטש טי מארוסיא, בודיעש טי...

פראשטשאי טי אדעסא...“

אין דער צייט וואס זיי זינגען רעדען בעזפאלאוו און גרישא צווישען זיך אין דער שטיל. באסיא אין א טרויעריגער שטימונג פאלגט נאך זייער געשפרעך).

מאקארענקא: (צו באסיא'ן) ווארום ביסטו, באסיא, היינט אזוי אומעטיג? טרינק בעסער, ועסטו וועד רען פריילאכער?...

כוואסטאוו: (צו בעזפאלאוו'ן און גרישא'ן) גענוג אייך צו פילאזאפירען דארט, — קומט בעסער, טרינקט א ביסעל!... (צו באסיא'ן) באסקא טייערינקע, וועסטו טרינ־קען א ביסעל נאסטאיאשטשען פראנצוזישען וויין?...

באסיא: (ווארפט אראפ פון זיך די שווערע געדאנקען, הויך,ענטשלאסען) יא, איך וועל טרינקען!..

כ ו ו א ס ט א ו ו : (לאַבוסדיק) וואַנקאַ, וואו ביסטו דאָרט?... אַהערצו גיי שנעלער, דו ציגיינער יונג!... (וואַנקאַ קומט צולויפען) ברענג שנעל דריי פלעשער בעסטען סאָרט פראַנצויזישע, פאַר באַסקאַ׳ן!... אָבער די נאַסטאַ־יאַשטשע קרעפקע, נישט גענאַרט!

ו ו אַ נ ק אַ : פאַר באַסקאַ׳ן גיב איך אַלעמאָל די בעסטע. (אָפּ, געהוילט. קומט שנעל צוריק מיט וויין. באַסיאַ גיסט אָן אַ גרויסע גלאָז, וויל טרינקען. גרישאַ באַמערקט עס).

ג ר י ש אַ : טרינקט ניט, איך בעט אייך!

ב אַ ס י א : איך מוז... איך דאַרף... איר מיינט אודאי, מילאַסטיווי גאָסודאַר, אַז אַלע שכור׳ע פילען אַ טעם אין דעם שכור׳ן, אָדער זיי פילען גוט אין דער צייט ווען זיי שכור׳ן?!.. ניין, ס׳איז אַ ליגען!... מען טרינקט ווייל מען דאַרף דעם געוויסען פאַרטויבען, מען טרינקט, ווייל מען וויל עפּעס דערשטיקען אין זיך...

ב ע ז פּ אַ ל אַ ו ו : אַ מענשען־קענער, באַסקאַ.

ב אַ ס י אַ : וואָס װעניגער געטראַכט, אַלס בעסער פאַר אונז מיידלאַך. (כאַפּט די גלאָז וויין, טרינקט עס אויס אין איין אָטעם, גרישאַ בלייבט אונצופרידען און טרויעריג). אַך, ווי ווארעם עס ווערט אויפ׳ן הארצען נאָך דעם ווי מען טרינקט אויס אַ גלאָז שטאַרקען וויין! — עס מאַכט צו פאַרגעסען, עס באַווייזען זיך פאַרשידענע קאָלירען אין די אויגען; עס הויבט זיך מיר אָן דוכטען, אַז איך בין ניט מער באַסקאַ די שאַנסאָניעטקע און אַז איך בין נישט אין איין קאַפע־שאַנטאַן... די גאַנצע וועלט קוקט מיר אויס שענער, בעסער, אינטערעסאַנטער... אָך, ווי גוט פאַר

אונז איז דאס טרינקען!... (זי גיסט אן ביידע צוויי גלעזלאך, ווענ־דעט זיך צו גרישא׳ן) טרינקט, ליבער הער, צוליב מיר!

ג ר י ש א : איך טרינק נישט.

ב א ס י א : (מיט געבעט) צוליב מיר!... (גרישא טרינקט א ביסעל, זי טרינקט אויס אין גאנצען. לאמאנאסאוו גייט צו צו גרישא׳ן, בעט אים עפעס אין דער שטיל, גרישא נעמט ארויס א רובעל, גיט אים, לאמאנאסאוו דאנקט אים. דאס זעלבע טוט ער מיט די איבריגע געסט).

כ ו ו א ס ט א ו : נו, יעצט זינג עפעס, ליובינקע באסקא!

מ א ק א ר ע נ ק א : יא, זינג באסקא!

ש ט י מ ע ן : זינג, באסקא, זינג!...

(באסיא זינגט:

„גאוואריאט יא אפיאנעלא,

נא ווינא יא ניע פילא.

אי קאמו קאקאיע דיעלא,

יעסלי סטאלא וודרוג פיאנא...“

ווען זי ענדיגט שרייען אלע „בראווא“!).

כ ו ו א ס ט א ו : פוי, וואס פאר אן אומעטיגע ליד!

מ א ק א ר ע נ ק א : (צו גרישא׳ן) זעט איר, מאלא־דאי טשעלאוויעק, ווען איר טרינקט, וואלט איר אויך גע־ווארען פריילאך.

(גרישא ענטפערט ניט).

ב ע ז פ א ל א ו : פון אזא פריילאכקייט ווילט זיך וויינען.

כ ו ו א ס ט א ו : זינג, באסקא מילאיא, א פריילאך

לידעל!... עך, טשארט פאבערי, האב איך דיך ליב ווי דאס לעבען!..

מ א ק א ר ע נ ק א : (גיסט אן א גלעזעל וויין) טרינק, קראסאוויצא באסקא!

ש ט י מ ע ן : זינג, באסקא, זינג!..

ב א ס י א : יא, יא, לאמיר טרינקען!.. זינגען!.. טרינקען!.. ווער מען נישט פילען די שמוץ ארום זיך...

ר ע ג י נ א : זינג, זינג, באסקא!

א ד ע ל י נ א : זינג באסקא! — ווען דו זינגסט, נעמט אן ביים הארצען.

כ ו ו א ס ט א ו : אבער עפעס פריילאכעס!...

(באסקא זינגט:

„ניע דליא מעניא פרידיאט וועסנא..."

אין מיטען זינגען לאזט זי זיך אראפ אויפ'ן טישעל, וויינט זיך פאנאנדער. עס ווערט א ווײלע שטיל).

כ ו ו א ס ט א ו : עס פאנגען זיך שוין אן די היסטעריקעס.

ל א מ א נ א ס א ו : גאספאדא, פאר מיר איז שוין צייט צו גיין!... איך דאנק אייך אלעמען פאר אייער גאסטפריינדלאכקייט. אדיע געעהרטע דאמען און הערען! ארעוואואר!.. (אפ).

ש ט י מ ע ן : גייט געזונד, פראפעסאר, פארגעסט ניט צו קומען שבת.

ג ר י ש א : (גייט צו צו באסיא'ן. מיט א געדריקטען טאן) איך וויל מיט אייך עפעס ריידען באסיא אברא מאוונא.

באסיא: נו, גוט, — קומט צום צווייטען טישעל.

(זיי זעצען זיך ביי א טישעל אין א זייט).

אדעלינא: א זאנדערבארער יונג דער הער.

כוואסטאוו: א געפייגערטער פאן!

מאקארענקא: אן אפגעלעבטער...

בעזפאלאוו: (שלאגט זיי איבער, קלאפט אין טיש, שרייט) שטיל זאלט איר ווערען איר אויסוואורפען, פיאניצעס, שארלאטאנעס!... פארמאכט אייערע שמוציגע מיילער!..

(זיי בלייבען שטיל).

גרישא: (שטיל) קומט, באסיא אבראמאוונא, אומבעדינגט מארגען אום דריי נאכמיטאג צו מיר אויפ'ן קווארטיר, ברענגט מיט זיך אלע אייערע ווערטפולע זאכען און פאפירען. איך האב שוין צוויי פארטיגע אויסלענדישע פאספארטען.

באסיא: עס שרעקט מיך מיין הארץ. איך וועל מיר נאך איבערלייגען... איך בין ניט זיכער אויב איך וועל קומען.

גרישא: קומט אומבאדינגט!... נו, יעצט גיי איך; — גוטע נאכט!

(גיט איר די האנד. אפ. באסיא טרויעריג בעגלייט אים מיט די אויגען).

כוואסטאוו: גוטע נאכט, דו נארישער מענש! זע אקארשט דו זאלסט נישט פארשפילען אי די וועלט, אי יענע וועלט.

בעזפאלאוו: שווייג, דו פיאניצע, אויסוואורף!... ער איז וואס מען מעג אנרופען מיט דעם

נאָמען מענש, און מיר זיינען שוואַכלינגע, אויסוואורפען, באַסיאַקעס, שאַרלאַטאַנעס.

כוואַסטאַוו: (מיט אַ תייזעריגער שכור'ער שטימע) נו, זאָל זיין אַ פּיאַניצע, אַן אויסוואורף, אַ שאַרלאַטאַן, אָבער צו אַ ביסעל וויין קער זיך דאָס ניט אָן. (שרייט) עי, וואַנקאַ!... ברענג פרישען וויין!... וויין ברענג...

(פאָרהאַנג פאַלט).

דריטער אקט

ערשטע סצענע

אין אַמעריקאַ, פינף יאָר שפּעטער. אַ זומער פּלאַץ ניט ווייט פון ניו־יאָרק. אַ שיינע לאַנדשאַפט. עס זעט זיך אַ טייכעלע, ביימער; די זון שיינט. גרישאַ, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטיין לעזט אַ בוך, באַסיאַ קומט אָן.

גרישאַ: וואו איז מנחם?

באַסיאַ: ער שפּילט זיך מיט די שכנים׳ס קינדער... ער קוקט אוים לעצטענס וואונדערבאַר, דער שטיפעריל, אַ לעבן אַף אים.

גרישאַ: די זונשיין, די ריינע שמעקעדיגע לופט פון די „פיין טרים" און די רוהיגקייט, האָבען אויף אים גוט געווירקט און ער האָט אויפגעבליט ווי אַ בלום. עס איז אַזוי גוט ארויסצורייסען זיך אַ ווײַלע פון דער רוישיגער שטאָט אין אַזאַ שטילען, פאַרוואָרפענעם ווינקעל...

באַסיאַ: געוויס גוט, — מנחם׳טשע זאָגט, אַז ער וועט מער אין ניו יאָרק ניט פאָרען.

גרישאַ: מיר האָבען שוין איינמאָל אַ אינגעל! — זיין זינגען, זיין טאַנצען און שפּרינגען פּילט אָן דאָס גאַנצענע הויז מיט שמחה און לעבענסלוסט.

באַסיאַ: איך קאָן גאָר דיר מיט ווערטער, טייערער גרישאַ, ניט אויסדריקען דאָס פאַרגעניגען, וועלכען דער

קינד פאַרשאַפט מיר: ער פילט אָן יעדעם גליד מיינס מיט לעבען, פרייד און געזאַנג.

ג ר י ש אַ : איך בין, באַסיאַ, שטאַרק צופרידען, וואָס מיר האָבען געקראָגען אַ שטיקעל לאַנד דאָ אין דער קאָלאָניע. די מערסטע קאָלאָניסטען זיינען גאַנץ אינטערעסאַנטע, סימפּאַטישע מענשען.

ב אַ ס י אַ : איך האָב זיך גוט צוזאַמענגעלעבט מיט מיינע שכנים דאָ.

ג ר י ש אַ : דעם קומענדען זומער, באַסקעלע, וועלען מיר אויף אונזער בערגעל אַנשטאָט דעם „טענט" אויסבויען אַ קליין הייזעל, וועלען מיר ניט דאַרפען אַזוי מורא האָבען פאַר די רעגענס מיט די ווינטען און פאַר די קאַלטע נעכט... אַי, באַסקעלע, וועלען מיר דאָס לעבען אַ גוטען טאָג. אַ יאָ, עס איז אונז גוט און וואויל?

ב אַ ס י אַ: איך האָב זיך בעסער קיינמאָל ניט געוואונשען. (קליינע פּאַוזע, פערטראַכט) דו ווייסט, גרישאַ, אַז דעם קומענדען מאָנאַט ווערט פינף יאָר זינט מיר זיינען צוזאַמען... אַך, ווי שנעל עס איז פאַראיבער.

ג ר י ש אַ : ווען דאָס לעבען איז אינטערעסאַנט, טייערינקע, דאַן פליהען די טעג און די יאָרען שנעל... מיר האָבען עס אַ היבש ביסעל דורכגעמאַכט פאַר די עטליכע יאָר: עמיגרירט אין אַ ניי לאַנד מיט אַ נייער שפּראַך און נייע זיטען, היינט די פּלאָגעניש ביז וואַנען איך האָב געקראָגען די שטעלע אַלס זעטצער אין דער צייטונג, דאַן דיין קריינק נאָך מנחם'טשעס געבורט...

ב אַ ס י אַ : און דאָך זיינען די פינף יאָר פאַר מיר

דורכגעלאָפען ווי איין חודש. (זי גייט צו נאָהענט צו אים, נעמט אים אַן דעליקאַט פאַר די אַקסלען) יאָ, טייערער גרישאַ, ווייל עס איז מיט דיר אינטערעסאַנט! ווייל מיר איז גוט!... אַך, ליבער גרישאַ, ווען דאָס זאָל קאָנען אַזוי אָנהאַלטען לאַנג, לאַנג... (קוקט אים גלייך אין די אויגען אַריין) ביסטו אויך גליקלאַך, גרישאַ?

ג ר י ש א : צוליב וואָס פרעגסטו עס מיך, ליבינקע באַסיאַ? פילסט דען ניט, אַז איך בין גליקלאַך?.. קאָן דען זיין אַ גרעסערער גליק, ווען מאַן און ווייב פאַרשטייען זיך, ליבען זיך און לעבען אין פאָלקאָמענע האַרמאָניע...

ב א ס י א : יאָ, איך בין פאָלקאָם גליקלאַך מיט דיר, מיין ליבער, מיין טייערער גרישאַ! דו האָסט פאַר מיר ענטדעקט אַ נייע שיינע וועלט. (זיי קושען זיך) נו, איך גיי זען, וואָס מנחם'טשיק טוט, און אַז דער עסען וועט זיין פאַרטיג וועל איך דיך קומען רופען.

(באַסיאַ אָפּ, גרישאַ לעיינט ווידער. סאָניאַ קומט אָן. זי טראָגט אַ רוסישע אויסגענייטע רובאַשקע, אַ קורצע קליידעל; אירע האָר, וועלכע זיינען שוין היבש גרוי, זיינען אונטערגעשאָרען. קאָקעטירט).

ס א נ י א : אָ, האַללאָ, גרישאַ!

ג ר י ש א : האַללאָ.

ס א נ י א : גאָר איינער אַליין?

ג ר י ש א : יאָ, אַליין.

ס א נ י א : (נעמט אַרויס סיגאַרעטס) ווילט איר איינס?

ג ר י ש א : איר ווייסט דאָך, אַז איך רויכער ניט...

(סאָניאַ פאַרויכערט) נו, ווי געפעלט אייך די קאָלאָניע?

ס אָ נ י אָ : אַ פײן געגענד האָט איר אויסגעקליבען: — אַ שײנע לאַנדשאַפט, אַ בערגיק פּלאַץ, גוטע לופט, אַ פאַנטאַסטיש טײכעל, און דערצו ניט װײט פון ניו יאָרק... איך דענק דאָ צו קומען יעדע ענדע װאָך... (קלײנע פּאַוזע).

ג ר י ש אָ : עפּעס דאָ גוטע נײַס?

ס אָ נ י אָ : עס קײנע נײַס, װסיאָ פּאַ סטאַראָמו... איר װײסט גרישאָ? — איר עלטערט זיך גאָרנישט... (גײט צו נאָהענט צו אים, גײט דורך מיט אירע פינגער דורך זײנע האָר) איר פאַרמאָגט נאָך אַלץ אַ שײנע קאָפּ האָר, און מײנע װערן גרוי און פאַלען אויס.

ג ר י ש אָ : (אַ אומצופרידענער) זאָגט מיר, איך בעט אײך, װאָרום האָט איר זיך לעצטענס פאַרנומען צו מאַכען מיר אַזוי פיל קאָמפּלימענטען?

ס אָ נ י אָ : גאָר אײנפאַך, איך פיל אַזוי צו טאָן.

ג ר י ש אָ : װאָס מײנט עס?

ס אָ נ י אָ : איר װײסט גאָר ניט, גרישאָ? — איך האָב דאָך מײן װאָלאָדקען געגעבען דעם װעג... פוי, האָט ער מיר דערעסען אָט דער פּוסטער, פּוילער יונג!.. דרײ מאָ־נאַטען איז ער אָפּגעלעגען בײ מיר אין שטוב און גע־פרעסען. אַז איך האָב אים געהײסען זוכען אַרבײט, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער איז ניט באַשאַפען געװאָרען פאַר אַזעלכע קלײנלאַכע, פּראָזאַאישע זאַכען, װי אַרבײט. נו, האָב איך אים געהײסען גײן פון מײן הויז... מײן מײדעלע האָב איך אַרײנגעגעבען אין אַ קינדער פּענסיאָן, בין איך מיר אין גאַנצען אַ פרײע פײגעל געװאָרען.

ג ר י ש אַ : איר האָט נאָך אָבער אַלץ אַף מיין פראַגע ניט געענטפערט?

ס אָ נ י אַ : איר זיינט, גרישאַ ,אזוי נאַאיוו!.. באַמערקט איר דען ניט, אַז איך בין ניט גלייכגילטיג צו אייך?

ג ר י ש אַ : איך פאַרשטיי אייך ניט!

ס אָ נ י אַ : איר זיינט אַן אמת'ער קינד... פילט איר דען נישט אַז איך בין אין אייך פאַרליבט?...

ג ר י ש אַ : (פאַרוואונדערט) איר... אין מיר, פאַרליבט!?

ס אָ נ י אַ : יאָ, פאַרליבט, גאַנץ איינפאַך. כאַ-כאַ-כאַ! ווארום האָט איר זיך דערשראָקען? איך פאָדער פון אייך גאָרנישט... קיין קאָנטראַקטען וועלן מיר ניט שרייבען. נו, איך האָב אייך ליב, בעז ניקאַקיך... האָב איך דען דערצו קיין רעכט נישט?

ג ר י ש אַ : יאָ, איר האָט דאָס פולע רעכט, אָבער מען דאַרף דאָך אויך פרעגען דעם צווייטען צד.

ס אָ נ י אַ : דער צווייטער צד גייט מיר נישט אָן, — פרייע מענשען האַנדלען בלויז נאָך די דיקטירונג פון זייערע אייגענע געפיהלען...

ג ר י ש אַ : אַזוי!.. מיט דעם צווייטענס געפילען רעכענט איר זיך ניט!.. אפילו דאַן ווען עס קומט אוים צו צושטערען יענעמס גליק, פאַרניכטען אומשולדיקע לעבענס?...

ס אָ נ י אַ : דער אמת שטאַרקער און פרייער מענש שטעלט זיך פיר גאַרנישט אָפּ. ער רעכענט זיך גאַר מיט

זיך אַליין, מיט זיין אייגענעם איך. יאָ, אַזוי האַנדלען אמת פרייע מענשען אין אַ פרייער געזעלשאַפט.

ג ר י ש אַ : איך בין מיט אייך ניט איינפאַרשטאַנען. נאָך מיין מיינונג, דאַרף אַ פרייע געזעלשאַפט זיין געבויט אויף גלייכהייט, גערעכטיגקייט און פרייהייט פאַר יעדען איינעם. אַן קנעכט און אַן געוועלטיגער, אַן פירער און אַן אונטערדריקטע און דאָס שטימט גאָרנישט מיט אייערע עגאָאיסטישע טענדענצען.

ס אָ נ י אַ : איך בין איינע פון יענע עקסטרעמע, ראַדיקאַלע אינדיווידואַליסטקעס, וועמענס אידעאַל איז אומבאַגרענעצטע פרייהייט; מיין אינדיווידואַליזם קאָן נישט אויסגעדריקט ווערען מיט טעאָריעס, ער איז אין מיר, אין מיין קערפּער, אין מיין בלוט. דאָס איז מיין נאַטור, מיין טעמפּעראַמענט...

ג ר י ש אַ : דאָס זעלבע האָב איך געהערט פון דער אויסגעלאַסענער בורזשואַזי, נור מיט איינפאַכערע ווערטער. יענער קלאַס מענשען זאָגען אָפען: איך קאָן נישט און איך וויל נישט קעמפען געגען דער נאַטור; איך וויל נישט וויסען פון קיין גערעכטיגקייט, — אַז לעבען זאָל זיין געלעבט... דער אונטערשייד צווישען יענע און אייך איז, דאָס די מערסטע פון יענע שעמען זיך מיט זייערע טהאַטען, באַהאַלטען זיך אויס ווי גנבים, און איר טוט אַלעס עפענטליך.

ס אָ נ י אַ : גוט כאָטש וואָס איר ווייסט דעם אונטערשייד. דאָס וואָס מיר טוען אַלעס עפענטליך, און

דאָס וואָס מיר לאַכען זיך אוים פון דער עפענטליכער מיינונג אין דעם אַליין דריקט זיך אוים אונזער פרייהייט.

ג ר י ש א : פאַראַן צווישען יענע אויך אַזעלכע העלדען ,וואָס האָבען ניט קיין בושה און ניט קיין חרפה — און שכור'ן און הולטייעווען פובליטשנע.

ס אָ נ י אַ : איר זיינט, גרישא, אַן אָפּגעשטאַנענער מענש. אייערע געדאַנקען זיינען פון מלך סאביעצקעס צייטען. איר פאַרשטייט?... ליבע ווייס ניט פון קיין גערעכטיגקייט! ליבע ווייס ניט פון קיינע פליכטען!.. ווי עס זעט מיר אוים, האָט איר אין אַלגעמיין אַ קנאַפּען באַגריף וועגען פרייע ליבע.

ג ר י ש אַ : (אויפגערעגט) און איך דענק, אַז אַזוינע מענשען ווי איר פאַרביליגען דעם אידעאַל פון פרייע ליבע. איר מישט בכלל צוזאַמען די געפילען פון ליבע מיט די געפילען פון פיזישע לוסט, ווייל איר לעבט דאָך צווישען זיך בלויז פיזיש און דערפאַר בייט איר אייערע געליבטע, ווי ציגיינער בייטען פערד. די אמת'ע ליבע, די ריינע ליבע ענטהאַלט אין זיך אַזעלכע געטליכע, הייליגע, צאַרטע געפילען מיט וועלכע מען קאָן זיך ניט ארומוואַרפען... און געדענקט מיינע ווערטער, אַז נאָך יעדען פאַרברעכען פאָלגט די שטראָף...

ס אָ נ י אַ : (שפּאָטיש) נו, און אייער באַסיא אַבראַמאָוונאַ, זי האָט געמעגט זיין אַ שאַנסאָניעטקע?...

ג ר י ש אַ : (מיט כעס שלאָגט איר איבער) איר האָט ניט קיין רעכט דאָס מיר צו דערמאַנען. אָבער אַזוי ווי איר האָט שוין אַנגערירט מיין אינטימען לעבען, וועל איך אייך

זאָגען גאָר אָפען, אַז איך האַלט אייך און אייער גלייכען פאַר נידעריגער פון יענע שאַנסאָניעטקעס, ווייל יענע האָט מען מיט געוואַלד אין דעם זומפּ אַריינגעשטויסען, און איר האָט אויף זיך פרייוויליג דעם שמוץ אַרויפגעשלעפּט... געדענקט איר דעם פרייען געזעלשאַפט קלאַב? וויפיל נאַרישע מיידעלאַך זיינען רואינירט געוואָרען דורך דער לעהרע: „מען דאַרף זיך אונטערגעבען דער נאַטור"...
(ער מאַרשירט אַרום נערוועז) אייערע הויך־קלינגענדע מאמרים: ווי אומבאַגרענצטע אינדיווידועלע פרייהייט, ליבע ווייס ניט פון קיינע פליכטען און גערעכטיגקייט און נאָך אַזעלכע פראַזען באַנוצט איר נאָר צוליב באַרעכטיגען אייער קליינ־ליכען, קרענקליכען עגאָאיזם; עס איז אַ מיטל צו פאַר־דעקען די צוויי־טאָגיגע נשמה, צו באַרעכטיגען דעם פאַר־זונקענעם געוויסען...

ס אָ נ י אָ: עך, וואָס איז דאָ מיט אייך צו רעדען!
— איר זייט געוועזען און איר וועט פאַרבלייבען אַ פאַרשי־מעלטער אַלט־פרענקישער מאָראַל פרעדיגער...

(עס דערהערען זיך טריט, באַסיא קומט אַן, באַטראַכט זיי).

ב אַ ס י אָ: וואָס האָט איר דאָ אַזוי געשריען? ס'קוקט אויס, ווי איר האָט זיך אַרומגעקריגט. — עך, מענשען, מענ־שען, די נאַטור אַרום אונז איז דאָך אַזוי ריין, צויבערהאַפט און רוהיג און איר קריגט זיך גאָר!.. קומט, סאָניא, מיט אונז, וועלען מיר כאַפּען אַ ביים, מיין זונעלע וועט פאַר אייך זינגען אַ פּאָר שיינע לידעלאַך, קומט!...

ס אָ נ י אָ: ניין, איך האָב ניט קיין צייט, איך בין פאַרנומען. איך מוז שוין גיין. גוד ביי!

נ אַ ט ו ר ס ו ו י ד ע' ר ק ל אַ נ ג ע ן

ב אַ ס י אַ : נוד ביי.

(סאַניאַ אַ. באַסיאַ און גרישאַ גייען אַביסעל שפּע־
טער אַם שווייגענדיק).

פאַרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

צווייטע סצענע

פינף יאָר שפּעטער. זומער. אויף אַ הויכען באַרג אין דער זומער־היים פון די קאַניעווסקי'ס. עס זעט זיך די וועראַנדע און דער פּאַסאַד פון אַ הילצערנער הויז — אַ טיר און צוויי פענצטער. אויף דער וועראַנדע — שטאַנגען פון בלומען, קאָלירטע לעמפּעלאַך, עטליכע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען, אַ טיש, ביינקלאַך. אין אַ ווינקעל הענגט אַ העמאַק. אַרום הויז — בוימער, בלומען, פון בעריאָזעס צוזאַמען געקלאַפּטע ביינקלאַך, אַ גאָרטען... עס ליגען הויז געצייג — לאָפּעטעס, אַ האַק, אַ זעג, קינדער שפּילצייג, אַ הוטעלקע... די פּאַנאָראַמאַ אַרום איז פּראַכטפול. די זון האַלט באַ אונטערגיין, אירע גאָלדענע שטראַהלען פאַלען אויף די רוקענס פון אַ רייזע בערג, וועלכע זעהען אוים אַט פּורפּור־גאָלד, אַט מאַט־בלוי... עס זיינען פאַרצייגען עטליכע עלעקטרישע דראָטען מיט קאָלירטע לעמפּעלאַך. באַסיא שטייט אויף אַ בענקעל, דעקאָרירט די לעמפּלאַך מיט פּאַפּירענע שטענגעס און זינגט. ברוך דוד קומט אַן.

ב ר ו ך ד ו ד: קוים דעם וועג געטראָפען... שוין ווידער פאַרבלאָנדזשעט. אַוועק צום טייכעל און אויף צוריק האָב איך ניט געוואוסט ווי צו גיין.

ב א ס י א: אַי, פעטער, איר זייט שוין אַזוי פיל מאָל געוועזן באַם טייכעל און איר ווייסט נאָך אַלץ דעם וועג ניט?

ב ר ו ך ד ו ד: גיי טרעף, אַז איבעראַל קוקט אוים די זעלבע. די זעלבע בערגלאַך, די זעלבע ביימלאַך, די זעלבע הייזקעס... זעסטו אין דערהיים אויף אַ דאַטשע,

דארטען וואלט איך נים געבלאנדזשעט, ווייל דארטען איז א וואלד געדיכט, די ביימער זייגען הויך און גראב און דא איז אלעם ווי אויף קאטאוועס. די הייזקעס שטייען אויף הינערשע פיסלאך, די ביימלאך קורצע און דארע. עס וואונדערט מיך אין גאנצען, ווי אזוי אויף די שטיינער וואקסט עפעס...

באסיא: אי, פעטער, איר רעדט נאך אלץ פון דערהיים! מאלע וואס אין דער היים אין קליינשטעטל איז געווען.

ברוך דוד: יא, אין דערהיים איז אלעס אנדערש געווען. אין דערהיים בין איך געווען רב ברוך דוד דער גמרא מלמד, דא בין איך א היברו טיטשער און לערען אידישע אינגעלאך זאגען קדיש און עברי טייטש. אין דערהיים האב איך געדאווענט פאר'ן עמוד אין דער גרויסער ליבאוויטשער שול, דא דאווען איך אין א טאנץ זאל פאר א פאר מנינים אידען. אבער וואס טויג די רייד, מסתמא איז אזוי באשערט, גם זו לטובה.

באסיא: פארגעסט נים, פעטער, אז מיר לעבען אין א ניי לאנד, אונטער אנדערע אומשטענדען און אין אנדערע צייטען. דעם פלאץ פון דער שול פארנעמט דא דער טעאטער, די אפערע, די סימפאני, דאס געזאנג...

ברוך דוד: זעהסטו, די טעאטערע מיט דער אפערע בין איך דיר מוחל, אבער זינגער האט אמעריקא די בעסטע. די גרעסטע חזנים פון דער וועלט געפינסטו דא. איך האב שוין געהערט יאסעלען, קארמאיאלען, מייזלען, הערשמאנען... הערסטו באסיע, ערשט לעצטען שבת

האָב איך געהערט אַ יונגען בחורל דאַװנען: האָט ער אַ קאָלאָראַטור, האָט ער אַ האַלז!... זײער אַ גרױסער זאַ־גער, דאָס װאַקסט אַ צװײטער סיראָטע. ער האָט געזאָגט „עץ חיים היא" און נאָך דעם ניסן בעלזער'ס „ובמנחה ואומר", האָט מען אים געדאַרפט אױסקושען יעדע גליד...

(ער זינגט זיך פאַנאַנדער. חנה דבורה קומט אַן).

ח נ ה ד ב ו ר ה: אין מיטען ויאמר האָט ער זיך צװזונגען, האָט ער. עס װעלען דאָך שױן באַלד מסתמא אָנקומען מענשען, װעלען דאָך!...

ב אַ ס י אַ: איר זײט גערעכט, מומעניו, — מיר פערלאָזען זיך שױן צופיל אױף אײך.

ח נ ה ד ב ו ר ה: קום בעסער, ברוך דוד, העלף צושנײדען די טײגלאַך, העלף בעסער.

ב ר ו ך ד ו ד: מילא, אַז אַ װײב הײסט מוז מען פאָלגען.

(ברוך דוד און חנה דבורה אָפּ. עס קומט אָן סאָניאַ. זי קוקט אױס פאַרעלטערט, אָפּגעלעבט, די האָר גרױ).

ב אַ ס י אַ: אָך סאָניאַ!... װאָס פאַר אַ גאַסט!

ס אָ נ י אַ: (באַטראַכט דעם פּלאַץ) אָך װי שײן דאָ איז בא אײך אױפ'ן באַרג!... אַזױ פיל סאָסנעס, גרינס און בלומען זעהט מען נאָר אין קאַליפאָרניע.

ב אַ ס י אַ: (טראָגט איר אונטער אַ בײנקעל) זעצט זיך! (סאָניאַ זעצט זיך).

ס אָ נ י אַ: איר, באַסיאַ, קוקט אױס װאונדערבאַר. נו, װאָס מאַכט גרישאַ? — ער איז נאָך אַלץ אַ זעצער אין אַ צײטונג? פערשאַט אים ניט די אַרבײט?

באסיא: ניין, ער איז פאלקאם געזונט. ער ווייס ווי אכטונג צו געבען אויף זיך. ער טוט דא זומער א סך פיזישע ארבייט אויפ'ן פרייען לופט. ער האט די גאנצע הויז און אלץ וואס איר זעט דא, אליין אויפגעבויט.

סאניא: נו, און וואס מאכט אייער זון? — מען דערציילט גאר וואונדער פון אים.

באסיא: יא, ער איז א וואויל אינגעל... נו, דערציילט בעסער וועגען זיך. שלעכטער מענש וואס איר זיינט! — איר זייט שוין צוויי מאנאטען פון קאליפארניע און איר זיינט נאך צו אונז ניט ארויפגעקומען.

סאניא: גלויבט מיר, באסיא, עס האט זיך אלץ ניט געמאכט.

באסיא: נו, דערציילט זשע עפעס פון יענעם צוויבערלאנד?...

סאניא: וואס איז דא צו דערציילען? איבעראל די זעלבע וועלט, מיט די זעלבע צרות... זונשיין האב איך דארטען טאקע געפונען א סך, אבער גליק גאנץ ווייניק. (זי פארויכערט א סיגארעט) עד, ליבער פריינד, ווסיא טרין טרא־ווא, טשעפוכא!... פאר מיר איז דא גאנץ ווייניג גליק אויף דער וועלט געבליבען. אבער וועמען ארט עס, — לאז דאס לויפען צום טייפעל!... (רויכערט האסטיג).

באסיא: איר זיינט היינט אין א שלעכטער שטי־מונג.

סאניא: איך פיל, באסיא, אז איך ווער אלט פאר דער צייט. איך בין שוין אינגאנצען גרוי. איך זע שוין די געלע בלעטער. (דעקלאמירט פארטראכט, צום פאנאנדער די

ווערטער) און נאָכ׳ן הערבסט קומט דער גרויזאַמער ווינטער און מיט אים דאָס עלענד, פינסטערניש אומעט און נויט...

ב אָ ס י אַ : איר רעדט היינט נאַרישקייטען! — איר קאָנט נאָך פיל געניסען פון לעבען...

ס אָ נ י אַ : פאַרשפּילט, מיין פריינט, פאַרשפּילט!... איך בין ערשט פינף און דרייסיג יאָר אַלט און איך בין שוין אָפּגעלעבט. איך שלעפּ מיך אַרום ווי אַ שאָטען אָן פריינד, אָן אַ היים און אָן אַ ברעקעל וואַרימקייט.

ב אָ ס י אַ : איך פאַרשטיי ניט, וואָס אַזוינס איז מיט אייך געשעהן? — איר זייט דאָך אַלעמאָל געווען אַזאַ לוסטיגע, אַ פריילּיכע, געלעבט אָן אייגענאַרטיג, אינטערעסאַנט לעבען און מיט אַמאָל...

ס אָ נ י אַ : יאָ, איך האָב געלעבט אַ אייגענאַרטיג, אינטערעסאַנט לעבען... כאַ, כאַ, כאַ! אַז איך דערמאָן זיך מיט וואָס פאַר אַ שמוציגע ברואים איך האָב מיך געקאָמפּאַנירט, כאַפּט מיך אַזש נאָר אָן אַ עקל. גאָט מיינער! ווי האָב איך נאָר געקאָנט אַזעלכע מענשען ליב האָבען?... יאָ, גרישאַ איז געווען גערעכט. די מערהייט פון מיינע חברים זיינען געווען פּוסטע אויסגעלאַסענע פוילע יונגען, וועלכע האָבען פּאָזירט אַלס ראַדיקאַלען און אידעאַליסטען. די מענער זיינען יעצט אַלע פּראַקטישע מענשלאַך געוואָרען. ווער עס האָט געהייראַט, און דוקא געזעצליך, גראַד מיט אַן אומשולדיג מיידעל מיט אַ פּאָר טויזענד דאָלער אַלס צוגאָב; ווער עס האָט געעפענט אַ ביזנעס, אָדער נאָר אַ שאָפּ און איז נאָך אַ גרעסערער עקספּלואַטאַטאָר, ווי אַ געוויינליכער בורזשוי. און די פרויען שלעפען זיך אַרום

פאר דער צייט פארוויאנעטע, פאר׳חושכ׳טע אן א גאט און אן א גלויבען...

ב א ס י א: נו, און אייער טאכטערל, קאן זי דען ניט אייער לעבן אויספילן?

ס א נ י א: מיין טאכטער האט מיך אויך ניט איבריגס ליב. זי פילט זיך דערשלאגן. עס פעלט איר עפעס. זי פרעגט מיך אפט: — איז מיין פאפא געשטארבען? זאג איך איר אז ניין, פרעגט זי: — אויב ער לעבט, ווארום קומט ער ניט, ווי אלע טאטעס, זען דיך און מיך? שווייג איך. — אוי, זאגט זי, וואלט איך געוואלט האבען א פאפא, און ברידערלאך און שוועסטערלאך, ווי אלע קינ־דער! אט אזוי האלט זי מיך אין איין מאטערען מיט פראגען, אויף וועלכע איך קאן איר קיין ענטפער ניט געבען. (קליינע פאוזע) איר הערט, באסיא, אלע מיינע יארען האב איך דאך אויסגעלאכט די יעניגע, וועלכע האבען געגלויבט אין איינריכטען א היים, אין געזעצליכע הייראט, אין האבען קינדער... איך האב אויף די מענשען געקוקט, ווי אויף שמאלקעפיקע, אפגעשטאנענע באשעפענישען, יעצט ווען די עלטער איז אנגעקומען, זע איך ערשט איין, ווי נויטיג עס איז צו האבען א אייגען ווינקעלע וואו מען זאל קאנען די קאפ צושפארען, ווי נויטיג עס איז צו האבען אן אמת׳ען פריינד און פארטנער אין לעבען, און ווי נויטיג עס זיינען די יונגע קינדערלאך... עך, אבער וואס העלפט דאס ריידען! — צו שפעט, פארשפילט, אלעס פארשפילט... (הויבט זיך אויף) נו, איך גיי שוין. איך

וויל נאָך דאַ זען באַ אייך אויף דער קאָלאָניע נאָך עטליכע בעקאַנטע.

ב אַ ס י א : סאָניא, היינט מוזט איר מיט אונז פאַרברענגען דעם אווענט. מיר האָבען אַ הוליאַנקע, עס וועט ביי אונז זיין פריילאַך. איר וועט דאַ טרעפען אביסעל אַלטע בעקאַנטע.

ס אָ נ י אַ : נו, גוט, איך וועל קומען. דערוייל אַדיע!

ב א ס י א : קומט אומבאַדינגט!

(סאָניא אָפּ. באסיא בלייבט שטיין אַ פאַרטראַכטע. חנה־דבורה קומט אַן מיט אַ סאַרוועט, דעקט דעם טיש).

ח נ ה ד ב ו ר ה : זאָל איך שוין, באַסקעלע, אויס־שטעלען דעם טיש, זאָל איך?

ב א ס י א : יא, מומעניו.

(חנה דבורה גייט עטליכע מאָל, ברענגט פרוכטען, נאַשעריי, גרישא קומט אַן מיט פעקלאַך אין די הענט).

ג ר י ש א : (צו חנה דבורה'ן) אָט דאָ האָט איר, מומע, אַלעם וואָס איר האָט מיר געהייסען ברענגען. (חנה דבורה נעמט צו די פעקלאַך, גייט אָפּ).

ג ר י ש א : אוואו איז מנחם'טשע?

ב אַ ס י אַ : ער שלאָפט שוין. איך האָב אים היינט לכתחלה אויפגעוועקט זייער פרי, כדי ער זאָל גיין פרי שלאָפען... דו ווייסט גרישאַ, ווער איז דאָ ערשט געווען? סאָניא, סאָניא זימאַן. דו ווייסט דאָך, אַז זי איז שוין דאָ צוריק פון קאַליפאָרניע.

ג ר י ש א : וואָס דערציילט זי עפּעס?

באסיא: זי קוקט אויס פארעלטערט, אפגעלעבט. דו וואלסט זי גאר ניט דערקאנט!... היינט איז זי אזוי פעסימיסטיש געשטימט!..

גרישא: דאס איז די שטראף פון דער נאטור פאר דעם אומנארמאלען לעבען וועלכען זי האט געפירט.

באסיא: מען דארף, גרישא, ניט זיין אזוי שלעכט צו מענשען... זי האט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאן אויסער זיך אליין.

גרישא: נו, שנייט זי די פרוכט פון אירע אייגענע טאטען. אן אלטער געזעץ, וועלכער געוועלטיגט זינט טויזענדער יארען. נעמליך, די נאטור שטראפט פאר פאר־ברעכענס און באלוינט פאר גוטע מעשים. איך רוף די ערשיינונג — נאטורס ווידערקלאנגען.

באסיא: איך בין מיט דיר ניט איינפערשטאנען. זעען מיר דען ניט ארום זיך טויזענדער מענשען, וועלכע באגייען פארברעכענס און לעבען א גוטען טאג, און ערליכע מענשען, גייען ארום זוכען א שטיקעל ברויט?

גרישא: איך באטראכט די פראגע פון פילאזאפי־שען שטאנדפונקט. איך זאג, אז די גוטע מעשים און די שלעכטע מעשים פון דעם מענשען פארשווינדען ניט, נור זיי עסען זיך איין אין זיין קערפער, אין זיינע בלוטען, אין זיין נשמה. זיי, די מעשים, ליגען פארבארגען א לאנגע צייט אין דער שטיל און בא א געלעגענהייט קריכען זיי ארויס פון זייער באהעלטענים און באצאלען פאר גוטעס — מיט גוטען, און פאר שלעכטעס — מיט שלעכטעס. איך וועל דיר דאס פרובירען אילוסטרירען. איינער איז א

גנב, א רויבער, במילא געפינט ער זיך אין א פארברעכע־
רישער אטמאספערע. צום סוף פאלט ער אריין און
ווערט באשטראפט פון געזעץ, אדער עס ווערט ערמאר־
דעט פון זיינע אייגענע גענגסטער קאמעראדען און עס
ווערט אויף אים מקוים דער העברעאישער שפריכווארט —
סוף גנב לתליה. איינער איז אן אויסוואורף — פירט א
אויסגעלאסענעם לעבען. נו, קריגט ער ענדליך זיין שטראף
דורך ווענערישע קראנקהייטען, וועלכע טרייבען אים צו א
מיאוסען זיכערען טויט. איינער איז א געמבלער, א
קארטענשפילער — געמבעלט ער אזוי לאנג ביז ער פאר־
שפילט אי זיינע, אי פרעמדע און נאך דעם פון הארצ־
ווייטאג און פון שאנדע, שיסט ער זיך אריין א קויל אין
קאפ. פארקערט־זשע, איינער איז איין אמת׳ער ערליכער
מענש, ווערט ער פון דער נאטור באלוינט מיט א גע־
זונטען קערפער, מיט א רוהיגען גייסט, מיט שטארקע
נערוועז און א ריינעם געוויסען. נאך מיין מיינונג איז,
ווי מען בעט זיך אוים אזוי שלאפט מען.

ב א ס י א : דו האסט, אבער, גרישא, מיר ניט
געענטפערט דירעקט אויף מיין פראגע. נו, און די אלע
קאפיטאליסטען, טראסט־מאגנאטען, באסעס און די טוי־
זענדער מיטעלקלאס־מענשען, וועלכע לעבען אויפ׳ן חשבון
פון ד׳עם ארבייטערס שוויים און בלוט, — זיי זיינען דען
ניט קיין פארברעכער? און דאך ווערען זיי ניט נאר
באשטראפט פון דער נאטור, נאר זיי לעבען גאר אין לוק־
סוס, און פארקערט, דער ערליכער ארבייטער לעבט אין
ארמוט.

ג ר י ש א : דו רעדסט וועגן די רייבערישע קאַ־פיטאַליסטען, אָבער אויך זיי קריגן זייער שטראָף אַמאָל דורך אַ כטרייק, אַמאָל דורך אַ רעוואָלט, אָפֿט טרייבט זיי זייער רייכטום צו שכרות, הולטייסטווע, אויפערזוכט און מאָרד. און די יעניגע, וועלכע ווערען ניט באַשטראָפט זיינען דאָס מערסטענס די מיטעלקלאַס מענטשלאַך, וועלכע נאַרען אָפּ די נאַטור, ווייל זיי זינדיגען אַ קאַפּעטשקע, גנב'ענען און עקספּלואַטירען אַביסעלע, טוען קליינע עברה'־לאַך... קורץ, די נאַטור איז אַ שטרענגער קאָלעקטאָר. זי מאָנט אימער אויף די שולדען. מען קען איר אַ בעל חוב ניט בלייבען....

(חנה דבורה קומט אַן).

ח נ ה ד ב ו ר ה : נו, קינדער, וואָס זיצט איר און טענה'ט אַלץ פון פוסטע ווערטער, טענה'ט איר? ס'איז דאָך עפּעס היינט אייער צען יאָריגע חתונה, איז דאָך!..

ג ר י ש א : איר זייט גערעכט, מומע, — איר האָט עפּעס פאַר מיר אַרבייט?

ח נ ה ד ב ו ר ה : מען דאַרף נאָך אנטלייען אַ טיש און בענקלאַך ביי די שכנים, דאַרף מען.

ג ר י ש א : גוט, איך גיי שוין.

(גרישא אָפּ, חנה דבורה אויך אָפּ. באַסיא נעמט זיך ווידער צו דער אַרבייט. עס הערען זיך פון דערווייטענס קלאַנגען פון אַ שפּיל־קאַסטען, די קלאַנגען ווערען אַלץ דייטליכער. עס באַווייזט זיך איין איינגעהייקערטער מאַן, מיט אַ קרענקליך, העסליך פּנים, זעט אויס צו זיין פאַר'שכור'ט; ער דרייט לעבעדלאַז זיין שאַרמאַנקע:

וועז ער ענדיגט שפּילען, קומט ער צו נאָהענט צו באַסיאַ'ן, שטרעקט אויס זיין אַלטע שמוציגע הוט).

פ י י ו ו ק ע : גיט, ליבע מענשען, אַ נדבה!... העלפט אַ ארימען קראַנקען!...

(באַסיא גיט אים אַ זילבערנע מטבע, פּייווקע נעמט עס צו).

פ י י ו ו ק ע : גאָט זאָל איך בענשען, גנעדיגע...

(ער דערענדיגט ניט, בלייבט שטיין, קוקט אויף באַסיאַ'ן ערשטוינט).

פ י י ו ו ק ע : זאָגט מיר, איך בעט אייך, גנעדיגע פראַו, זענט איר ניט אַמאָל געווען אַן אַקטריסע?... איז נישט אייער נאָמען באַסיא?

ב א ס י א : (אַביסעל דערשראָקען) יאָ, אָבער ווער זייט איר?

פ י י ו ו ק ע : שרעקט זיך ניט, ליבע פראַו.. איך זע, איר זענט גליקליך... האָט איר אַ מאַן? קינדער?

ב א ס י א : (אומרוהיג) יאָ.

פ י י ו ו ק ע : איך דאַנק דיר, פאָטער אין הימעל!.. איך זע, איר זענט גליקליך... גאָט זיי דאַנק... באַאומרוהיגט זיך ניט, גנעדיגע פראַו, — איך וועל אייער גליק ניט שטערען.

ב א ס י א : אָבער ווער זייט איר?

פ י י ו ו ק ע : איר דערקענט מיך ניט זאָגאַר! (ווייגט זיך פאַנאַנדער) אָבער איך בין שוין סיי ווי ניט דער יעניגער, וועלכען איר האָט אַמאָל געקאַנט...

ב א ס י א : (דערשראָקען) אָי, פּייווקע טייערער, וואָס טוט איר דאָ?

פ י י ו ו ק ע: שרעקט זיך ניט, מאדאם! איך בין שוין מער ניט פייווקע טיגער... (הוסט זיך פאנאנדער) איך בין יעצט א צעבראכענער שארבען, א געשטראפטער פון גאט און א פארשטויסענער פון אלע מענשען... מיינע טעג זיינען געציילטע. ערלויבט מיר, גנעדיגע פראו, זיך צו־זעצען אויף עטליכע מינוט. (באסיא ווייזט אים אן אויף א בענקעל, פייווקע זעצט זיך) ווען איר זענט, ליבע פראו, אנטלא־פען אין אמעריקא, האב איך ערשט דערפילט, אז איך האב אייך ערנסט געליבט. (באסיא לאכט גיפטיג) איר מעגט, באסיא, לאכען, אבער איך דערצייל אייך ווי פאר גאט, דעם ריינעם אמת. איך האב אייך אלעמאל געליבט, נאר ניט געוואוסט ווי צו שעצען... איך האב אוועקגעווארפען דעם קאבארעט, די מיידלאך, דעם שכור'ן און בין געקומען אין ניו יארק. געווארען א ערליכער מענש. איך האב געהאפט, אייך אויפצוזוכען, אבער אומזיסט... (הוסט זיך פאנאנדער).

ב א ס י א: צוליב וואס דארפט איר דאס מיר אלעס דערציילען?

פ י י ו ו ק ע: דערבארימט זיך איבער מיר, גנעדיגע פראו, און הערט מיך אוים! איך וועל אייך קיין סך ניט באלעסטיגען, ווייל דער טויט שטייט מיר פאר מיינע אויגען... צוויי יאר האב איך אייך ארומגעזוכט, אבער אומזיסט. דאן האב איך אנגעפאנגען ווידער שכור'ן און איך בין געווארען א טרעמפ. עטליכע מיסיאנערען האבען זיך מיט מיר פאראינטערעסירט, זיי האבען מיך אין זייער מיטע אריינגענומען, מיך רעליגיאן געלערענט, מיין זינדיקע

זעלע געריייניקט, דאַן האָבען זיי מיך אין דער סאָלווייטשאָן ארמי אריינגעגעבען. אָבער מיין זינדיגע נשמה האָט לאַנג ניט אויסגעהאַלטען און איך האָב ווידער גענומען שכור'ן. זיי האָבען מיך דערפאַר ווי אַ הונט אַרויסגעטריבען און יעצט בין איך אַ שלעפּער, אַ בעטלער... יאָ, גאָט אין הימעל וועט מיך שטראָפען... איר ווייסט, ליבע פראַו!

(גרישא קומט אַן מיט די בענקלאַך, בלייבט שטיין אומבאַמערקט) פון דער גאַנצער באַנדע האָט זיך אויסגעלאָזען אַ מיאוסער סוף. דער סטודענט בעזפּאַלאָוו איז אַמאָל געקומען אַ שכור'ער און האָט דערשאָסען די באַלעבאָסטע און זיך; כוואָסטאָוו איז געוואָרען פּאָליצמייסטער אין שטאָט, האָבען אים די רעוואָלוציאָנערען אונטערגעשאָסען ביידע פיס, יעצט פירט אים אָרום זיין פריינט מאַקאַרענקאָ אויף אַ וועגעלע...

ג ר י ש א : גאַטור'ס ווידערקלאַנגען!

(פייווקע און באַסיא קוקען זיך אום).

פ י י ו ו ק ע : ענטשולדיגט מיר, ליבע, טייערע מענשען, איך גיי מיר באַלד מיין וועג. אָבער איידער איך גיי אַוועק וויל איך, ליבע פראַו, איר זאָלט מיר מוחל זיין מיין פאַרברעכען געגען אייך... איר זעט דאָך, אַז איך בין שוין געשטראָפט געוואָרען פון דעם הייליגען פאָטער אין הימעל. זייט מיר מוחל!.. לאָזט מיך שטאַרבען רוהיג!..

ב א ס י א : (שטיל) איך בין אייך מוחל.

פ י ו ו ק ע : אויף אַן אמת? מיט'ן פולען הארצען?

ב א ס י א : (שטיל) אויף איין אמת.

פ י י ו ו ק ע : (לאזט זיך אראפ מיט געוויין אויף דער ערד, באפט קושען אירע פיס) גאט זאל אייך בענשען, גנעדיגע פראו! גאט זאל אייך בענשען... יעצט גיי איך א רוהי־גער... (הויבט זיך אויף, מאכט עטליכע טריט, שטעלט זיך אפ, קוקט זיך אום) לעבט גליקליך, טייערע, ליבע מענשען! גאט זאל אייך בענשען!.. (נייגט זיך, גייט אפ).

ב א ס י א : (בלאס, רעדט קוים אויס) נא־טורס ווי־דער־קלאנ־גען... (חלש'ט, פאלט גרישא'ן אין די ארעמס, גרישא מינטערט זי. חנה דבורה קומט אן).

ג ר י ש א : ברייננגט, מומע, שנעל א גלאז קאלטע וואסער!

(חנה דבורה גייט אפ. קומט שנעל צוריק מיט וואסער, גיט באסיא'ן צום טרינקען).

ח נ ה ד ב ו ר ה : וואס איז דא אזוינס געשען, וואס?

ב א ס י א : איך פיל שוין בעסער.

ח נ ה ד ב ו ר ה : אפשר זאל איך דיר אפשפרעכען אן עין הרע, אפשר?

ב א ס י א : איך וועל זיך נאר אויף א ווײלע צו־שפארען...

(גרישא פירט איר אין די חדרים, חנה דבורה גייט זיי נאך... עס קומט אן פון גאס ברוך דוד, זינגט אונטער אין דער שטיל א חזנות ניגון. שיינמאן און נאך עטליכע געסט קומען אן).

ש י י נ מ א ן : א גוט ג'אווענט פעטער!

ב ר ו ך ד ו ד : א גוט נ'אװענט אף אייך אידען, א גוט נ'אװענט.

ש י י נ מ א ן : אװאו זיינען דאס די באלעבאטים?

ב ר ו ך ד ו ד : זיצט א װײלע, זיי װעלען באלד ארויסקומען (די געסט קוקען ארום די געגענד, ריידען צװישען זיך: „אך, װי שיין דא איז", „א פראכטפולע פאנאראמע"...).

ב ר ו ך ד ו ד : (צו שיינמאנ'ען) מיינע זאל לעבען, האט מיר אנגעזאגט, אז איך זאל למען השם פון הויז ניט אװעקגיין, — װייל היינט איז בא אונז א סעודת מצוה.

ש י י נ מ א ן : און אז מיינע זאל לעבען זאגט אז, מוז מען דאך פאלגען, א יא פעטער?

ב ר ו ך ד ו ד : נאך אלץ הייסט פאלגען!... ראשית דארפט איר ניט פארגעסען, אז דא אין דער מדינה אמעריטשקע זיינען די מענער אין גלות בא די װייבער, װייל דא געװעלטיגט דאך דאס „ליידים פוירסט". והשנית, אז א װייב הייסט העלפט סתם ניט קיין טענות.

(עס קומט אן גרישא. ער גריסט זיך מיט אלעמען).

ש י י נ מ א ן: אװאו איז באסיא?

ג ר י ש א : זי װעט באלד ארײנקומען. (גרישא מאכט ליכטיג. עס קומט אן סאניא, עטליכע יונגע לייט מיט באלאלייקעס. זיי גריסען זיך אלע מיט גרישא'ן).

ב ר ו ך ד ו ד : (שמעקט טאבאק) הערט איר אידען, געבענשט זאל זיין דער בורא יחיד, װעלכער האט באשאפען די ימים טובים און די שמחות... קומט אן א יום טוב, מעג עס זיין אפילו פורים אדער חנוכה, װער איך גאר

אנ׳אנדער מענש. איך דערפיל אין מיר די נשמה־יתרה... עך, א שאד וואס מען האט דא פארבילינגט אונזערע ימים טובים און אונזערע שמחות. נעמט למשל א חתונה אין אונזערע מקומות. די גאנצענע שטעטל פלעגט זיין אויף. א גאנצענע וואך פלעגט מען זיך משמח זיין, מיט כלי זמר אין די גאסען פלעגט מען גיין...

שיינמאן: און דא אין אמעריקע, פעטער, פארט מען צו אין סיטי האל, מען באצאלט צוויי דאלער — און שוין פארטיג, חתונה געהאט.

ברוך דוד: אי, קינדער, קינדער! — א וועלט אן שמחות, איז ווי א גוף אן א נשמה, ווי שבת אן א קוגעל און ווי א פויגעל אן א פליגעל...

(באסיא קומט אן. זי איז אנגעטאן אין א נעט קלייד, וועלכע מאכט איר אויסזען גראציעז און מאיעסטעטיש. זי איז נאך אלץ בלאס, אבער די בלאס־קייט גייט באלד איבער און זי ווערט פון איבעראשונג פאררויטעלט. אירע געסט גיבען איר א ווארימע אויפ־נאמע. מען הערט אויסגעשרייען: „די כלת גייט!... א, באסיא, באסיא!... לאנג לעבען זאל אונזער פריינד באסיא אבראמאווגא! הורא! הורא!"... זי גריסט זיך מיט אלעמען).

באסיא: איך דאנק אייך אלעמען!.. איר וועט מיר ענטשולדיגען וואס איך האב מיך פארשפעטיגט.

גרישא: נו, טאווארישטשי, קומט צום טיש! מיר וועלען עפעס נעמען אין מויל.

(אַלע זעצען זיך אוים ביים טיש. גרישאַ, באַסיאַ און חנה דבורה באַדינען, גיסען אָן ווייִן).

באַסיאַ: נו, פעטער, מאַכט ברכה!.. מיינע ליבע פריינד, טרינקט, עסט!..

ברוך דוד: לחיים גרשון! לחיים באַסיע! איר זאָלט דערלעבען פירען אייער מנחם צו דער חופה אין אַ גוטער שעה און אַ מזל'דיקער שעה!.. לחיים אידען! (ער מאַכט אַ ברכה און טרינקט).

שיינמאַן: לחיים טובים ולשלום!..

חנה דבורה: (צו באַסיאַ'ן און גרישאַ'ן) איר זאָלט דערלעבען, קינדער, נחת פון אייער מנחם'ען, זאָלט איר. (צו אַלעמען) עסט, טרינקט, קינדערלאַך, געזונטערהייד. אַלעס וואָס איר זעט דאָ אויפן טיש איז דאָס אייגענע געמאַכטע, איז דאָס.

שיינמאַן: (שטעלט זיך אויף מיט אַ אָנגעגאָסענעם כוס אין האַנט) טאָוואַרישטשי, היינט פייערען מיר דעם צען־יאָריגען צוזאַמענלעבען פון אונזער באַליבטען פריינד און מיט־אַרבייטער גרישאַ, מיט זיין פאַרטנער און קאַמפּאַניאָן באַסיאַ אַבראַמאָוונאַ, וועלכע איז אַ צויבערליכע געטין און סימפּאַטישע שיינע, ריינע נשמה... (שטימען: „לאַנג לעבען זאָל באַסיאַ און גרישאַ! הוראַ!"...) איך ווינש אייך, חברים קאַניעווסקיע, לאַנגע, לאַנגע יאָרען פון פרייד און גליק! איך ווינש אייך, אַז איר זאָלט אויפברענגען אייער גערא־טענעם זון אין אייער אייגענעם גייסט, דאָס הייסט, אין גייסט פון ערליכע פּראָדוקטיווע אַרבייט, אין גייסט פון וויסען און באַוואוסטזיין. זאָל אייער צוקונפט זיין אַזוי

עהרליך, ריין, פראכטיג און הארמאניש, ווי די לעצטע צען יאר!... פאר אייער געזונט און פאר אייער זונ׳ס געזונט, לחיים!... (ער טרינקט. שטימען: „לחיים! בראוואָ!...״ אלע טרינקען, עסען, טומלען. גרישא גייט ארויס און מאכט א „באָן־פייער״ ער לעשט אויס די עלעקטריק).

ש י י נ מ א ן : אפשר וועט דער פעטער זינגען פון זיינע חזנ׳ישע נגונים?

ח נ ה ד ב ו ר ה : לאזט בעסער דעם אלטען צורו, לאזט בעסער! — זאלען שוין די יונגע זינגען, זאלען שוין.

ב ר ו ך ד ו ד : איך האב שוין מיינס אפגעזונגען! — יעצט זינגט איר, קינדער... ווי זאגט מען, — נייע צייטען, נייע פייגעלאך, נייע פייגעלאך, נייע לידער...

ג ר י ש א : טאוואַרישטשי, לאמיר זיך אלע ארום־זעצען ארום דעם פייער און זינגען כאראם.

(שטימען: „גוט! גוט!״ זיי זעצען זיך אלע ארום דעם פייער און זינגען רעוואלוציאנערע לידער. די באלאלייקעס העלפען אויס. דערנאך נעמען זיי זיך פאר די הענט און טאנצען א קאראהאד ארום דעם פייער).

פארהאנג פאלט לאנגזאם.

ניו יארק, 1924.

די פארמער

איינאקטער.

פערזאנען:

חיים בער, א פארמער.
חיה דאבע, זיין ווייב.
גאלדעלע, זייער עלטסטע טאכטער.
זאנוועל, א שכן א פארמער.
יאקאוו, א בעדינער.

צייט: ווינטער אָוונט.

פלאַץ: אַ פאַרוואָרפענער ווינקעל אין די קעטסקיל בערג. אַ גרויסער אַלטמאָדיש פאַרמער עס צימער. רעכטס — אַ טיר צום הויפּט אַריינ־גאַנג. לינקס אַ טיר צו די איבריגע צימערען. אין הינטערגרונד — אַ טיר און אַ פּאָר טרעפּלאַך, וועלכע פירען צום קיך. אין מיטען הויז אַ טיש און לאַנגע בענק, עטליכע שטולען. בּאַ די ווענט אַ קליידער שראַנק און לאַנגע בענק. אין אַ ווינקעל אויף אַ טישעל שטייט אַן אַלט־מאָדיש פאָנאָגראַף מיט אַ האָרן. אויפ'ן טיש ברענט אַ קע־ראָסין לאָמפּ. אויף די טירען מזוזות. אויף די ווענט אַ שפּיגעל. בילדער: הערצל, כותל מערבי, ווילנער גאון. חיה דאָבע קלאַפּט אויס פּוטער. גאָלדעלע פליקט אַ הון און זינגט:

איך האָב געפירט אַ ליבע,
איך האָב געמיינט אַז ס'וועט זיין גוט.
צום סוף צאַפּט מען מיר ווי וואַסער מיין בלוט.
אַי, כ'האָב געטאָן אַזאַ זאַך,
איך האָב זיך ניט באַטראַכט —
כ'האָב געמיינט אַז ס'איז טאָג,
און צום סוף איז גאָר נאַכט.
אַהאַי, מאַמע, מאַמע, אַי, אַי ...
אַז מען פאָלגט ניט קיין עלטערען
גייט דאָך אויס גאָר שלעכט ...

חיה דאָבע: נו, גענוג שוין דיר צו זינגען, — וועסט נאָך אויפוועקען די קינדער!

(גאָלדעלע בלייבט שטיל, פאַרטראַכט זיך).

ח י ה ד א ב ע: גאָלדעלע, וואָס האָסטו זיך פאַר־טראַכט?

ג אָ ל ד ע ל ע: אַט אַזוי זיך. (זי פאַנגט אָן ווידער צו פּליקען די הון). מאַמע, אַ מאַמע!

ח י ה ד אָ ב ע: וואָס, מיין קינד?

ג אָ ל ד ע ל ע: ווי לאַנג מאַמע, זיינען מיר שוין אין אַמעריקא?

ח י ה ד אָ ב ע: שוין באַלד פינף יאָר.

ג אָ ל ד ע ל ע: און איך, מאַמעשי, געדענק נאָך בעליצע אַזוי ווי איך וואָלט ערשט פון דאָרט נעכטען געקומען... אַט זע איך דאָ אויף דער רעכטער זייט ליגט דער קניאַזעסקער וואַלד מיט זיינע הויכע, גרויסע, סאָסנעס; אַט דאָ אין מיטען, לויפט דער טייך סאָזש. ביים ברעג שטייט דער פּאַראָם. פון צייט צו צייט פאָרט פאַרביי אַ פּאַראַכאָד, אָדער אַ פּאָר פּליטען. אויף יענער זייט טייך, אויפ'ן בערגעל, ליגט דאָס דאָרף סעמיאָנאָווקע, אַביסעל ווייטער — מיכאַלקי. דאָרט פלעגט דער טאַטע אויפקויפען אַ ביסעל תבואה, פעלכלאָך.. (פאַרטראַכט) אוי מאַמע, אין אַמעריקא איז דאָך גוט, מען שלאָגט נישט קיין אידען, אָבער דאָך בענקט זיך נאָך דער היים!...

ח י ה ד אָ ב ע: (זיפצט) אודאי בענקט זיך!

(גאָלדעלע פּליקט ווידער און זינגט שטיל: „וויכאָ־דזשו אָדין יאַ נאַ דאָראָגו...“ חיה דאָבע ווערט הינ־

געריסען און העלפט איר מיט. עס הערט זיך ווי עס פארט צו א פור).

גאלדעלע: אוי, אודאי דער טאטע!

(זי לויפט צום אריינגאנג, חיה דאבע ווישט די הענט און גייט אנטקעגען. עס קומען אן גאלדעלע מיט זאנ־וועל׳ן).

זאנגוועל: א גוטען אווענט אויף אייך, חיה דאבע.

גאלדעלע: און איך האב געמיינט ס׳איז דער טאטע.

חיה דאבע: א גוטען אווענט, זאנגוועל.

זאנגוועל: (רייבט די הענט) אי, א גוט פרעסטעל אויפ׳ן גאס.

חיה דאבע: נו, טוט אויס דעם מאנטעל. (זאנ־וועל טוט אויס דעם פוטער).

זאנגוועל: שוין ווארעם געווארען!... ביי אייך אין הויז איז גוט ווארעם. נו, און רב חיים בער איז שוין געקומען?

חיה דאבע: ער וועט נאך אפשר אנקומען מיט׳ן לעצטען באן.

זאנגוועל: נו, נישקשה, כ׳וועל אונטערווארטען! — וועט ער קומען, קריג איך א פאר נייע שטיוועל.

גאלדעלע: איך וועל אויך קריגען מתנות, — דער טאטע האט מיר צוגעזאגט א נייע קלייד!..

זאנגוועל: היינט וועט ער דאס ברענגען אבימעל נייס פון ניו יארטשע.

ג אָ ל ד ע ל ע : זאַנוועל, איר זייט שוין אַמאָל געוועזן אין ניו יאָרק?

ז א נ ו ו ע ל : יאָ, מיט אַ יאָר פיר אָדער פינף צוריק.

(ער שלעפּט אַרויס פון כאַליעווע אַ זעקעלע טאַבאַק און אַ הילצערנע ביליגע ליולקע און פאַרויכערט).

ג אָ ל ד ע ל ע : איך בין אויך געווען אין ניו יאָרק, ווען מיר זיינען אַרונטער פון שיף. מיר זיינען דאַן פאַר־פאָרען אין בראַנזוויל, אַ שטעטעל אַזאַ לעבען ניו יאָרק. מען זאָגט, זאַנוועל, אַז אפילו די פּאָליסלייטע זיינען דאָרט אויך אידען... ווען מיר זיינען אַריינגעפאַלען אין דעם בראַנז־וויל זיינען מיר שיער ניט משוגע געוואָרען. מער פון אַלעמען האָט דער טאַטע ניט געקאָנט פאַרטראָגען די גרוי־סע שטאָט.

ז אַ נ ו ו ע ל : הערט איר, חיה דאָבע, מיט אייערען איז אַ מחיה צו פאַרברענגען. ער דאַרף שוין אין כאַלעווע נאָך אַ וואָרט ניט קריכען... הערט איר, אַזאַ איד ווי רב חיים בער, וועלכער איז אַזוי באַהאַוועט אין די שוואַרצע פּינטלאַך, וואָלט געקאָנט מאַכען אַ שיין לעבען אפילו אין אַ גרויסער שטאָט אויך!

ח י ה ד אָ ב ע : פאַרגעסט ניט, זאַנוועל, אַז מיין חיים בער, זאָל לעבען, איז געגאַנגען ביז זיבעצען יאָר אין דער וואָלאָזשינער ישיבה.

ג אָ ל ד ע ל ע : (מישט זיך אַריין) יאָ, מיין טאַטע האָט געהאַט סמיכה אויף שחיטה נאָך אין דער היים אין בע־ליצע!

ח י ה ד אָ ב ע : איר מיינט, זאַנוועל, אַז מיר האָבען,

חלילה, געדארפט זיך פארקלייבען אין אזא העק, נישט מיט גאט און נישט מיט לייטען... און די קינדער וואקסען אונטער... מחמת מיינער האט געווארפען אן אומ׳חן אויף ניו יארק... ער זאגט, אז אין ניו יארק איז א הפקר לעבען — נישטא קיין כשרות, אלעס כאפ לאפ...

גאלדעלע: הלואי קלייבען מיר זיך אריין אין א גרויסער שטאט, וואלט איך געגאנגען אלע נאכט אין מואווינג פיקטשורס.

זאנגוועל: יא, וואס אמת איז אמת. אייערער איז א קאפ מענש, האט די פען אין האנט... ער וואלט זיכער געקאנט מאכען א שיינעם לעבען אפילו אין ניו יארק אויך!... הערט איר, חיה דאבע, ווי איר זעט מיך א אידען, — איך האב אן אמת׳ן פער־פערספעקט פאר רב חיים בער׳ן.

חיה דאבע: איר ווילט אודאי זאגען דרך ארץ.

גאלדעלע: ער וויל זאגען, רעספעקט.

זאנגוועל: דו שנעק, דו מיש זיך נית, אז גרויסע מענשען ריידען!.. יא, איך האב א וועלט מיט פרעספעקט פיר אייער מאן. דאס איז שוין איינמאל א איד א למדן!.. אט זעט איר, חיה דאבע, איך בין דאך אליין א פראסטער יונג; מיין יחוס ווייסט איר דאך. איך קאן קוים עברי, דעם טייטש פון די עברי ווייס איך נישט, אבער ביי מיר אין דער היים בין איך אויך א גאנצער קנאקער... האט איר, חיה דאבע, געדארפט הערען ווי איך לייג אוועק א שבת׳דיקען קידוש!

גאָלדעלע: אַזוי פיל מזל'דיקע יאָר אויף מיר, וויפיל גרייזען איר מאַכט אפילו אין דעם שבת'דיקען קידוש.

זאַנוועל: (צו גאָלדעלע'ן) שווייג, דו ציג! — מיט דיר רעדט מען ניט. (צו חיה דאָבע'ן) גלויבט מיר, חיה דאָבע, איך קאָן דעם גאַנצען שבת'דיגען קידוש אויף אויסווענינ. איר האָט געדאַרפט זען ווי מיין שרה פייצע קוועלט דאָן אָן...

גאָלדעלע: אדרבה, לאָמיר זיך, זאַנוועל, וועטען! — מאַכט איר קידוש אויף אויסוועניג אָן גרייזען, גיב איך אייך אַ קוואָדער, אויב נישט, גיט איר מיר אַ קוואָדער.

זאַנוועל: גוט, גוט.

גאָלדעלע: (לויפט, טראָגט אַריין אַ גלאָז מילך פון קיך). אָט נאָט אייך, זאַנוועל, אַ גלאָז מילך און מאַכט קידוש!

(חיה דאָבע עסק'ט זיך און קוקט צו שמייכלענדיג. זאַנוועל שטעלט זיך מעשה העלה, הוסט זיך אויס).

זאַנוועל: (מיט'ן שבת'דיגען ניגון) יום השישי ויכולו השמים והארץ וכל צבאם... ויכל אלהים ביום השבעי מלכתו אשר עשה... וישבת ביום השבעי מכל מלכתו אשר עשה... אשר עשה... ויכל אלהים את יום השבעי ומלכתו אשר עשה...

גאָלדעלע: זאַנוועל, איר זייט אַריינגעפאַרען אין דעם אשר עשה און קאָנט ניט אַרויסקריכען!

זאַנוועל: (אַ פאַרשוויצטער) וואַרט נור אַ ווייַלע... כ'וועל אָנפאַנגען פון אָנהייב. (ער דערקריכט ווידער בלויז ביז „אשר עשה").

גאלדעלע: נו, ווי ווייטער?

זאנוועל: טפוי, גראדע יעצט פארגעסען. (ווערפט זיך און ווישט דעם שווייס פון זיך).

גאלדעלע: פאני זאנוועל, אהערצוצו א קוואדער!

זאנוועל: איך וועל עס דיר אן אנדערש מאל באצאלען.

חיה דאבע: נו מאכט זשע, זאנוועל, א ברכה און טרינק אוים די מילך! (זאנוועל אין פארלעגענהייט).

גאלדעלע: איך וועט אייך, זאנוועל, נאך א קוואדער, אויב איר ווייסט ווי מען מאכט א ברכה אויף מילך.

זאנוועל: אודאי ווייס איך!.. אויף מילך מאכט מען בורא פרי הגפן!

גאלדעלע: (לאכט זיך פאנאנדער) וואס, ס'איז דען וויין, וואס איר מאכט בורא פרי הגפן?... אויף מילך, זאנוועל, מאכט מען „בורא מיני בשמים".

חיה דאבע: גאלדעלע, הער שוין דיר אויף צו טרייבען קאטאוועס!.. זאנוועל, אויף מילך און אויף וואסער מאכט מען די זעלבע ברכה.

זאנוועל: אט יעצט ווייס איך שוין. ברוך אתה ד' אלהינו מלך העלם בורא פרי האדמה. (טרינקט אוים די מילך).

גאלדעלע: (לאכט זיך פאנאנדער, חיה דאבע שמייכעלט) א למדן א איד, פאני זאנוועל! אהערצוצו צוויי קוואדערם!

זאנוועל: פאיז דיר גוט צו לאכען, אז דו האסט

אַ טאַטען אַ לערנער און ער שטופּט דיר די ביכלאך אין קאָפּ. אז איך קאָן עברי איז דאָס פיר מיר אויך אַ סך.

ח י ה ד אָ ב ע : יאָ, זאַנוועל, איך האָב גאָר פאַרגעסען, איר זייט דאָך אַן אבל, ביי אייך איז דאָך די שוויגער געשטאָרבען. (זאַנוועל רויכערט זיין ליולקע מיט גרויס הנאה).

ז אַ נ װ ע ל : קיין אינגערע פון איר זאָלען ניט שטאַרבען. זי איז שוין געווען אַריבער די נייַנציגער. אוי, האָב איך מיט איר געהאַט טראָבעל!..

ח י ה ד אָ ב ע : וואָס אַזוינס?

ז אַ נ װ ע ל : מיין שרה פייצע האָט דוקא געוואָלט אַז מען זאָל איר מאַמען באַגראָבען נור אויפ'ן ליבערטי סעמעטערי: דאָרט, זאָגט זי, ליגט זייער משפחה.

ג אָ ל ד ע ל ע : זאַנוועל, אויף אַ הונט זאָגט מען באַגראָבען, אויף אַ מענשען זאָגט מען מקבר געווען.

ז אַ נ װ ע ל : דו קריך מיר נאָר נישט, שנעק, אין גרגרת אַריין! מיט דיר רייד איך נישט!.. נו, אַז מיינע וויינט און בעט זיך — פיר איך זי, מיין שוויגער הייסט עס, אין ליבערטי. איך קום אין ליבערטי, רוף איך צענויף די גאַנצענע מאַכערס פון שטאָט און בעט בא זיי אַ שטיקעל קרקע. ערשט חברה איז נישט פויל און וויל פון מיר רייסען אַ פּאַס. מען בעט גאַנצענע פינף און זיבעציג דאָלער. זאָג איך, ס'מאַכט מיר ניט אויס וואָס פאַר אַ קרקע איר וועט מיר געבען, אָבער מער ווי דרייסיג גיב איך ניט. חברה ווילען ניט הערען. טו איך מיר אַ שטעל און שריי אויס: הערט זיך איין, אידען,

וועט איר מיך בעהאנדלען גוט, וועל איך אייך ברענגען מיין טאטען, און מיין מאמען, און מיין גאנצע משפחה... מיינט איר אודאי, חיה דאבע, אז עס האט געהאָלפען?! זיי שטייען און לאכען. ביי מיר גיסט זיך בלוט און זיי לאכען... וואס זאל איך אייך א סך ברייען, — איך האב געמוזט באצאלען גאנצענע פינף און פופציג פאר א שטיקעל קרקע. אט אזעלכע בלוט-זייגער זיינען דאס אונזערע קהל'ס לייט!... אמת'ע הויט-שינדער!

גאלדעלע: נישקשה, זאנוועל, איר זייט גענוג רייך, איר קאנט באצאלען.

זאנוועל: און אז מען איז רייך, דארף מען ווארפען געלט אין בלאטע!

חיה דאבע: זאנוועל, איר האט געמאגט רעדען פון אייער שוויגער, איבערהויפט ווען זי אז שוין אויף דעם עולם האמת, מיט מער דרך ארץ.

זאנוועל: איך האב דען צו איר טענות! נו, האט געקאסט נאך פינף און פופציק דאלער. כאפט עס דער טייוועל!... זאל זי זיך רוהען אין איר קבר.

(עס הערט זיך א פור פארט צו).

גאלדעלע: אוי, דער טאטע, דער טאטע!

(זי לויפט ארויס. חיים בער, אין א היימישען טכוי־רענעם פוטער, קומט אריין, קושט די מזוזה, רייבט די הענט. גאלדעלע גייט אים נאך, שפרינגט פון פרייד).

חיים בער: א גוטען אווענט, חיה דאבע! א גוטען אווענט, זאנוועל!

ז א נ ו ו ע ל : (הויבט זיך אויף פון פלאץ) א גוטן אווענט רב חיים בער! — אז מען ווארט, דערווארט מען זיך.

(חיים בער גייט אין א צווייטען צימער, טוט זיך אויס. גאלדעלע און חיה דאבע קלייבען צו אין הויז).

ח י י ם ב ע ר : (קומט ווידער אריין). אין שטוב איז אזוי ווארעם, א מחיה!

ח י ה ד א ב ע : איך האב שוין געדענקט אז דו וועסט היינט נישט קומען.

ח י י ם ב ע ר : נו, וואס מאכען די קינדער?

ח י ה ד א ב ע : אלע געזונט, א דאנק גאט.

(יאקאוו, מיט שווערע טריט, קומט אריין, שלעפט א פאר פעקלאך און גייט צוריק ארויס. חיים בער גייט אין קיך און וואשט זיך איין, גייט דאן אין א צווייטען צימער, טוט אן א יארמאלקע מיט א היימישען ווינטערדיגען כאלאט. יאקאוו קומט ווידער אריין מיט פעקלאך).

ז א נ ו ו ע ל : ער האט דאס אנגעקויפט אביסעל זאכען אין ניו יארק.

ג א ל ד ע ל ע : דאס איז מתנות פיר אלעמען.

ח י ה ד א ב ע : חיים בער, דו ווילסט אודאי עסען?

ח י י ם ב ע ר: ניין, עסען וויל איך נישט, אבער א גלאז הייסע טיי פון היימישען סאמאוואר מיט פארגע־ניגען; מיר וועלען אלע טרינקען. (חיה דאבע נעמט זיך מאכען דעם סאמאוואר).

ג א ל ד ע ל ע : נו, טאטע, וואו זיינען די מתנות, וואס דו האסט צוגעזאגט?

חיים בער: ווארט זשע, קינד מיינס. איך וועל באלד פאנאנדערנעמען די פעקלאך.

זאנגוועל: רב חיים בער, גו און מיר האט איר געבראכט די שטיוועל?

חיים בער: געבראכט, זאנגוועל, געבראכט... דו ווייסט דאך, אז איך פארגעס נישט. (ער נעמט פאנאנדער די פעקלאך, ער גיט זאנגוועל'ן א פעקעל) אט האסטו דיר, זאנגוועל, דיינע שטיוועל! אי דער פעטער, אי די מומע האבען דיר געלאזט געריסען גאר הערצליך. זיי האבען געבעטען, אז דו זאלסט זיי אמאל שרייבען.

גאלדעלע: דארף מען דאך פריער קאנען.

זאנגוועל: איך דאנק אייך זייער, רב חיים בער, פאר דער טרחה! איר זעט, אייגענע בלוט איז פארט נישט קיין פרעמדע.

חיים בער: (בינט פאנאנדער א גרויסען פאק, שלעפט פון דארט ארויס א פאר פונט וויסאצקי'ס טיי, קאנפעטען, שאקאלאד, דאן א קלייד מיט א שאל, גיט עס גאלדעלען) אט דאס איז פיר דיר, טאכטער מיינע, טראג עס נאר געזונטערהייט!

(גאלדעלע כאפט עס מעסטען אויף זיך. זאנגוועל און חיה דאבע בעקוקען די מתנות און טאפען די ווארע).

גאלדעלע: אוי, ווי שיין, טאטע, אוי ווי שיין!

(דרייט דעם שאל ארום האלז און שפרינגט פון שמחה איבער'ן צימער).

זאנגוועל: גאלדעלע, דו זעסט אויס אין דער קלייד ווי א כלה מויד!

(טאטע און מאמע קוקען איר אן, און נאכדעם קוקען זיי זיך איבער צווישען זיך).

חיים בער: (שלעפּט אַרױס אַ מופּטע און אַ פּאַטשײלע) אַט דאָס איז פאַר דיר, חיה דאָבע! (חיה דאָבע נעמט עס צו) און דאָ איז צװײ װאַרימע קאַפּטעלאַך פאַר לײזער׳קען און דוד׳לען, און דאָס איז אַ קלײדעלע פאַר פײגעלע׳ן, און דאָס איז אַ פּאָר הײזקעס פאַר ישראל׳קען. און דאָס איז אַ דאַל פאַר אסתר׳קען און דאָס איז אַ נײער קאַרטוז פאַר יאַקאָװ׳ן. (אַלע בעקוקען די זאַכען) העי, יאַקאָװ, קום נאָר אַהער אַרײן! װאו ביסטו דאָרטען?

יאַקאָװ: (קומט אַרײן) װאָס איר מיר זאָגען, פּאַני כאַזיאַין?

חיים בער: אַט נאַ דיר אַ נײעם קאַרטוז, יאַ־קאָװ, און אַ פונט רוסישע טאַבאַק. דער לאַװאַטשניק האָט זיך געשװאָרען אַז ס׳איז אמת׳ע רוסישע טאַבאַק.

יאַקאָװ: ספּאַסיבאַ, פּאַני כאַזיאַאין! באָלשאָיע ספּאַסיבאָ! (נעמט דעם קאַרטוז, טוט עס אָן אויף די צעשױבערטע האָר, האַלט דעם טאַבאַק אין די הענט און באַקוקט די מתנות) עך, װיפל גוטע גאָסטינציעס ער געבראַכט! (גײט װידער אָפּ).

זאַנװעל: (מאַכט פּאַרטיג אַ צװײטע ליולקע צום רױכערען) אַי, זײט איר, רב חיים בער, אַ ספּענדער!

חיים בער: עט, אַ קערבעל מער, אַ קערבעל װעניגער, מען בלײבט אַלץ דער זעלבער נגיד.

(חיה דאָבע עסק׳ט זיך מיט דעם סאַמאָװאַר. גאָלדעלע לײגט צוזאַמען די פּעקלאַך).

גאָלדעלע: נו טאַטע, דערצײל, װאָס האָסטו געזען אין ניו יאָרק?

זאַנװעל: (רױכערט) יאָ, טאַקע, רב חיים בער,

וואָס הערט זיך נייעס אין ניו יאָרק? דערציילט, איך בעט אייך.

ח י י ם ב ע ר : וואָס איז דאָ צו דערציילען? אַ גרויסע שטאָט, אַ סך מענשען, אַ סך טומעל, אַלע לויפען, אַלע היילען, אַזוי ווי אויף אַ היימישען יריד, להבדיל...

ח י ה ד אָ ב ע : (בלאָזט אונטער דעם סאַמאָוואַר מיט אַ כאָלעווע) נו, און וואָס מאַכט דיין שוועסטער און בן ציון, און זייערע קינדער?... גייט שוין אפשר זייער איידע אוים מיט אַ בחור, אָדער ווי זיי זאָגען עס דאָ, מיט אַ באָי?

ח י י ם ב ע ר : יאָ, חיה'לע איז שוין אַ גאַנצע מאַמזעלקע געוואָרען, און גייט שוין אוים. נור ניט מיט איין באָי, נאָר אַלע נאַכט מיט אַן אַנדער באָי. און ווייסט וואוהין דוקא? אין דענצינג סקול!... אָי, הערסטו, חיה דאָבע, ווערען דאָרט די קינדער צולאָזען! עסען אַן גע־וואַשען אַן היטלען, לייגען ניט קיין תפילין, גייען אַרבעטען אום שבת, ווילען אפילו ניט ריידען קיין אידיש!... אוי וואַקסט עס אַ דור!...

ח י ה ד אָ ב ע : נו, און בן ציון און גנעשע, זיי אויך?...

ח י י ם ב ע ר : בענצע, דאַכט מיר, האָט אַביסעל די באָרד אונטערגעשאָרען, נור פון דעסטוועגען דאַוועגט ער, לייגט תפילין יעדען טאָג. דער דאַוונען אפילו האָט עפּעס נישט קיין טעם, אָבער דערפאַר איז גנעשע נאָך דאָ פרימער געוואָרען!... אָך ליידעט זי עס אַביסעל פון אירע קינדער!.. (חיה דאָבע טראָגט אַרויף דעם סאַמאָוואַר אויף

דעם טיש, גיסט אן אלעמען טיי, שיט אריין די קאנפעטען אין א טעלער, ברענגט אביסעל קיכלאך) גיט אן א גלעזעל טיי יאקאווין. דער ערל האט זיך גוט דורכגעפראוען ווארטענדיג אויף מיר אויפ׳ן מטיישאן... נו, יאקאוו, קום נאר אריין טרינקען א גלעזעל טיי!

(יאקאוו קומט אריין, זעצט זיך לעבען טיש, ברענגט מיט זיך זיין טאבאק און פאפירא־פאפיר. חית דאבע גייט ארויס, גאלדעלע כאפט א קאנפעט פון צייט צו צייט).

ג א ל ד ע ל ע : טאטעניו, ביסטו געווען אין טריאייטער היינטיגס מאל ווידער.

ח י י ם ב ע ר : מען דארף זאגען, טאכטער מיינס, טיאייטער, נישט טריאייטער.

ז א נ ו ו ע ל : אהא! זעסטו, קליינ׳ס אז דו מאכסט אויך גרייזען.

ג א ל ד ע ל ע : אוי, טאטע, האסטו געדארפט הערען ווי זאנוועל מאכט קידוש אויף אויסוועניג, דארף מען בלייבען אן זייטען לאכענדיג!

י א ק א ו ו : כאזיאאין, איר געוועזען אוף טריאייטערע? דערציילט, פאני כאזיאאין. איך סטראשנא ליב צו הערען פון טריאייטער.

(אלע טרינקען טיי, יאקאוו גיסט די טיי אין טשאשקע, בייסט שטיקלאך צוקער און טרינקט מיט הנאה).

ח י י ם ב ע ר : היינטיגס מאל האבען מיך מיינע פלימעניקעס געפירט, ווארט נאר א וויילע, איך וועל מיך באלד דערמאנען דעם נאמען, דאכט מיר, אין גיפנאדראם.

גאלדעלע: וואס איז אזוינס גיפנאדראס?

חיים בער: אזא גרויסער מויער, א מין צירק. הויך און גרוים, ניט צו באשרייבען. האבען מיר גענומען קריכען אויף די טרעפען, בין איך קוים א לעבעדיגער דער־קראכען. בלי גוזמא אודאי, א פינף הונדערט טרעפ.

זאנגוועל: אזש נור פינף הונדערט טרעפ! אזוי הויך איז דאס? עס מוז שוין זיין איינמאל א צירק!

חיים בער: עס האט מיר אויסגעקוקט ווי איך בין שוין באלד אויפ'ן הימעל. מיינע פלימעניקעס האבען מיר געזאגט אז זיי האבען באצאלט צו גאנצענע פינף דאלער פאר יעדען סיט.

זאנגוועל: אך זיינען זיי ספענדער, די ניו יארקער!... פינף דאלער אוועקלייגען פיר איין סיט! זיי מוזען דארט מאכען לייכטע געלט.

(חיה דאבע קומט אריין).

חיים בער: זיי מאכען דארט לייכט און ס'גייט בא זיי אוועק לייכט.

גאלדעלע: נו, דערצייל זשע, טאטע, וואס דו האסט דארט געזען?

חיים בער: עס איז שווער איבערצודערציילען... די ווענט און די סטעליע און די סלופעס זיינען אין גאנצען אנגעצונדען מיט עלעקטרישעסטווע, אזוי ווי איין שטיק פייער. די גאנצענע געביידע אנגעפאקט מיט טויזענדער און טויזענדער מענשען. מיר דוכט, דאס גאנץ בעליצע מיט עלענוויל און מאנטענדייל און פארנדייל צוזאמען וואלט דארט געקאנט אריין...

ג אָ ל ד ע ל ע: עס מוז שוין זיין איינמאָל אַ גע־ביידע! אַי וואָלט איך עס געוואָלט זען!

ז אַ נ ו ו ע ל: איר שפּילט זיך עפּעס מיט ניו יאָרק?

ח י ה ד אָ ב ע: שלאָגט זשע ניט איבער אין מיטען.

י אַ ק אָ ו ו: (מיט דער טשאַשקע אין האַנט) דערציילט, כאַזיאַאין, יעי באָגו, אינטערעסנאַ!

ח י י ם ב ע ר: אויף דער בינע, אַזאַ קיילעכדיגער גרויסער פּלאַץ, הויבען אָן ארויסקומען שפּילער, טענצער, זינגער, אַקראָבאַטען אין פאַרשידענע קאָלירטע קליידער, בלי ספק, אַ גאַנצער טויזענד!...

ג אָ ל ד ע ל ע: טאַטע, וואָס איז אַזוינס אַקראָ־באַטען?

ח י י ם ב ע ר: דאָס זיינען אַזעלכע קונצען מאַכער, פּאַקוסניקעס.

ז אַ נ ו ו ע ל: אַי, אַי, אַי, אַ גאַנצענער טויזענד פּאַ־קוסניקעס!

י אַ ק אָ ו ו: דאָס שוין איינמאָל אַ פּרעדסטאַוולע־ניע! אַי אַמעריטשקאַ!..

ח י ה ד אָ ב ע: שלאָגט זשע ניט איבער אין מיטען און לאָזט הערען.

ח י י ם ב ע ר: נו, אָט די גאַנצע כאַליאַסטרע זינ־גען, שפּרינגען, טאַנצען, דראַפּען זיך אויף לייטערס, מאַכען קונצען, פליען אין דער לופטען....

ז אַ נ ו ו ע ל: גאָט'ס וואונדער! רב חיים בער, איר האָט עס אליין געזען מיט אייערע אייגענע אויגען, ווי מענ־שען פליען אין דער לופטען?

חיים בער: יאָ, אַליין געזען מיט מיינע אויגען... איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, לכתחלה, האָב איך בשום אופן נישט געוואָלט גלויבען, אַז דאָס זיינען לעבעדיגע מענשען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ מין מואווינג פּיקטשור אָדער אַ מין כשוף מאַכעריי, אָבער מיינע פלימעניקעס האָבען זיך מיר געשוואָרען ביי זייער געזונט און לעבען, אַז דאָס זיינען לעבעדיגע מענשען. איין זאַך האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין, הערט נור, מיט אַמאָל איז אויף דער בינע געוואָרען אַ טייך מיט וואַסער...

זאַנגוועל: אַן אמת׳ער טייך מיט וואַסער? גאָט׳ס וואונדער!

חיים בער: יאָ, אַן אמת׳ער טייך מיט וואַסער. עס האָבען זיך באַוויזען שיפלאַך מיט מענשען און זיי האָבען זיך געשיפעלט... און מיט אַמאָל, פון העלער הויט, האָבען אָנגעהויבען שפּרינגען לעבעדיגע מענשען גלייך אין וואַסער אַריין, און זיינען מער נישט צוריק אַרויסגעקומען אויף דער יבשה. איך פרעג מיינע פלימעניקעס, היתכן? וואו קומען אַהין די מענשען? זאָגען זיי, אַז זיי ווייסען אויך נישט.

(יאַקאָוו נעמט זיך צו זיין טאַבאַק און דרייט זיך סיגאַרעטלאַך).

זאַנגוועל: אַך, וואָס פאַר אַ וואונדער!

חיה דאָבע: אמת׳ע נסים ונפלאות!

גאָלדעלע: אַי ווי איך וואָלט עס געוואָלט זען!

יאַקאָוו: אַך, אַמעריטשקע! יעי באָגו, אַ קלוגלאַנד, אַמעריטשקאַ, — קאָן מאַכען ראַזנע שטוקעס!..

ח י ה ד א ב ע : נו, און וואס דענקסטו, חיים בער
זיי דערטרינקען זיך טאקי?

ח י י ם ב ע ר : דער גוטער יאר ווייסט זיי.

ח י ה ד א ב ע : נו, און די פאליציי לאזט עס
אז מענשען זאלען אזוי, מיר נישט, דיר נישט, נעמען או
דערטרינקען זיך!

ז א נ ו ו ע ל : וואס טוען נישט מענשען אין אמע
ריטשקע צוליב פרנסה?

י א ק א ו ו : נאט אייך, פאני חיים בערקא, א צי
גארעטקע פון אייער אייגענעם טאבאק! (חיים בער נעמט
ביידע פארויבערן) אך, ס׳אטייערער טאבאק! שמעקט וו
נאסטאיאשטשע רוסקי!

ג א ל ד ע ל ע : טאטע, ווען וועסטו מיך נעמען אי
ניו יארק? איך וויל אויך זען די פאקוסניקעס, און וו
מען פליט אין דער לופטען און די טייך...

ח י י ם ב ע ר : איבעראיאר ווינטער, עס ירצו
השם, ווען איך וועל פארען אין ניו יארק, נעם איך דיך או
דער מאמען אויך.

ג א ל ד ע ל ע : (לויפט צו צום טאטען און גלעט אים)
וועסטו מיך פירען, טאטע, אין גיפנאדראם?

ח י י ם ב ע ר : יא, געווים, אין גיפנאדראם, און אי
טעאטער, און איבעראל. (גאלדעלע כאפט דעם טאטען קושע
פאר שמחה).

ח י ה ד א ב ע : שוין לאנג צייט געוועזן באווייזע
איר די וועלט, — זי איז שוין א כלה מיידעל.

י א ק א ו ו : איר מיר, כאזיאאין, געמאכט א גרוי

סע אכאטע. איך זיין אין ניו יארק אויף פאסקע, איך אויך גיין, נעפריעמענא, זען דעם גיפנאדראם, קאק סקאזשעטע, כאזיאאין, א נאש בראט מוזשיק אריינלאזען דארט?

חיים בער: פאר געלט, ברודערקע, לאזט מען אין אמעריקא אלעמען אריין.

(פאוזע).

חיים בער: גאלדעלע, עפעם געווען דא בריוו־לאך פאר דער צייט?

גאלדעלע: צוויי בריוולאך, טאטע, איינס פון דער אינשורענס קאמפאני און איינס פון באָרד אף העלט.

(זי ברענגט זיי און גיט עס דעם טאטען. ער לעזט).

היה דאבע: ווילט איר נאך צו גלעזלאך טיי?

חיים בער: מהיכא תיתי, מיר ווען טרינקען נאך צו גלעזלאך טיי.

חיה דאבע: איר אויך, זאנוועל.

זאנוועל: איך אויך.

חיה דאבע: נו, און דו, יאקאוו?

יאקאוו: ספאסיבא, כאזיאיקא, איך גיין צום סקאט און צום פערד. איך שפעטער קומען, איך טרינקען.

(יאקאוו אפ).

גאלדעלע: און איך, מאמע, וויל אויך נאך א גלאז טיי, אבער מיט געברימע מילך און מיט א סך פלעווקע.

חיה דאבע: גוט.

זאנוועל: זי נעמט זיך באנ'אייך איבער ווי אן איינאיינציגע.

(חיה דאבע גיסט אן א האלבע גלאז טיי און גייט אין קיך).

ח י י ם ב ע ר : אך, האב איך געבענקט נאך מיינע קונדסים! (צו זאנוול'ען) זיצט א ווײלע, איך וועל נאר גיין אנקוקען ווי זיי שלאפען דארט. (גייט אפ אין שלאפצימער.

גאלדעלע לויפט, כאפט ווידער איר קלייד, מעסט אויף זיך, דרייט די שאל אויף איר האלז, לויפט קוקען אין שפיגעל).

ג א ל ד ע ל ע : אהא, איך האב אייך געזאגט, אז דער טאטע וועט ברענגען מתנות! אלע מאל ווען דער טאטע פארט אין ניו יארק ברענגט ער פאר אלעמען מתנות.

(זאנוועל טאפט איר קלייד. זי כאפט עס צו).

ז א נ ו ו ע ל : האלט זיך מיט דיין קלייד, קיינער דארף עס נישט... אז איך בין געווען אין ניו יארק האב איך אויך געקויפט מתנות פיר מיין ווייב. — איך האב געקויפט א פאר נייע שיך, א טוץ וואלענע זאקען, א האלבען טוצען טישטאכער, און א גאנצענעם קאסטען חלב'נע ליכט.

ג א ל ד ע ל ע : אויך מיר מתנות! וואלענע זאקען, טישטאכער און חלב'נע ליכט.

ז א נ ו ו ע ל : דו שנעק, פאריים נור נישט אזוי דיין נאז, און קריך מיר נישט צו פיל אין גרגרת אריין.

ח י ה ד א ב ע : (קומט אריין, טראגט א גלאז טיי מיט מילך און פלעווקע) נו, איר קריגט זיך שוין ווידער? (זי נעמט זיך אנגיסען טיי, עס קומט אריין חיים בער).

ח י י ם ב ע ר : חברה שלאפען אן עין-הרע גאנץ געשמאק!

(עס קומט אריין יאקאוו).

יאקאוו: נו, איך מיר שוין ספראוועט מיט׳ן סקאט. איך אונטערגעווארפען אביסעל היי די קאראוועס. איך פארשפארט די כלעוועס.

חיים בער: נו, וואס הערט זיך דא ביי אונז, חיה דאבע?

חיה דאבע: די געלע הינדעלע איז אנומעלט פארפרארען געווארען. א שאדען, עס וואלט זיך נאך גע־קענט לייגען.

חיים בער: קיין גרעסערען הזיק זאלען מיר ניט האבען. נו, און וואס מאכט דער ריאבער? עס רינט נאך אלץ ביי אים פון דער מכה?

יאקאוו: איך געווען מיט אים, כאזיאאין, אין עלענוויל. ביין וועטערינאר געווען. נו, האט דער וועטערי־נאר געגעבען א מעדיצינע און פריקאזאל אנווארעמען און צולייגען. איך אים באצאלט פופציג סענט — דרייסיג אים און צוואנציג פאר דער מעדיצינע.

(חיה דאבע דערלאנגט יאקאוו׳ן א גלאז טיי).

זאנגוועל: אט אזוי סאקען זיי אונזער בלוט. די וועטערינארען און די דאקטוירים. גיט מען זיך צו זיי א ריר, שוין באצאלט זיי פאר גארנישט דרייסיג סענט.

(אלע טרינקען טיי. יאקאוו טרינקט פון טשאשקע מיט גרויס הנאה).

חיה דאבע: יאקאוו, ווארף אריין צוקער און מאך זיסע.

י א ק א ו ו : איך, כאזיאיקא, בעסער ליב אויף פריקוסקו.

ח י ה ד א ב ב ע : נו, און איר, זאנוועל, פארוואס פארזוכט איר נישט מיינע קיכלאך און די קאנפעטן? (זאנ־וועל נעמט א קאנפעט).

י א ק א ו ו : (האלט די טשאשקע אין האנט) הערט איר, כאזיאיקא, ווען איר מאכט טיי פון היימישען סאמאוואר, — איך דערמאן זיך אן דער היים, אן מיין דארף, אן מיין מאטקא און אן מיין באטקא. איך שוין באלד פיר יאר פון סעמיאנאווקע... (ער פארטראכט זיך, שטעלט אנידער די טשאש־קע) כאזיאאין, דער וויפילטער מעסיאץ און טשיסלא היינט?

ח י י ם ב ע ר : היינט איז דער צענטער יאנוואר.

י א ק א ו ו : דער צענטער יאנואר! (שלעפט פון בוזים א פאקעט, בינדט פאנאנדער די שטריקעל, שלעפט ארויס דעם פאס) אנוקא, כאזיאאין, איר דאך א גראמאטני טשעלאוועק, קוקט אריין אין פאספארט און זאגט מיר ווען איך געבארען!

ח י י ם ב ע ר : (לעזט) קרעסטיאנין יאקאוו סטעפא־נאוויטש כאריטאנאוו, מעסטעטשקי סעמיאנאווקי... רא־דילסיא דעסיאטאווא יאנווארא, 1892... (טראכט א ווײַלע, רעדט צו זיך, „היינט איז 1917") יאקאוו, דו ביזט דאך היינט א אימענינק און דו ווערסט היינט פינף און צוואנציג יאר אלט.

י א ק א ו ו : (מיט שמחה) איך היינט, כאזיאאין, א אימענינק? אך, מיין מוזשיצקע באשקא... איך געוואו־רען פינף און צוואנציג יאר אלט און איך ניט וויס...

אך ווען דער באטקא און מאטקא און מיינע קומעס דא, מיר דאס אביסעל געהוליעט!..

חיים בער: (צו חיה דאבע׳ן) מען האט געדארפט דעם ערל אביסעל משמח זיין. שטעל נאר ארויף אביסעל י״ש אויפ׳ן טיש. א רחמנות אויפ׳ן ערל, ער האט דא קיי־נעם נישט.

(חיה דאבע טראגט ארויף א גראפין שנאפס, גאלדעלע ברייננט גלעזלאך).

גאלדעלע: אזוי גאר, יאקאוו, דו ביזט היינט אן אימעניניק, און נאך דערצו פינף און ־ צוואנציג יאר אלט געווארען און זאגסט גאר נים אוים!

יאקאוו: יעי באגו, גאלדעלע, איך פארגעסען!.. איך געוואוסט נאך ראזשדעסטווא, נישט געוואוסט ווען. איך דאך א בעזגראמאטנער, פאספארט מאיו, טראג דאס אין פאזוכו, און לעזען קאן איך נישט. דערפאר דיין באטקא, ער קען אלע יאזיקי.

(חיים בער גיסט אן דריי גלעזלאך שאנפס).

גאלדעלע: מיר אויך, טאטע.

חיים בער: א מיידעל דארף נישט טרינקען, נו, נאדיר א קאפיטשקע. (גיסט איר אן א האלבע גלעזעל) נו, לחיים, יאקאוו, זאלסט דערלעבען קויפען אן אייגענע פארם!

יאקאוו: נייז, פאני כאזיאאין, איך בעסער אנ־קלייבען מער דאלארעס, — איך צוריק פארען נא ראדינו אין סעמיאנאוועקע, אהיים צו מיין מאטקא און באטקא. איך מיר קויפען א כאטע און נעמען א זשינקע...

ח י י ם ב ע ר : נו, זאָל זײַן אַזוי װי דו װילסט, לחיים!

(אַלע טרינקען).

י אַ ק אָ װ : (קערט עס איבער מיט אַ מאָל, װישט דעם מויל מיט דעם אַרבעל) טײַערע האַרעלקע!

ח י י ם ב ע ר : (גיסט אָן נאָך אַ גלעזעל יאַקאָװ׳ן) דו, יאַקאָװ, טרינק נאָך איינס. דו ביזט דאָך הײַנט אַ בעל שמחה.

י אַ ק אָ װ : נו, נאַ זדאַראָװיע! (טרינקט אויס און באַלעקט זיך) אַך, װי שטאַרק! שמעקט װי נאַסטאַיאַשטשע מאָנאָפּאָלקע.

ג אָ ל ד ע ל ע : יעצט, יאַקאָװ, זינג עפּעס פון דײַנע היימישע לידער.

י אַ ק אָ װ : (אַביסעל פרײלאַך) איר מיר, כאַזיאַאין, געבען נאָך אַ גלעזעל, איך זינגען. איך הײַנט פינף און צװאַנציג יאָר אַלט געװאָרען. הײַנט מײַן פּראַזדניק.

ח י י ם ב ע ר : (גיסט אים אָן נאָך איינס) נו, טרינק, אָבער מער ניט בעט, — דו װעסט נאָך שכור װערען.

י אַ ק אָ װ : איך, כאַזיאַאין, ניט שכור װערען. איך אין דער היים, אין סעמיאָנאָװקע, געטרונקען אַ גאַנצע פלאַש מיט אַמאָל. זאַ װאַשע זדאַראָװיע, כאַזיאַאין, און כאַזיאַיקאַ! (יאַקאָװ טרינקט).

ח י ה ד אָ ב ע : נו, פאַרבײַס מיט אַ קיכעל.

(יאַקאָװ נעמט און עסט).

ג אָ ל ד ע ל ע : נו, און יעצט יאַקאָװ זינג, איך דיר אונטערהעלפען.

יאקאוו: (אביסעל שכור און מיט דעם קיכעל אין מויל) גיין, גאלדעלע, איר אלע מיר אונטערהעלפען, אלע. איר, זאנוועל, אויך, און אויך איר, כאזיאאין, און איר כאזיאיקא. איך היינט געווארען פינף און צוואנציג יאר אלט. היינט מיין פראזדניק... ניטשעווא, חיים בערקא, איר א נאבאזשנער איד, אבער זינגען מעג מען. מיר זיינען דאך געווען סאסיעדעס, א דארף לעבען א דארף געוואוינט. איך דא קיינעם ניט האב...

זאנוועל: נו, באוויז אקארשט, יאקאוו, וואס דו קאנסט!

גאלדעלע: נו, פאנג שוין אן.

(יאקאוו פאנגט אן זינגען א פריילאכען „קאזאטשאק".
גאלדעלע העלפט אים אונטער. יאקאוו ווערט שטארק
לוסטיג און לאזט זיך טאנצען. גאלדעלע און זאנוועל
גיבען אים צו חשק, פלאסקען מיט די הענט... א
קינד אין צווייטען צימער וויינט זיך פאנאנדער).

חיה דאבע: אי, ווי איז מיר, מען האט אויפגעוועקט די קינדער! (זי לויפט אוועק אין שלאפצימער).

יאקאוו: (פילט זיך שטארק שולדיג) וויגאוואט, כאזיאאין! גאר פארגעסען די קינדער שלאפען. עך, מיין מוזשיטשקע באשקא, שוין לאנג נישט פארזוכט קיין האררעלקע, גלייך אין קאפ אריין. נו, איך גיין שוין שלאפען... אזוי, איך פינף און צוואנציג יאר אלט, און נאך בימא זשינקי, ני קאלא, אי ני דווארא. איך, כאזאאין, נאך אנקלייבען צוויי הונדערט דאלארעס, איך מארש נא ראדינו... נו, גאספאדא, א גוטע נאכט! און אייך, כאזיאאין, באל-

שאיע ספאסיבא פאר די הארעלקע, און אויך פאר׳ן קאר־
טוז און טאבאק.

א ל ע: גוטע נאכט, יאקאוו.

(יאקאוו גייט אוועק. א ווײלע שווייגען אלע).

ח י י ם ב ע ר: א רחמנות אויף יאקאוו׳ן, אן איינ־
זאמער מענש, אן א שפראך און אן פריינד. ער מוז שטארק
בענקען אהיים.

ז א נ ו ו ע ל: יא, טאקע, א רחמנות, א גאנץ גוטער
ערל.

(עס קומט אריין חיה דאבע).

ח י ה ד א ב ע: נו טאמער וואלסטו שוין אמאל,
חיים בער, געגעסען וועטשערע.

ח י י ם ב ע ר: איך וועל אפריער אפדאווענען
מעריב.

ז א נ ו ו ע ל: מיין פערד מוז שוין זיין אודאי פאר־
פרוירען! זיך דאס אביסעל פארעדט מיט רב חיים בער׳ן.
נו, איך פאר שוין אהיים. (טוט אן זיין מאנטעל) ס׳מוז שוין
זיין גאנץ שפעט, מיינע וועט גארנישט וויסען וואס איבער־
צוקלערען. (ער נעמט זיין פעקעל) נו, א דאנק אייך פאר די
טיי און כיבוד׳ן! — זייער א שיינעם אווענט פארבראכט..
א גוטע נאכט.

ח י י ם ב ע ר: פארט געזונט.

א ל ע: א גוטע נאכט.

ח י ה ד א ב ע: גאלדעלע, העלף גרייטען צום טיש.

(גאלדעלע גרייט צום טיש און זינגט אין דער שטיל.
חיים בער וואשט די הענט, שטעלט זיך דאווענען מעריב).

(פארהאנג פאלט לאנגזאם).

ניו יארק, 1921

די מאַלעריז

איינאַקטער.

פערזאנען:

ראזאליא וועהיים.
בערנארד ראלאנדא.
באלעבאסטע.
מיסטער וועהיים.
מאסיע שערידאן.
פאטאגראפערס.

אָ ר ט : אַ פֿאַרוואָרפֿען אָרים באָהעם געגענד אין ניו יאָרק.

צ י י ט : פֿרילינג, פֿרימאָרגען.

אַ גרויס אַלט מאָדיש צימער. די ווענט באַהאַנגען מיט פּאָרטרעטען, לאַנדשאַפֿטען, ניודען, עטליכע פֿאַרבען ברעטלאַך. אייניגע בילדער זיינען איבערגעדעקט. אין הינטערגרונד צוויי טירען. די רעכטע טיר פֿירט צום האָל, די לינקע — צו די איבריגע צימערן. רעכטס — איין אָרים דרעסער אין וועלכען עס געפֿינט זיך וועש, אויפ'ן דרעסער אַביסעל כלים, אַ קעראָסין אייוועלע. אויפ'ן וואַנט ביים טיר הענגען פֿרויען קליידער איבערגעדעקט מיט אַ ווייסען לייל‍אַך, אַ גרויסער אָוואַל שפּיגעל. לינקס — צוויי פֿענצטער, באַ איין פֿענצטער געפֿינט זיך אַ טישעל, אויף וועלכען עס ליגען אין אָרדנונג ביכער, שרייב געצייג; ביים צווייטען פֿענצטער — אַ ריין פֿאַרבעט בעטל. אין מיטען צימער אַ שמאָלער טיש, אַף וועלכען עס ליגען „טיובס" מיט פֿאַרשידענע פֿאַרבען, פֿריש אויסגעוואַשענע פּענזלען, אַ פֿאַרבען ברעטל. דערביי אַ הילצערנער „איזל" (מאָלבערט), אַף וועלכען עס געפֿינט זיך אַ בילד אין דער אַרבייט; אַ פּאָר אַלטע בייגקלאַך. אין מיטען צימער הענגט איין אַלטמאָדישער געז רער. די גאַנצע אויסשטאַטונג באַטש אַ אָרימע דאָך שאַפֿט עס אַ קינסטלערישע אַטמאָספֿערע. ווען דער פֿאָרהאַנג הויבט זיך אויף שטייט ראָזאַליאַ ביים איזל און מאָלט. זי זינגט צו אין דער שטיל אַ פּאָפּולערע אָריע פֿון אַ אָפּערע...
מען קלאַפּט.

ר אַ ז אַ ל י א : קאָם אין. (עס קומט אַריין ראָלאַנדאָ. אַ אויפגעלעגטער מיט אַ קליין פּעקעלע אין האַנט).

ר אָ ל אַ נ ד אָ : גוט מאָרגען, ליבע ראַזאַליאַ!... איר אַרבייט שוין? אָ, איר זייט אַזוי פלייסיג. (קוקט זיך צו צום בילד מיט פאַרוואונדערונג) אָט דאָס איז די סקעטש, וואָס איר האָט געצייכענט ביים האַדסאָן ריווער לעצטען פרייטאָג?... שיין, וואונדערבאַר שיין!.. זעט נור, ווי נאַטירליך און לעבעדיג עס שפּיגלען זיך אָפּ די גאָלדענע שטראַלען אין די האַלב פאַר׳חלום׳טע װעלען פון האַדסאָן!.. די טיפע בלוי־גרין פאַרב מאַכט דעם הימעל מיט די וואָל־קענדלאַך אויסזען צויבערליך, פריש...

ר אַ ז אַ ל י א : עס פרייט מיך, וואָס כאָטש אייך געפעלען מיינע בילדער.

ר אָ ל אַ נ ד אָ : (דערמאָנט זיך עפּעס) נו, און וואָס הערט זיך עפּעס וועגען ברעקפּעסט? שוין געגעסען?

ר אַ ז אַ ל י א : (פאַרשעמט) דערוויייל נאָך ניט.

ר אָ ל אַ נ ד אָ : וואָס, מאַסיע שערידאַן האָט אייך געכטען ווידער גאַרנישט געגעבען?

ר אַ ז אַ ל י א : איך וועל נאָך ניט איין פאַר שיך צורייסען ביז איך וועל בא דעם דורכגעטריבענעם פראַנצויז די אַכציג דאָלער אויפמאָנען.

ר אָ ל אַ נ ד אָ : וואָס פאַר אַ אומפאַרשעמטער יונג דאָס איז!.. נו, צום טייפעל מיט די אַלע הענדלער און

מיט דער גאַנצער כאַפּ־לאַפּ געזינדעל, פון וועלכע עס איז אנגעווענדעט אונזער שיקזאַל!.. איך האָב עס אָבער פאַראויס געזען און טאַקע מיט זיך מיטגעבראַכט עפּעס צום עסען. גיט, ליבע ראָזאַליאַ, טעלער, מעסער, גאָפּעל.

(ראָלאַנדאָ נעמט פאַנאַנדער געשווינד דאָס פּעקעלע. נעמט אַרויס ראָלס, וואורשט, פּיקעלס, שלעפּט אַרויס אַ פלאַש ביר פון הויזען קעשענע, עפענט עס... ראָזאַליאַ מאַכט פלאַץ ביים ברעג פון שמאָלען טיש, דעקט עס איבער מיט אַ ריינער סאַרוועטקע, ברענגט געשיר . . . זיי עסען, טרינקען...).

ראָזאַליאַ: זאָגט מיר, איך בעט אייך, ראָלאַנדאָ, פון וואַנען קומט צו אייך מיט אַמאָל אַזוי פיל געלט?

ראָלאַנדאָ: (שפּאַסיג) עס האָט מיר נעכטען ווידער געשען אַ גליק.

ראָזאַליאַ: אייך טרעפען שטענדיג גליקען.

ראָלאַנדאָ: נו, אָט זעט איר דאָך.... לעצטע וואָך אַ גליק, היינטיגע וואָך ווידער אַ גליק.

ראָזאַליאַ: דערציילט שוין וואָס איז געשען!

ראָלאַנדאָ: ווי איר ווייסט, שלעפּ איך זיך לעצטענס אַרום אָן אַ סענט. ניטאָ אפילו קיין „דיים“ אויף סיגאַרעטס. מיט אַמאָל פאַלט מיר איין אַ געדאַנק און איך מאַרשיר מיר אַוועק, אַ הונגעריגער, גלייך אין טעאַטער דיסטריקט אַריין. אַרום דער פינף און פערציגסטער גאַס שטעלט מיך אָפּ אַ גראָבער איירישמאַן און באָט מיר אָן צו זיין אַ „סופּער“ אין אַ וואָדעוויל. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך ניט אָנטזאָגט. נאָך דער פאַרשטעלונג

האָב איך באַקומען אַ גאַנצען דאָלער. נו, װי געפעלט
אייך עפּעס מיינע גליקען?

ר אָ ז אַ ל י א : שוין איין מאָל גליקען... לעצטע
װאָך האָט איר געדרייט אַ קאַרוסעל, היינטיגע װאָך אַ סו-
פּער אין אַ װאָדעװיל. דערציילט כאָטש, װאָס פאַר אַ
ראָל האָט מען אייך איינגעטיילט.

ר אָ ל אַ נ ד אָ : (אילוסטרירט װאָס ער דערציילט) איך
האָב געשפּילט די ראָל פון אַ כינעזער. מען האָט מיך
אויסגעפּוצט אין אַ אַלטען גלח'ישן מאַנטעל. אַפּ'ן קאָפּ האָט
מען מיר אַרופגעשטופּט אַ שװאַרץ פלאַטשיג רונד קאַפּעלוש,
צו װעלכען עס איז געװען צוגעניײט אַ פערדישער עק.
אין די הענט האָט מיר דער גראָבער איירישמאַן אַריינ-
געשפּאַרט אַ פּאָר מעשענע טאַצען. עטליכע מאָל לויף
איך דורך די ביהנע מיט די געװיינליכע קליינינקע כינעזי-
שע טריט און מאַך אָן אַ גרויסען טומעל מיט מיינע טאַצען.

ר אָ ז אַ ל י אַ : הויכע קונסט! (זיי לאַכען ביידע).

ר אָ ל אַ נ ד אָ : איין נומער איז מיר גראָדע זייער
געפעלען געװאָרען. אַ יונג בלאָנד מיידעל מיט אַ דאָל
אין די הענט האָט מיט אַ זיס קלינגענדיג שטימעלע װאונ-
דערבאַר שיין געזונגען אַ געװיסען „לולו באַי סאָנג“. (ער
זינגט, ראָזאַליאַ זינגט מיט: „אָח, מאַי בעבי, מאַי דאַרלינג ליטל
בעבי, יור פאָטער איז עי װאָרקינגמען, איז װאָרקינג אָל פאָר יו“...
עס קומט אָן פון די אינעװעניגסטע חדרים אַ פאַרשמאָלצענע דיקע
באַיאָרנטע פרוי).

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע : (בייז) שוין פאַרטאָג זינגט
מען באַ נ'אייך?... (בעטראַכט דעם טיש מיט עסנװאַרג) און

וואָס וועט זיין מיט רענט, מים וזהייט? שוין באלד זעקס וואָכען, אז איר האָט קיין פעני געגעבען... נישקשה, אַף גוטע מאַלצייטען געפינט זיך בא נ׳אייך און אויף דירה געלט איז ניטאָ!

(ראָלאַנדאָ הערט זיך צו און זינגט אין דער שטיל אויף צו להכעיס).

ראָזאַליא: איר דאַרפט זיך, מיסעס, ניט שרעקען. — איך וואוין שוין בא נ׳אייך זעקס חדשים און איך האָב דאָך ביז אהער געצאָלט...

באַלעבאָסטע: (שלאָגט איר איבער בייז) איך וויל פון גאָרנישט וויסען... איך וויל מיין רענט! אַניט זאָלט איר נאָך היינט זיך ארויסציהען פון דאַנען. און אויב איר ווילט קאָן איך אייך אָנזאָגען אַ בעסערע בשורה, — איך האָב שוין דעם צימער פאַרדונגען צו איין אָנשטענדיגען באָרדער, צו אַ הענדלער פון זויערע פיקעלס; און אַ פּי־קעלמאַן, פאַרשטייט איר מיך, איז ניט קיין פיקטשע מאַ־כערס, קבצנים, שלעפּערס. און איך קריג נאָך דערצו מיט צוויי דאָלער אויפ׳ן חודש מער.

ראָלאַנדא: איר האָט, מיסעס, אַ גאָלדענעם מויל, — עס שיטען זיך פון אים ממש פּערל.

ראָזאַליא: (דערשלאָגן) איר האָט מיר עס גע־דאַרפט אָנזאָגען כאָטש מיט עטליכע טעג פאָרויס. זאָל איך נעכטיגען אין גאַס?

באַלעבאָסטע: (מיט געשריי) עס איז ניט מיי־נע ביזנעס. אז איר צאָלט ניט קיין רענט, איז ניטאָ קיין

צימער! איר הערט? הײנט נאָך זאָלט איר פֿון דאַנען מופֿען!..

ר אָ ל אַ נ ד אָ: (מיט גרימאַסען און מיט דעם ניגון פֿון „יור פֿאַטער איז עי װאָרקינגמען"...) מיר װעלען זיך נאָך מישב זײן, איר אַלטע מכשפה, האַאַג...

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע: מיט אײך, פּיקטשעמאַכער, רעד איך ניט!... מיט אײך האָב איך קײנע ביזנעס... אַרױסמופֿען זאָלט איר שלעפּערס, באָרװעסע, אָפּגעריסענע!

(אָפּ. זי גיט נאָך זיך אַ שטאַרקען קלאַפּ מיט'ן טיר).

ר אָ ז אַ ל י א: גײ מוּת, — און דאָ בין איך אָן אַ סענט געלט.

ר אָ ל אַ נ ד אָ: נאַר ניט געזאָרגט, ליבע ראָזאַ-ליא, — מיר װעלען נאָך הײנט געלט קריגען.

(פּאַוזע. ראָלאַנדאָ רױכערט).

ר אָ ז אַ ל י א: איך װעל זײן געצװאונגען צו פֿאַר-קױפֿען מײן ליבלינג: „דער פֿרילינג פֿון לעבן". מען גיט שױן מיר פֿאַר דעם פֿינף און זיבציג דאָלער.

ר אָ ל אַ נ ד אָ: אַלץ יאָ, און דאָס ניט. אַזאַ פּראַכט-פֿולע מײסטערװערק פֿאַרקױפֿען!.. איר זאָלט דאָס, ראָ-זאַליא, ניט װאַגען צו טאָן. איך בין זיכער, אַז דאָס בילד פֿאַרדינט צו שטײן אין די זעלבע רײהען מיט די פֿײנסטע פּראָדאַקשאָנס פֿון די גרעסטע מאַלער...

ר אָ ז אַ ל י א: אַ סך פֿון אונזערע פֿאַרדינען אָנער-קענונג — און דאָך די גרעסטע טײל אַרבעטען אַלס פֿאָטאָ-גראַפֿערס און מאַלען מענטשעלאַך אין די קאָרידאָרען.

(זי ראַסט אױף פֿון טיש).

ראָלאַנדאַ: יאָ, די לאַגע פון דעם מאַלער איז ווירקליך זייער אַ טרויעריגע. די רייכע האַלטען עס פאַר אַ ספּאָרט זאַך און ניט מער, קיין אמת'ן אינטערעס אין קונסט האָבען זיי ניט. און די מאַסען האַלטען עס פאַר אַ לוקסוס. אויף אַלעס וועט דער דורכשניטליכער בירגער אויסברענגען געלט, אָבער ניט אויף בילדער.

ראָזאַליאַ: יאָ, אַזוי איז עס.

ראָלאַנדאַ: נו, און פון דער אַקאַדעמיע האָט איר שוין עפּעס געהערט?

ראָזאַליאַ: איך האָב שוין אויפגעגעבען די האָפנונג — מסתמא דורכגעפאַלען.

ראָלאַנדאַ: און איך דענק גראַדע, אַז איר וועט געווינען דעם „פּרי דע ראָם", ווייל פון אַלע סטודענטען, וועלכע זיינען צוגעלאָזען געוואָרען צום האַיאָריגען קאָנ־טעסט, זייט איר זיכער די טאַלאַנטפולסטע... אָבער יעצט, ראָזאַליאַ, אַז איר האָט שוין געענדיגט די אַקאַדע־מיע, וועט איר זיך דאַרפען דערווייטערען פון דעם שטייפען, באַשיידענעם, אַקאַדעמישען טאָן...

ראָזאַליאַ: לאָזט מיך, פריינד ראָלאַנדאָ, זיין טריי צו זיך אַליין... איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב ניט ליב קיין געקינצלטע עפעקטען, און אַרויפשלעפען אויף זיך מיט גוואַלד די מאָדע פון מאָדערניזם וויל איך ניט.

ראָלאַנדאַ: אָבער די וועלט, ראָזאַליאַ, שטייט דאָך ניט אויף איין אָרט. מענשען דאַרפען אַלעמאָל זוכען נייע וועגען, נייע ריכטונגען, נייע פאָרמען.

(עס דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר, די

באַלעבאָסטע קומט אַריין מיט געפּעק אין די הענט, שטעלט עס אַוועק).

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע: אַט האָט איר שוין די זאַכען פון מיין נייעם באָרדער. היינט נאָך זאָלט איר זיך אַרומציהען! ווייל היינט אָוועגד וועט שוין דאָ נעכטיגען מיין נייער באָרדער, דער פּיקעלמאַן.

(באַלעבאָסטע אָפּ).

ר אַ ל אַ נ ד אָ: (טרויעריג, כאַפּט זיך אָזש ביים קאָפּ, רעדט ווי צו זיך) אַי, שלעכט...

ר אָ ז אַ ל י ע: (ווייזט אָן אויף דעם געפּעק פון נייעם באָרדער) אַט האָט איר אייך מאָדערניזם, דעקאַדענץ, פוטוריזם, עקספּרעסיאָניזם! איז דאָס אויך מאָדערניזם?

ר אַ ל אַ נ ד אָ: ניין, דאָס איז שוין אולטראַ רעאַליזם. נאָר וואָלט דאָס כאָטש זיין אַ זיסער רעאַליזם, — איז דאָס גאָר אַ זויערער פּיקעלמאַן.

ר אָ ז אַ ל י אַ: וואָס טוט מען יעצט?

ר אַ ל אַ נ ד אָ: ווייסט איר וואָס, ראָזאַליאַ? פּרובירט פאַרקויפען דעם פּאָרטרעט, וואָס די אַלטע פּריצטע האָט אייך צוגעוואָרפען, — אַט דעם מיט'ן גרין קלייד און רויטען שירם אין האַנט.

ר אָ ז אַ ל י אַ: מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען. (זי זוכט אויף דאָס בילד, גיט עס ראָלאַנדאָ'ן).

ר אַ ל אַ נ ד אָ: בילדער מיט שרייענדע קאָלירען גלייכט מאַסיגע שערידאַן, איך וועל פאַר דעם קריגען צוואַנציג אָדער פינף און צוואַנציג דאָלער. (ער וויקעלט איין דאָס בילד אין פּאַפּיר) און אויב איך וועל עס ניט פאַרקויפען, וועל

איך פאר׳משכנ׳ען מיין ווינטערדיגען מאנטל און מיין וויאלאנטשעל, אבער געלט וועל איך ברייננגען... נור נישט געזארגט, ליבע ראזאליא! ווי זאגט אונזער פראפעסאר? —א קינסטלער מוז געדולד האבען. (ראלאנדא וויל אפגיין. עס קומט אים אן ביים טיר א גראבלאכער קליינשטעטלדיגער סוחר. ער טראגט א שירם אין האנט און א קליין פעקעל אין דער צווייטער האנט. זיי בעטראכטען זיך איינער דעם אנדערען. ראלאנדא אפ).

ר א ז א ל י א: אה, פאטער! דו ביסט שוין ווידער אין ניו יארק? (זי טראגט אים אונטער א בענקעל) זיץ, פאטער.

(ער זעצט זיך, קוקט זיך ארום, ווישט דעם שוויס פון שטערען. ראזאליא נעמט בא אים צו דעם שירם).

ו ו ה י י ט: א פיין צימער האסטו זיך אויסגעקליבען. מען קאן צוברעכען האלז און נאקען ביז מען דערקלעטערט זיך אהערצו... ס׳געהערט, א מענש פארקלייבט זיך אויפ׳ן הימעל!.. (ער גיט ראזאליא׳ן א פעקעל) נא, דאס האט דיר די מאמע געשיקט עפעס עסענווארג, נאשעריי... א שלעכטע מאמע, א שלעכטע מאמע און דאך פארגעסט זי ניט, ווען איך פאר אין ניו יארק נאך סחורה דיר עפעס צו שיקען. נו, דערצייל, וואס מאכסטו, טאכטער? ווי גייט עס דיר?

ר א ז א ל י א: אט ווי דו זעסט... וואס מאכט די מאמע? די קינדער?

ו ו ה י י ט: די קינדער וואקסען א דאנק גאט. דו וואלסט זיי נארניט דערקאנט... מארדזשי איז שוין א

גאַנצע ליידי... דו װײסט? זי גייט דאָך אױס מיט סידני דזשעקסאָן, דעם פּײפּער־הענגער. עס װעט באַ זײ זײן אַ שידוך... די מאַמע עלטערט זיך שטאַרק, הוסט, קרײנקט... און די געשעפטן באַ מיר אין האַרדװערי סטאָר איז אױך ניט אַם בעסטען: מען בױט ניט קײן הײזער, איז ניטאָ קײן לײזונג. אָבער אַ לעבן, אַ דאַנק גאָט, מאַכט מען... (ער רױיכערט, קוקט אַף די װענט) נו, און דו מאָלסט נאָך אַלץ מענטשעלאַך, הינטעלאַך און קע־צעלאַך?...

ר אַ ז א ל י א : יאָ.

װ ו ה י י ט : אַזױ, דו קאָנסט זיך נאָך אַלץ די נאַ־רישקײטען פֿון קאָפּ ניט אַרױסשלאָגען! אײ, אײ טאָכטער, שױן צײט דיר צו װערען אַ מענש מיט מענשען גלײך... װעמען איך דערצײל, אַז דו פֿאַרנעמסט זיך מיט מאָלען פּיקטשעס, לאַכט מען מיך אױס.

ר אַ ז א ל י א : און מיר געפֿעלט גראַדע מײן באַ־שעפֿטיגונג.

װ ו ה י י ט : װױסען זאָלסטו, ראָזאַלין, אַז דו ביסט שױן ניט מער קײן קינד. מען דאַרף שױן אָנפֿאַנגען טראַכ־טען װעגען אַ תכלית... דו װײסט? — עס מאַכט זיך יעצט פֿאַר דיר גאָר אַ גוטער שידוך; צוליב דעם בין איך טאַקע געקומען. װילי גימפּעל, דער רױטער, האָט געעפֿענט אױף מײן סטריט אַ גרױסע װאָורשט סטאָר... נו, האָט ער געלאָזט װיסען, אַז ער װאָלט מיט דיר געװאָלט חתונה האָבען. (ראָזאַליאַ שמײכעלט) ער זאָגט, אַז ער איז אין דיר פֿאַרליבט זינט איר זײט געגאַנגען צוזאַמען אין „האַי־

סקול„... אזא יאר אף מיר — עס איז א וואויל שידוך, א טייער שידוך!... א רייכער באי, א שטילער באי, שלאגט זיך ניט, געמבעלט ניט... דו ווייסט? — זיין טאטע טרינקט שוין ניט מער: דער דאקטאר האט אים שטרענג פארבאטען צו פארזוכען דעם ביטערען טראפען... ביז וואנען טאקע וועסטו זיצען? דו ביסט שוין באלד דריי און צוואנציג יאר אלט. קום, ראזאלין, פאלג מיך, פאר א היים. בא אונז איז שטיל, רוהיג און דא איז שמוציג און טומלדיג און דערצו אזא וואויל באי, ווי ווילי גימפעל.

ר א ז א ל י א: פארשפארט דיר צו רעדן, פאטער. איך וועל אהיים ניט פארען, און חתנים זוכען פאר מיר דארפט איר אויך ניט. איך וועל מיין שטעטעל אליין באשטיין.

ו י ה י י ט: (דערצארנט) אזוי ענטפערט מען א טאטען? אזוי! דו קאנסט דיין שטעטעל אליין באשטיין?... איך זע גארניט, וואס פאר א שיינע יונגען עס דרייען זיך לעבן דיר ארום... (ווייזט אן אויפ'ן טיר) אויך א אפגעריסענער, מסתמא מאכט ער אויך פיקטשעלאך און שטארבט דריי מאל א טאג פון הונגער. איך פרעג דיך באר, ווער דארף היינטיגע צייטען אט די הינטעלאך און קעצעלאך? און טאמער קויפט שוין יא אמאל איינער א משוגענער א פיקטשע, איז ער שוין פארזארגט אויפ'ן גאנצענעם לעבען; אבער אזא געשעפט ווי ווילי גימפעל האט, וואו מען קריגט חזיר פלייש, פארשידענע ווארשטען, קענד גוטס, אלע סארטען הערינג און זויערע פיקעלס...

ר א ז א ל י א: (שלאגט אים איבער) נו, נו... איך

האָב עס היינט אַ טאָג פון זויערע פּיקעלס. (שמייכעלט) אַזוי! זויערע פּיקעלס פאַרקויפט ער' אויך?

װ ו ה י י ט : יאָ, זויערע פּיקעלס און זיסע פּי־קעלס, פאַרשידענע סאָרטען, קליינע און גרויסע... דו האָסט געדאַרפט אָנקוקען אַ סטאָר? שוין איין מאָל אַ געשעפט, פונקט ווי אין ניו יאָרק. היינט האָסטו געדאַרפט זען, ווי מען שטייט באַ אים אין ליין...

ר אָ ז אַ ל י א : עס איז איבעריג, פאָטער, דיינע רייד. איך וועל צוריק אין שטעטעל ניט פאָרען און מיט ווילי גימפּעל און זיינע זויערע פּיקעלס וועל איך ניט חתונה האָבען.. שוין צייט, אַז איר זאָלט מיך פאַרשטיין. דאַר־טען, באַ אייך איז מיר איינג, דאָ האָב איך מיר מיין געזעלשאַפט — פיל איך מיר פריי.

װ ו ה י י ט : זאָג אַליין, קען מען זיך מיט דיר צו־זאַמענריידען? באַ אונז אין שטעטעל איז דיר ענג, און דאָ אין ניו יאָרק, וואו מענשען וואוינען אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ, איז דיר פריי. איך זע שוין, איך וועל מיט דיר גאָרניט מאַכען. איך וועל בעסער שיקען דער מאַמען, — זי וועט שוין דיר באַווייזען, ווי ניט פאָלגען טאַטע מאַמע!.. זי וועט זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען!..

ר אָ ז אַ ל י א : אַך, פּאַפּאַ, איך בין שוין ניט מער קיין קינד. עס איז שוין צייט, אַז איר זאָלט מיך לאָזען צורו...

װ ו ה י י ט : (אויפגערעגט, הויבט זיך אויף, נעמט זיין שירם) אָט אַזוי רעדט מען צו אַ טאַטען? (שרייט און קלאַפּט מיט'ן שירם) וואַרט, נאַרעלע, דו וועסט נאָך חרטה האָבען!..

דו וועסט נאָך זיך קומען בעטען בא אונז... קיין סענט געלט וועל איך דיר ניט געבען... ס'געפעלט דיר ניט טאַטע, מאַמע, טאָ פּלאָג זיך!.. (באַלעבאָסטע קומט אָן).

באַלעבאָסטע: וואָס איז דאָס דאָ פאַר אַ געשריי?

וותייט: (צו דער באַלעבאָסטע) ס'איז גאָר ניט. ס'איז גאָר ניט. (צו ראָזאַליא'ן) וואַרט, וואַרט, דו וועסט נאָך חרטה האָבען!.. וואָס אַרט דיך, מאָל, מאָל... מאָל מענשעלאַך, מאָל הינטעלאַך, מאָל קעצעלאַך!.. מאָל. אָט אַזוי ווילסטו אָפּלעבען אַ וועלט? אַרומשלעפּען זיך מיט אָפּגעריסענע, מיט קבצנים, מיט גאַרנישטן?...

באַלעבאָסטע: נו, הערט שוין אויף!

וותייט: (צו דער באַלעבאָסטע) באַלד, באַלד... (צו ראָזאַליא'ן) מיר וועלען נאָך זען! מיר וועלען נאָך זען!.. וואָס מיינסטו איך וועל דיר שווייגען, מיינסטו?.. איך בין נאָך אַ טאַטע!.. איך פאָר שוין אַהיים, — און אַזוי ווי דו זעסט קום איך גלייך צוריק מיט דער מאַמען. און זי וועט דיר ערשט ווייזען וואָס אַזוינס אַ טאַטע, אַ מאַמע...

באַלעבאָסטע: מיסטער, איר הערט אויף צו ניט?

וותייט: גוד באַי!

(ער גייט אָפּ געשווינד. ראָזאַליאַ אַ פאַרצווייפעלטע קוקט אים נאָך. קליינע פּאַוזע).

באַלעבאָסטע: נו, וואָס וועט זיין, מיס וותייט, מיט די צוועלף דאָלער, וואָס איר זייט מיר שולדיק?..

איר װעט זײן אַזױ גוט און איר װעט מיר איבערלאָזען אײער קישען און די װינטערדיקע בגדים, ביז איר װעט מיר אױסצאָלען די גאַנצענע געלט ; — װײל איך קאָן אײך שױן צו גוט חברה ארטיסטען : איר האָט נאָר ליב אָנצונעמען, אָבער ניט צו באַצאָלען.

ר אָ ז אַ ל י א : איך װעל אײך איבערלאָזען מײנע בעסטע בילדער אלם משכן.

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע : װאָס ?.. בילדער ?.. װער דאַרף עס ? דאָס איז ניט װערט קײן פּעני, פּיקטשעס מאַכען נאָר אָן שמוץ אין הױז... געדענקט זשע, מיס װהיים, איך דאַרף ניט אײערע פּיקטשעס, א קישען זאָלט איר מיר איבערלאָזען, אַ קישען ! (באַלעבאָסטע אָפּ. עס דערהערען זיך שנעלע טריט, ראָלאַנדאָ לױפט אַרײן אַ פאַרסאָפּעטער).

ר אָ ל אַ נ ד אָ : (זײער אױפגעלעגט) געבראַכט, געבראַכט ! גאַנצענע פערציג דאָלער געבראַכט !

ר אָ ז אַ ל י א : טאַקע !

ר אָ ל אַ נ ד אָ : איך װײס ניט, װאָס אַזעלכעס איז הײנט געשען מיט מאַסיע שערידאַן. ער איז געװען אַזױ גוט צו מיר. װי נאָר ער האָט דערהערט, אַז עס איז אײערם אַ בילד, האָט ער מיר עס גלײך געהײסען באַװײזען. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו אײער אונטערשריפט און האָט אױסגעשריען : אָט דאָס איז קונסט ! אָט דאָס איז סחורה ! איך זע, אַז מאַסיע שערידאַן איז אַזױ באַגײסטערט, בעט איך בא אים אום פופציג דאָלער. ער רעט ניט קײן װאָרט און באַצאָלט מיר גלײך פערציג דאָלער און

פרעגט מיך, אויב ער קאָן אייך טרעפן אין הויז, ווייל ער וויל באַלד צו אייך קומען.

ראָזאַליאַ: זעט איר ווי זיי פאַרשטייען קונסט?
— אַ דאַמע אין אַ גרין קלייד, שווארצען העט און רויטען שירם איז באַ זיי קונסט...

ראַלאַנדאַ: עס פאַרדריסט מיך, וואָס איך האָב אים שוין פאַראייגס ניט געבעטען צו בעצאָלען אייך דעם חוב אויך.

ראָזאַליאַ: איך וועל שוין דערווייל האָבען גענוג.

ראַלאַנדאַ: נו, זעט איר שוין, ראָזאַליאַ, אַז מען טאָר ניט פאַרלירן די האָפנונג.

(עס דערהערט זיך אַ פייפעריי פון בריוו־טרעגער און אַ אויסגעשריי: „ראָזאַליאַ וועהיט! ראָזאַליאַ וועהיט!" ראַלאַנדאַ לויפט אויף שנעל אַרונטער, קומט באַלד צוריק).

ראַלאַנדאַ: אַ רעקאָמענדירטער בריוו! קומט גיכער! איר דאַרפט אליין אונטערשרייבען. איך וועל שווערען עס איז פון דער אַקאַדעמי. (ביידע אָפּ געהיילט, זיי קו־מען באַלד צוריק, זי עפענט דעם בריוו, ראַלאַנדאַ קוקט אַריין, פאַנגט אָן צו שרייען) געוואונען דעם „פרי דע ראָם!"... געוואו־נען!.. (ער לויפט אַרום איבערן צימער) בראַוואָ, ראָזאַליאַ! איר האָט געוואונען דעם פרייז! געוואונען די פעלאָושיפּ! געוואונען, געוואונען!..

ראָזאַליאַ: (האַלט דעם בריוו ווי אַ פאַרשטיינערטע, מיט טרערען אין די אויגען) זאָל דאָס זיין אמת, פריינד ראַ־לאַנדאַ? עס גלויבט זיך מיר ניט.

ר אַ ל אַ נ ד אַ : איר מעגט שוין גלויבען, — איר האָט געוואונען דעם „פּרי דע ראָם“. (ראָזאַליאַ לעזט ווידער דעם בריוו, ראָלאַנדאַ דריקט איר די האַנט) איך גראַטוליר אייך, ראָזאַליאַ, מיט אייער ערפאָלג! איר האָט עס, זיכער כשר פאַרדינט. (הויך) הורריי פיר מיס ראָזאַליאַ וועיט! הור־ריי!..

(די באַלעבאָסטע לויפט אריין).

ב אַ ל ע ב אַ ס ט ע : וואָס האָט איר זיך שוין ווידער צושריען איר פּיקטשעמאַכערס, שלעפערס? — איר האָט מיר אויפגעוועקט מיין קינד.

ר אַ ל אַ נ ד אַ : (רייצט זיך מיט איר) געוואונען, על־טע מכשפה! געוואונען — אַלטע האָג!.. אייך אויף צו להכעיס געוואונען די סקאַלערשיפּ!... (ער שטופּט איר דעם בריוו אונטער'ן נאָז) זי דאַרף שוין יעצט אייער צימער אויף טויזענד כפּרות! — זי האָט געוואונען דעם „פּרי דע ראָם“!

(די באַלעבאָסטע בלייבט שטיין פאַרוואונדערט, זי פאַר־שטייט ניט וואָס דאָ קומט פאָר. מען קלאַפּט).

ר אַ ז אַ ל י א : קאָם אין. (ס'קומט אריין מאָסיע שערי־דאַן).

ש ע ר י ד א ן : באָנזשור, מאַ שער מאַדמואַזעל ראָ־זאַליא וועיט! (ער גיט ראָזאַליאַ'ן די האַנט העפליך, נייגט זיך צו אַלעמען עלעגאַנט) איך בין אייך געקומען גראַטולירען! איך האָב אימער האָך געשעצט אייער טאַלאַנט... איך האָב אַלעמאָל געגלויבט, אַז איר וועט מיט דער צייט ווערען אַ אינטערנאַציאָנאַל בארימטע מאַלערין...

ראָזאַליאַ: (סאַרקאַסטיש) יאָ, יאָ איך ווייס עס. איר האָט אימער, מאַסיע שערידאַן, הויך געשעצט מיין טאַלאַנט. איר האָט מיינע בילדער אָפּגעשאַצט צו צוואַנציג דאָלער אַ שטיק און דאָס נאָך אויך ניט אין קעש.

שערידאַן: אַך, מאַ שער מאַדמואַזעל ווהייט, קאָמפּרענע וואו? איר זענט דאָך נאָך אַלעמען איין אָנפאַנגעריִן. איר דאַרפט דאָך וויסען, אַז די דזשענטלמען זוכען אימער בילדער פון אָנערקענטע מאַלער, מאַלער מיט נעמען... אָבער יעצט איז גאָר אַנדערש. עפּעס אַ קליינינקייט „פּרי דעם ראָם“!

באַלעבאָסטע: (צו שערידאַן) זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיסטער, וואָס איז דאָס פאַר אַ פּרייס פון רוים? און וואָס האָט דער פּריינס צו טאָן מיט מיין באָרדרעקע?

שערידאַן: דאָס איז, מאַדאַם, אַזאַ סקאָלערשיפּ, אַזאַ פעלאָושיפּ, וועלכע די „ניישיאָנעל אַקאַדעמי אָף דעזיין“ באַלוינט דעם בעסטען סטודענט פאַר דאָס בעסטע קאָמפּאָזיציע אין קאָליר. דער פּרייז הייסט „פּרי דע ראָם“, קאָמפּרענע וואו?

באַלעבאָסטע: איך האָב אפילו איין וואָרט ניט פאַרשטאַנען.

שערידאַן: (דרייט זיך זיינע בלאָנדע וואָנצעס, צו ראָזאַליאַ'ן) יאָ, אויב איר ווילט, מאַדמואַזעל ווהייט, טאָ פאַרקויפט מיר אייער בילד — „דער פרילינג פון לעבען“. איך גיב אייך דאָפּיר צוויי הונדערט דאָלער.

ראזאליא: איר האט נאך מיר, מאסיע שערי־דאן, ניט באצאלט פאר מיינע אנדערע בילדער.

שערידאן: א, מאן דיע! איך באצאל אייך אוועק פלעזיר. אט נאט אייך אכציג דאלער און שרייבט אונטער, אז איר האט געקראגען דאס פולע ווערדע.

ראזאליא: ווערט איז דאס מער, און טאקע א סך מער. נאר פארקויפט איז פארפאלען.

(שערידאן גיט ראזאליא'ן געלט און א פאפיר. זי ציילט, דאן שרייבט זי אונטער דעם פאפיר. שערידאן נעמט עס צו. די באלעבאסטע וואונדערט זיך. ראלאנדא באמערקט עס).

ראלאנדא: אז איר האלט שוין אין ציילען געלט, טא זייט אזוי גוט, און ציילט שוין נאך אביסעל. (ער גיט ראזאליא'ן די פערציג דאלער).

שערידאן: נו, וואס וועט פארט זיין וועגען אייער פרילנג בילד?.. לאזט עס מיך נאך אמאל אנקוקען.

ראזאליא: אנקוקען? — מיט'ן גרעסטען פאר־געניגען. (זי דעקט אויף דאס בילד).

שערידאן: (מיט פארוואונדערונג) א, מאן דיע! ווי וואונדערבאר שיין! ווי רייך און הארמאניש זיינען די קאלירען!.. ווי פאנטאסטיש, מייסטערהאפט איר האט געמאלען דעם וועג, וואס פירט דעם מענשען צו דעם שלאס פון גליק און רום. עס איז א מייסטערווערק!... פארקויפט עס מיר, ראזאליא וועהיט, — איך גיב אייך גלייך פינף הונדערט דאלער אין קעש.

ראָלאַנדאָ: זי וועט עס אייך ניט פאַרקויפן. דאָס וועל איך שוין ניט דערלאָזן.

(עס קומט אַן מיסטער וואַיט א פאַרשוויצטער, אַ פּרויּ לאָכער. ער קאָן קוים דעם אָטעם כאַפּן. אין איין האַנט האַלט ער זיין שירעם, אין צווייטן — ציַיטונגען. אויך די קעשענעס זיַינען פול מיט ציַיטונגען. ראָזאַליאָ טראָגט אים אונטער אַ בענקעל. ער זעצט זיך).

וואַיט: (מיט פאַרכאַפּטן אָטעם) טאָכטער מיינע... ליובינקע, טייערע!.. די פּייפּערס... די פּיי־פּערס...

באַלעבאָסטע: וואָס איז אַזוינס געשען?

וואַיט: די פּייפּערס זיינען דאָך פול מיט דיר... די פּייפּערס!..

באַלעבאָסטע: רעדט שוין אַרויס!

וואַיט: טאָכטער מיינע! — דו האָסט דאָך געוואונען... געוואונען צען טויזענד דאָלער פאַר אַ פּיקטשע אין רוים...

(ראָזאַליא נעמט ביים פאָטער עטליכע ציַיטונגען און לעזט זיי. אויך ראָלאַנדאָ נעמט אַ ציַיטונג און לעזט).

באַלעבאָסטע: ווײ איז מיר!.. וואָס? צען טויזענד דאָלער פאַר איין פּיקטשע? עס קאָן ניט זיין.

וואַיט: יאָ, צען טויזענד דאָלער פאַר איין פּיק־טשע. אָט נאָך אייך און לעזט אין פּייפּער... (ער שטופּט איר אַ ציַיטונג. די באַלעבאָסטע שטופּט עס צוריק) און דערצו נאָך אַלס צוגאָב, וועט זי נאָך פאָרן איבער דער גאַנצענער וועלט, און נאָך דעם פאָרט זי אין רוים, אין איטאַליע, און דאָר־

מען קריגט זי א פרינץ. (ראזאליא און ראלאנדא קוקען זיך איבער, שמייכלען). און אויך שרייבען די פייפערס, אז זי וועט נאך זיין, מיין טאכטער, (ווייזט מיט'ן פינגער) מיין ראזאלין, מיט דער צייט די גרעסטע מאלערין אין דער וועלט. זי וועט זיין אזוי בערימט ווי רוזוועלט.

ש ע ר י ד א ן : געוואַלד, וואוי, וואוי! זי וועט נאך, אייער טאכטער, מיט דער צייט שטיין אין די זעלבע רייהען מיט א גרעקא, רעמבראנדט, מאטיס, רוססא. (ער פארויכערט א סיגאר. באטראכט די בילדער אף די ווענט).

ב א ל ע ב א ס ט ע : נו, און אז אייער טאכטער קאן שוין מאלען פיקטשעס קומט איר אי געלט אי א פרינץ?

ו ו ה י י ט : אזוי שרייבען אלע פייפערס, אז מען וועט זי, מיין ראזאלין, אפשיטן מיט גאלד פון קאפ ביז די פיס. און אלס צוגאב קריגט זי א פרינץ אין איטאליע.

(עס הערט זיך א גערודער ביים טיר פון האל. צוויי יונגעלייט, א הויכער און א קורצער מיט פאטאגראף אפאראטען שטעקען אריין די קעפ).

ה ו י כ ע ר : מעג מען אריינקומען?

ק ו ר צ ע ר : קאן מען אריין?

ר א ז א ל י א : יא.

(זיי קומען אריין).

ה ו י כ ע ר : דא וואוינט מיס ראזאליא וואהיט?

ק ו ר צ ע ר : ראזאליא וואהיט וואוינט דא?

ר א ז א ל י א : יא.

ה ו י כ ע ר : מיר זיינען סטעף פאטאגראפערס פון „אמעריקאן" און „דזשורנאל".

קורצער: יאָ, יאָ, סטעף פאָטאָגראַפערס פון „דזשורנאל" און „אמעריקאַן".

(זיי באווייזען זייערע רעפּאָרטער קאַרטען).

הויכער: מיר קומען ערשט פון דער נײשיאָנעל אקאַדעמי אַף דעזיין.

קורצער: יאָ, יאָ, פון דער הונדערט און ניינטע גאַס און אמסטערדאַם עוועניו.

הויכער: מיר האָבען פאָטאָגראַפירט אייער „פרי דע ראָם" בילד.

קורצער: יאָ, יאָ, דאָס בילד, פאַר וועלכען איר האָט געוואונען דעם גרויסען פרייז.

הויכער: האָט איר גאָר ניט דאַגעגען מיר זאָלען אייער בילד נעמען פאַר די צייטונגען?

קורצער: יאָ, זייט איר ניט, פריילין, דאַגעגען?

ראָזאַליאַ: מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען.

(די פאָטאָגראַפערס מאַכען גרייט זייערע קאַמעראַס).

הויכער: שטעלט זיך, איך בעט אייך, אָט דאָ לעבען איזל.

קורצער: יאָ, יאָ, לעבן איזל ביטע, ביטע.

(ראָזאַליאַ שטעלט זיך לעבען איזל).

הויכער: (צו דער באַלעבאָסטע, וועלכע פאַרשטעלט).

זייט אַזוי גוט, מיסעס, און רוקט זיך אָפּ אביסעל.

קורצער: יאָ, יאָ, רוקט זיך אָפּ אביסעל, ביטע, — איר וועט נאָך צוברעכען מיין קאַמערא.

באַלעבאָסטע: (רוקט זיך אָפּ) ווער טשעפּעט אייך, אַנשיקענישען!

ה ו י כ ע ר : אַט אַזױ... גוט, גוט.

ק ו ר צ ע ר : יאָ, גוט, גוט.

ה ו י כ ע ר : קוקט אַף דער קאַמערא.

ק ו ר צ ע ר : יאָ, יאָ, אויף דער קאַמערא קוקט, ביטע, ביטע.

ה ו י כ ע ר : אַט אַזױ, רוהיג, רוהיג.

ק ו ר צ ע ר : שמייכעלט ביטע, ביטע.

ה ו י כ ע ר : רוהיג, רוהיג.

ק ו ר צ ע ר : שמייכעלט, שמייכעלט.

ה ו י כ ע ר : איך צייל... איך צייל.

ק ו ר צ ע ר : איינס... צװײ... דרײ!

ה ו י כ ע ר : פאַרטיג, איך דאַנקע.

ק ו ר צ ע ר : יאָ, מיר דאַנקען.

ה ו י כ ע ר : יעצט אין פּראָפיל.

ק ו ר צ ע ר : יאָ, אין פּראָפיל, ביטע, ביטע.

(ראָזאַליאַ שטעלט זיך אין פּראָפיל. מען קלאַפּט, ראָלאַנדאָ לויפט צום טיר. אַ שיק־יונג גיט אים טעלעגראַמען. ראָלאַנדאָ גיט אים אַ מטבעה. שיק־יונג אָפּ).

ר אָ ל אַ נ ד אָ : קאָנגראַטולאַציאָנס טעלעגראַמען.

ה ו י כ ע ר : (צו דער באַלעבאָסטע, װעלכע פאַרשטעלט װידער) מיסעס, אײך אין בילד דאַרפען מיר ניט!.. רוקט זיך אָפּ.

ק ו ר צ ע ר : מיסעס, איר זייט שוין װידער דאָ? — רוקט זיך אָפּ, ביטע, ביטע.

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע : װי געפעלט עס אײך! — װאו מען שטייט איז מען זײ אין װעג.

הויכער: אט אזוי... מען זעט, מען זעט.
קורצער: יא, גוט... גוט. מען זעט, מען זעט.

הויכער: א וואונדערבארע פאזע.
קורצער: א גרויסארטיגע פאזע.
הויכער: רוהיג, רוהיג.
קורצער: שמייכעלט, ביטע, ביטע.
הויכער: נו, שוין געענדיגט.
קורצער: יא, געענדיגט.
הויכער: יא, איך דאנקע אייך.
קורצער: מיר דאנקען.
הויכער: גוד באי!
קורצער: גוד באי, גוד לאק.
ראזאליא: גוד באי.

(די פאטאגראפערס אפ. ראלאנדא גיט די טעלעגראמען ראזאליא'ן. זי לעזט איבער און גיט עס צו ראלאנדא'ן).

באלעבאסטע: וואס טוט זיך דא היינט?

וו היי ט: וואס פארשטייט איר ניט? דאס האט מען גענומען פיקטשעס פון מיין ראזאלין פאר די צייטונ־גען. מארגען וועט שוין אין אלע פייפערס איבער גאנץ אמעריקא זיין געדרוקט אויף דער פראנט פיידזש מיין ראזאלינ'ס בילדער... אך וועט זיך דאס די מאמע דער־פרייען!..

באלעבאסטע: אט דאס הייסט גליק!.. צען טויזענד דאלער, א פרינץ אין רוים, און די פיקטשעס אין אלע פייפערס. אבער איין זאך פארשטיי איך נאך אלץ

ניט. טאקע א פרינץ, אבער פארוואס שטייט אים ניט אן צו קומען אין אמעריקא? צוליב וואס זאל אזא יונג קינד זיך דארפען שלעפען אזש נור אין איטאליע?

פ א ט ע ר : איך קריג ניט קיין פרינץ אין איטא־ליע, נאר דער פרייז, וואס איך האב באקומען הייסט „פרי דע ראם". איך קריג פרייע רייזע קאסטען נאך יוראפ און פרייע דריי יאר סטודיאום און בארד אין דער אקא־דעמיע אין רוים, און דריי טויזענד דאלער עקסטרא אויף עקספענסעם.

ר א ל א נ ד א : (מיט אן ערענסטען אנשטעל) גלויבט איר ניט! — זי קריגט א פרינס אין איטאליע. זי וויל אייך ניט איבעראשען מיט איין מאל. איא, מאסיע שערי־דאן, זי קריגט דעם „פרי דע ראם"?

— ש ע ר י ד א ן : וואוי, וואוי, געווים! — זי קריגט דעם „פרי דעם ראם", דאס איז די גרעסטע באלאהנונג, וואס א מאלער קאן נאר קריגען.

(ראזאליא רעדט מיט ראלאנדא'ן אין דער שטיל, זי גיט אים געלט. ראלאנדא אפ געהיילט).

ו ו ה י י ט : (מוט אן זיינע אויגען גלעזער, קוקט אין א צייטונג) איך האב אליין געלעזען ,אז דו קריגסט א פרינץ אין רוים, ווילסטו מיך איינשמואסען אז נים.

ש ע ר י ד א ן : איך דארף שוין גיין. אלוא, מאדמואזעל ווהייט, פארקויפט איר מיר דאס בילד? איך גיב אייך זעקס הונדערט דאלער.

(ווהייט פארוואונדערט, רעדט ווי צו זיך, — „זעקס הונדערט דאלער").

ראַזאַליאַ: ניין, מאַסיע שערידאַן, דאָס פרילנג בילד פאַרקויף איך ניט. — דאָס איז מיין ליבלינג, אַ טייל פון מיין „איך“, קאָמפּרענע וואו?

שערידאַן: אפילו פאַר טויזענד דאָלער אויך ניט?

ראַזאַליאַ: ניין, פאַר קיין געלט.

שערידאַן: נו, יעצט גיי איך שוין... אויב איר וועט האָבען נייע בילדער צום פאַרקויפען — לאָזט מיר וויסען. איר וועט בא מיר קריגען די בעסטע פרייז. (גיט איר די האַנט) אַרעוואואַר, מאַדמואַזעל וואַיט, איך ווינטש אייך גליק. (ער גייגט זיך העפליך צו די איבריגע. ראַזאַליאַ באַגלייט אים צום טיר. שערידאַן אָפּ. ראַזאַליאַ נעמט זיך פּאַקען).

וואַיט: (צו דער באַלעבאָסטע) איר האָט געהערט, מיסעס? פאַר איין פּיקטשע גיט מען איר טויזענד דאָלער און זי וויל נאָך ניט.

באַלעבאָסטע: מסתמא ווייס דער מיסטער וואָס ער טוט. מענשען וועלען דאָך גלאַט אין דער וועלט אַריין ניט וואַרפען קיין געלט אין בלאָטע.

ראַזאַליאַ: און איר האָט ניט געוואָלט אָננע־מען אַלע מיינע בילדער אַלס משכן פאַר צוועלף דאָלער.

באַלעבאָסטע: וואָס פאַרשטייט אַזאַ נאַרישע פרוי ווי איך אין בילדער!

וואַיט: הערט איר, מיסעס, נאָך אַלס קינד האָט זי ליב געהאַט צו מאָלען מענטשעלאָך, הינטעלאָך און קעצעלאָך. מען האָט זי נאַרניט געקאָנט אָפּרייסען

פון דעם. אין שטעטעל האָבען זי אַלע אויסגעלאַכט. מיר זיינען איר אַזוי לאַנג דערגאַנגען די יאָרען ביז זי איז פון הויז אַנטלאָפען. נו, גיי וויים, אַז פון מאָלען מענטשע־לאַך זאָל עפּעס ארויסקומען!

ב אַ ל ע ב אַ ס ט ע : איר וויסט, מיסטער, אייער טאָכטער איז אין דער אמת'ן גאָר אַ טייער קינד, אַ וואויל קינד. ביי טאָג מאָלט זי און אין אָוועגט זיצט זי און לעזט ביכער. שטענדיק אין הויז און שטענדיק אַר־ביים זי, גאָר ניט ווי אַנדערע מיידלאַך.

ו ו ה י י ט : זי איז שוין איינמאָל אַ קינד! היינט האָט עס אַ קאָפּ אויף זיך. אין הייסקול איז זי געווען די בעסטע שילערין.

ב אַ ל ע ב אַ ס ט ע : (באַמערקט וו ראָזאַליא נעמט אַרונ־טער די זאַכען פון וואַנט) וואָס, איר פּאַקט זיך גאָר? איר מיינט איך האָב אויף צו'נ'אמת געוואָלט, אַז איר זאָלט מופען? איך האָב נאָר געשפּאַסט... איך האָב ניט קיין מורא פאַר אייער געלט.

ר אַ ז אַ ל י א : זאָל שוין בעסער דער פּיקעלמאַן אריינמופען אהערצו.

ב אַ ל ע ב אַ ס ט ע : בלייבט וואוינען דאָ, מיס ווהייט, כאָטש ביז וואַנען איר וועט אָפּפאָרען נאָך רוים צום פּרינץ... איך וועל אייך אויפהענגען אַ פּאָר נייע קויטענס. (ראָזאַליא שמייכעלט. ראָלאַנדאָ קומט אַן מיט אַ נייעם טשעמאָדאַן).

ו ו ה י י ט : (נעמט ארויס זיין פּאַקעט־בוק) נאַדיר, טאָכ־טער מיינס, פופציק דאָלער. ביז וואַנען דו באַקומסט די

צען טויזענד דאָלער, וועסטו דערווייל האָבען אויף הוצאות.

ר אָ ז אַ ל י אַ : איך דאַנק דיר פאָטער. — איך האָב שוין יעצט גענוג געלט. (לאַכט זיך פאַנאַנדער) אלע זיינען מיט אמאָל אזוי גוט געוואָרען צו מיר. די ציַיטונגען שרייבען וועגען מיר, ווילד פרעמדע מענשען גראַטולירען מיך, מען שטופּט מיר געלט, מען פאָטאָגראַפירט מיך, די מי־סעס וויל מיר זאָגאָר אויפּהענגען אַ פּאָר נייע קויטענס. און אַז מען איז אָרים און הונגעריג — טרייבט מען דיך אין גאַס, און מען טרעט דיך מיט די פיס...

ר אָ ל אַ נ ד אָ : אַ נייַם ענטדעקט, — אַן אַלטע גע־שיכטע.

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע : אַז איך האָב גאָר ניט גע־וואָלט, אַז איר זאָלט מופען. איך האָב נאָר געמאַכט שפּאַס.

ו ו ה י י ט : גיי וויַיס, אַז פאַר מאַלען מענטשעלאַך און הינטעלאַך זאָל מען וועלען געבען אזוי פיל געלט!

ר אָ ל אַ נ ד אָ : (נעמט דעם טשעמאָדאַן, גייט צום טיר) פאַרגעסט ניט, ראָזאַליאַ, אַז אַ טעקסי וואַרט אויף אייך!

ר אָ ז אַ ל י א : איך קום גלייך אַרונטער. (ראָלאַנדאָ אָפּ. ראָזאַליאַ טוט זיך אָן) נאַט אייך, מיסעס, די צוועלף דאָ־לער וואָס איך בין אייך שולדיג, און נאַט אייך נאָך צען דאָלער פאַר די שרעק וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט.

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע : (נעמט דאָס געלט) איך דאַנק אייך... איך דאַנק אייך זייער! (זי כאַפּט ראָזאַליאַ'ס האַנט, וויל עס קושען, ראָזאַליאַ לאָזט זיך ניט). לאָזט מיר, מיס ווהייט, איבער כאַטש איין פּיקטשע צום אנדענקונג.

ר אָ ז אָ ל י אָ : צו וואָס דאַרפט איר עס? — ביל־דער מאַכען נאַר און שמוץ אין הויז... גוד באַי!.. פאַ־טער דו גייסט?

וו ה י י ט : יאָ, שוין. (ראָזאַליא אָב. ווהייט הויבט אויף אַ בילד קוקט זיך איין). ווי געפעלט אייך עפּעס, מיסעס, די מאַלעריי?

ב אַ ל ע ב אָ ס ט ע : שוין איינמאַל אַ מאַלעריי, אַזאַ יאַר אויף מיר.

וו ה י י ט : מיט גאָלד צו גלייך. (זיי קוקען זיך אָן).

פאָרהאַנג.

ניו יאָרק, 1925.

אַ לענדליידי אין פאַנטאַזיע

(פּאָרם).

פ ע ר ז א נ ע ן :

מיסעס גאלד.
ברוך מענדל.

פרי מאָרגען.

אַ רייך מעבלירט צימער, ספּעציפישע פרויען אויסשטאַטונג. רייצענדע קאָלירען. אויף די ווענט בילדער פון אַקטיאָרען און אַקטריסעס. רעכטס — אַ טיר צום אַריינגאַנג. אין הינטערגרונד — אַ צווייטער צימער, וועלכער איז אָפּגעטיילט בלויז מיט פּאָרטירען. אַ פרויען טואַלעט, אַ טישעל, בענקלאַך, אַ ווייכע סאָפע. אין שטוב אַן אומאָרדנונג, עס וואַלגערען זיך קאָרסעטען, אונטערשטע קליידלאַך, וועש. מיסעס גאָלד איז ערשט נאָר לאַנג אויפגעשטאַנען. זי זיצט ביים שפּיגעל אין אַ געבלומטער קומאָנע און גרייזלט אירע האָר. דער טעלעפאָן קלינגט...

מ י ס ע ס ג אָ ל ד : האַלאָו!.. יאַ, מיסעס גאָלד. צו וועמען האָב איך די עהרע צו ריידען?.. מיסטער ראַ־זעטאַ פון דער וויקטאָריאַ פּליי האַוז! אַ, גוד מאָרנינג, מיסטער ראָזעטאַ! וואָס אַזוי פרי? עפּעס גוטע נייס?.. גוט... גוט... וואָס זאָגט איר? איך האָב נעכטען בּאַ דער פּראָבע געמאַכט אַ היט!.. איר מאַכט ניט קיין שפּאַס פון אַ פּראָווינציעלער אַקטריסע?.. ווי זאָגט איר, מיסטער ראָזעטאַ, איך שפּיל וואונדערבאַר... נו, גוט, גוט... ווי? איר האָט פאַר מיר אַ סורפּרייז; — וואָס אַזוינס?.. איך וועל שפּילן די הויפּט ראָל אין „די לוסטיגע לענדליידי"!.. אַי, גוט, אויסגעצייכענט! — קאָקעטירן און פלירטעווען איז מיין זשאַנר. נו, און מיין

נאָמען וועט זיין מיט גרויסע בוכשטאַבען אויף די פּאָס־טערם?.. ווי?.. אפילו אויף דער עלעקטריק סיין אויך?
— דאָס איז גוט, אויסגעצייכענט!.. ווי זאָגט איר? מען מוז דאָס נאָך היינטיגע וואָך אויפפיהרען? גוט... יאָ, די פּראָזע האָב איך, — איך האָב שוין אַמאָל די ראָל פון דער לענדליידי געשפּילט אויף דער פּראָווינץ... וואס? איר האָט שוין געשיקט צו מיר דעם סטאַר קאָמיקער, הער באָרוכמאַן, ער זאָל מיט מיר איינשטודירען די ראָל?.. גוט, גוט... וואָס? איך זאָל אים גוט אויפנעמען, ניט אויפרעגען, — ווייל ער איז אַ כעסן, אַ נערוועזער. גוט, איך וועל זיין צו אים אַזוי גוט ווי מעגליך... גוד באַי, גוד באַי... (אַ פּאַר'שכור'טע פון שמחה כאַפּט זי זיך מאַכען אָרדנונג אין צימער. זי זינגט און רעאַגירט אַ בעקאַנטע מעלאָדיע פון אַ אָפּערעטע... זוכט צווישען אירע העפטען, געפינט איינס, קוקט אַריין, דעקלאַמירט) „אַהאַ, דו ווילסט אַנטלויפען, דו אַלטער נאַר! דו אַלטער שאַרלאַטאַן! איך זע שוין, דו ווילסט זיך פון מיר באַפרייען, — אָבער ניין, ניט אַזוי לייכט וועט עס דיר אָנקומען... וויסען זאָלסטו, אַז מען האָט צו טאָן מיט בראָדווייער פייגעלאך, מוז מען טייער בעצאָלען... שוין זאָל מיר ווערען צוויי טויזענד דאלער!„ (מען קלינגט, זי לויפט צום שפּיגעל, פּאַרבט זיך, פּודערט זיך, מען קלינגט ווידער. זי גייט עפענען די טיר, קומט צוריק מיט אַ אָרים געקליידעט מאַן. ער טראָגט אַ קורצען בלויען אויסגעטראָגענעם ווינטערדיקען אויבער־רעקעל, מיט גרויסע קעשענעס, פון וועלכע עס שטעקט אַרוים

עטליכע אלטע ציימונגען. די הוט זיינע ליגט אים איבער'ן נאז. די הייזען שטארק פארשמירטע, די שיך צעריסענע).

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : מען מעג אריינגיין?

מ י ס ע ס ג א ל ד : קומט אריין.

ב ר ו ך מ ע נ ד ע ל : (מאכט א פאר טריט, מיט די הענט אין די קעשענעס) דא וואוינט מיסעס גאלדשטיין די לענדליידי?

מ י ס ע ס ג א ל ד : יא, דא וואוינט מיסעס גאלד די לוסטיגע לענדליידי... איר זייט שוין אזוי שנעל דא? קומט אריין, ביטע, זעצט זיך... ענטשולדיגט, ליבער קאלעגא, איך קום גלייך אריין. איך וועל זיך נאר איבער־טאן... (טראגט אים אונטער א שטול ביים טישל) זעצט זיך, איך בעט אייך! — קוקט דערוויל אריין אין אלבאם. (זי טראגט אים אונטער אן אלבאם) און זייט ניט בייז, איך קום באלד צוריק.

(מיסעס גאלד איז געהיילט אין צווייטען צימער. ברוך מענדל שטייט פארוואונדערט, קוקט זיך ארום, עפענט דעם אלבאם, באמערקט די האלב נאקעטע פרויען בילדער, פארקרימט זיך, און מאכט עס גלייך צו צוריק. דורך די פארטירען איז מערקבאר ווי מיסעס גאלד טוט זיך איבער. ברוך מענדל שאקעלט אן אונצופרידענער מיט'ן קאפ. מיסעס גאלד קומט אריין געשמאקלאז געקליידעט מיט א טיפער דעקאלטע).

מ י ס ע ס ג א ל ד : איך האב די עהרע זיך זעלבסט פארצושטעלען, מאדאם סאבינא גאלד, בארימטע סוברעטין, אויסגעצייכענטע דראמאטיסטען, וואונדערבארע טראגע־

דיסטען... (נייגט זיך) עס פרייט מיך זייער אייך צו זען! (שטעקט אים אויס די האנט. ברוך מענדל נעמט ארויס די הענט פון די קעשענעס, ווײל איר געבן, דערמאנט זיך אבער, אז עס איז ניט פאסיג פאר אים, כאפט זיי צו און שטופט ווידער אריין די הענט אין די קעשענעס. זי, פארצווייפעלט, קוקט זיך אין אים איין) ווי?.. איר זייט גאר גרימירט?... אט דאס הייסט איבער־געבענהייט צו דער קונסט! אויף אזוינס קאן נאר א ניו־יארקער אקטיאר זיין פעהיג... גו, זעצט זיך שוין, ליבער הער בארוכמאן!

ב ר ו ך מ ע נ ד ל: מיין נאמען איז ניט בארוכמאן, נאר ברוך מענדל.

מ י ס ע ס ג א ל ד: ענטשולדיגט, זייט ניט בייז, — איך האב געמוזט פארהערען.

ב ר ו ך מ ע נ ד ל: זאגט מיר, איך בעט אייך, זיינט איר דאס טאקע אליין די מיסעס גאלדשטיין, די ערשט ניט לאנג אויפגעקומענע לענדליידי?

מ י ס ע ס ג א ל ד: יא, איבערנאכט בין איך גע־ווארען א לענדליידי. אבער ביטע, ליבער טאלאנטפולער, ברוך מענדל, זעצט זיך, איך בעט אייך.

ב ר ו ך מ ע נ ד ל: מילא, אז איר בעט זיך ביי מיר אזוי פיל, וועל איך אייך טאן די טובה. (זעצט זיך).

מ י ס ע ס ג א ל ד: האט איר, ליבער קאלעגע, גע־זען מיינע פארשידענע פאזעס? — דאס איז אלץ הויפט־ראלען, אין וועלכע איך האב זיך אויסגעצייכענט. (זי וויל עפענען דעם אלבאם).

ברוך מענדל: ניין, ניין! מוחל, מוחל, — מען דארף ניט!..

מימעס גאלד: נו, ענטשולדיגט מיר!... זייט ניט בייז, ליבער טאלאנטפולער, ברוך מענדל: מיר פראָ־ווינציעלע שוישפילער האָבען אַ געוויסע שוואַכקייט פאַר פאָרטרעטען און רעקלאַמע.

ברוך מענדל: איך פארשטיי אייך ניט.

מימעס גאלד: (אין פאַרלעגענהייט) ווילט איר פיליכט אויסטאָן אייער העמד?

ברוך מענדל: ניין, דאָס ניט. די העמד טו איך ניט אויס.

מימעס גאלד: (זעצט זיך אויף דער סאָפע) ענט־שולדיגט, זייט ניט בייז. אויב איר ווילט ניט, דארף מען נישט. איך האָב בלויז געמיינט אייער באַקוועמליכקייט... (אונאַנגענעמע פּאַוזע) ווילט איר זיך, פיליכט, מיין ליבער הער קאמאראד, זיך זעצען אַט דאָ לעבען מיר אויף דער ווייכער סאפע?

ברוך מענדל: ניין, ניין... מיר איז דאָ אויך גוט.

מימעס גאלד: נו, זייט זשע נישט אַזוי דע־נערווירט, איך בעט אייך... איר ווייסט דאָך שוין מסתמא פון מיין גליק? מיסטער ראָזעטאַ האָט מיך ערשט אָפגערו־פען און האָט מיר אנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז איך שפּיל די „לוסטיגע לענדליידי". ער האָט מיר אויך גע־לאָזט וויסען, אַז ער שיקט אייך גלייך צו. אַ, דאָס פרייט מיך זייער!...

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : ניט מיסטער ראזעטא, נאר מיסטער ראזענבערג האט מיך געשיקט צו אייך. ער האט מיר טאקע געזאגט, אז איר זייט א רייכע לענדליידי, אן אויפגעקומענע אלרייטניצע, און איר דארפט א דזשע־ניטאר, א סופערטענדע מיין איך, אין אייערע הייזער אפ־טאון.

מ י ס ע ס ג א ל ד : יא, יא, א רייכע לענדליידי, א אויפגעקומענע אלרייטניצע. יא, מיין ליבער הער. עס גייט מיר דא גוט ביי אייך אין ניו יארק. ערשט צוויי וואכען, אז איך בין פון טעקסעס און איך האב שוין א אנגאזשמע. עפעס א קלייניגקייט צו שפילען די הויפט ראל אין דער וויקטאריא! איר ווייסט, ליבער פריינד, מיין נאמען וועט דאך שיינען מיט גרויסע עלעקטרישע בוכשטאבען איבער גאנץ בראדוויי!...

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : ווער עס פארגינט אייך ניט, זאל אליין ניט האבען... יא, א סך רייכע מענשען שפילען א גרויסע ראל אויף בראדוויי.

מ י ס ע ס ג א ל ד : האט איר, קאלעגע, נעכטען בייגעוואוינט מיין פראבע? ווי דענקט איר, איך האב געמאכט א היט?

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : זעט איר, מיין לענדלער דארף זיך שוין מיט אזוינע זאכען ניט באדערען. איך רוף ניט פאר יעדער קליניקייט דעם פלאמבער: איך פיקס אליין די סטים היט.

מ י ס ע ס ג א ל ד : איר האט מיך ניט גוט פאר־שטאנען. איך מיין, צי זייט איר נעכטען געווען ביי מיין

אויפטריט אין דער וויקטאריא? אַ יאַ, איך האָב זיך אויסגעצייכענט?

ברוך מענדל: איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען. איך בין ברוך השם, מיסעס, אַלעמאָל ביזי. מיין הויז אויף ריווינגטאָן סטריט ענטהאַלט זיבען און צוואַנציג טענער, און יעדער טענער האָט ניט ווייניגער פון אַ האַלבען טוצען קינדער און דריי פיר באָרדערס. דערצו האָט נאָך נעכטען געפּלאַצט באַ אונז אַ פּייפּ פון די הייסע וואַסער, עס איז געוואָרען אַזעלכע קולות און יללות אַז מען האָט זאָגאַר געקענט פאַרגעסען אָן דער באָבעס ברית.

מיסעס גאָלד: איך מוז אייך מאַכען אַ קאָמ־פּלימענט, ליבער, טייערער, קאַמאראַד, אָבער ווערט ניט בייז. איר זענט אַ וואונדערבאַרער שוישפּילער, אַ זעלטענער כאַ־ראַקטער קאָמיקער. איר האָט זיך מסתמא, אַזוי שטאַרק אריינגעלעבט אין אייער ראָל, אַז קיין אַנדערע פּראָזע קומט אייך ניט אויפ׳ן געדאַנק. אָבער וועמען, איך בעט אייך, אימפּערסאָניפּיצירט איר?

ברוך מענדל: אַזעלכע גרויסע ווערטער, מי־סעס, פאַרשטיי איך ניט, — רעדט פּראָסט, וועל איך ווי עס איז פאַנאַנדערקייען.

מיסעס גאָלד: איך מיין, וועמען מאַכט איר נאָך? אָדער וואָס פאַר אַ טיפּ שטעלט איר פאָר? נאָך מיין מיינונג דאַרף עס זיין אַ טראַגיש קאָמישע ראָל.

ברוך מענדל: מיסעס לעבן, עס חלומ׳ט זיך אייך עפּעס ניט קיין גוטע!... אָדער אפשר טרייבט איר גאָר פון מיר קאַטאָוועס?

מ י ס ע ס ג א ל ד : זייט ניט בייז, ליבער, טאַלאַנטפולער קאָלעגע! קיין קאָמאָוועס, גאָט באַהיט!... איך מיין עס ערנסט, איר שפּילט אויסגעצייכענט, איר שפּילט וואונדערבאַר.

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : וואָס מיר שפּילן? ווען מיר שפּילן? — עס שפּילן די גרילן, עס לויפען די שלייפען, עס טאַנצען די מאַראַנצען...

מ י ס ע ס ג א ל ד : בראַוואָ, מאַסיע ברוך מענדל! בראַוואָ, בראַוואָ! איך זע שוין איר קאָנט אייער ראָל אויפּאויסוועייניג... (דערמאַנט זיך) איר האָט נאָך אודאי גאָר ניט געהאַט אין מויל? איר וועט זיך געוויס נישט ענטזאַגען פון אַ הייסער טאַסע קאַפע!

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, מיסעס. איך בין שוין ברוך השם צוויי און צוואַנציג יאָר דזשעניטאָר אין אַמעריקע. איך האָב שוין דאָ באַגעגענט כלערליי שלעק און אַנשיקענישען, אָבער אַז אַ לענדליידי זאָל אַן אונזערען בעטען זיצען און טרינקען קאַפע, אַזוינס האָט נאָך מיר ניט געטראָפען... עפּעס קוקט מיר אויס די גאַנצענע מעשה פאַרדעכטיג.

מ י ס ע ס ג א ל ד : (הויבט זיך פלינק אויף, נעמט אַן ברוך מענדלען קאָקעטיש ביי די אַקסלען, ער דערשרעקט זיך). מיסטער, ברוך מענדל, איר זיינט אַ וואונדערבאַרער טאַלאַנט, איר זיינט אַ געניאַלער, רעאַליסטישער, כאַראַקטער שוישפּילער! ניט אומזיסט זיינט איר געקרוינט, אַלס דער סטאַר קאָמיקער פון דער וויקטאָריאַ... איר וועט מיר דאָך ענטשולדיגען אויף איין מינוטעלע. (אָפּ. געחוילט, ער קוקט זיך

ארום פארדעכטיג, טאפט ביי זיך אין די קעשענעס, שלעפט פון דארט ארויס א צוריבענע געלט ביימעלע, שטופט עס אין בוזים אריין. הויבט אויף די הוט, בלייבט אין א יארמולקע, ווישט זיך דעם שוויים פון שטערען מיט א קאלירטער טיכעל, טוט אן די הוט. מיסעס גאלד קומט צוריק מיט א טעצעלע אויף וועלכען עס געפינט זיך קאפע, געבעק...).

מיסעס גאלד: אט האט איר א הייסע טאסע קאפע, פארזוכט, איך בעט אייך.

ברוך מענדל: א גרויסען דאנק אייך, אז איך וויל טרינקען האב איך דערצו מיין אייגען היים.

מיסעס גאלד: (טראגט אים אונטער סיגארעטס) נו, טא פארויכערט כאטש פון מיינע ווייבערשע סיגא־רעטס.

ברוך מענדל: (שטופט אפ פון זיך די סיגארעטס) מוחל, מוחל...

מיסעס גאלד: נו, זייט נישט אזא שלעכטער!.

(זי פארויכערט א סיגארעט, קאקעטירט, בלאזט אויף אים דעם רויך).

ברוך מענדל: זאגט מיר, איך בעט אייך, מיסעס לעבן, איר ווייסט, אז איך בין א פארהייראטער מאן? א טאטע פון קינדער?...

מיסעס גאלד: וואס גייט עס מיך אן, צי איר זיינט יא פארהייראט, אדער ניט פארהייראט, בא אונז אקטיארען איז עס א קלייניגקייט. זאגט מיר בעסער, ליבער קאמאראד ווי לאנג שטייט איר אין דינסט בא אייער יעצטיגען אימפרעסאריא?

ברוך מענדל: בא וועמען אין דינסט?

מ י ס ע ס ג א ל ד : בא אייער יעצטיגען באלעבאס מיין איך.

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : (בארויגט זיך אביסעל) אט אזוי, אז איר רעדט ביזנעס, איז גאר אנדערש... שוין עלף יאר, א דאנק גאט, ביי איין לענדלער. נישקשה, איך בין שוין א עקספּירענס דזשעניטאר. ענטשולדיגט, ביי אייך אפּטאן הייסט עס סופּערטענדע... איר פארשטייט, מיסעס? — איך קאן מאכען הייסע וואסער, קאלטע וואסער, סטים היט און אויך פּלאמבינג ריפּערס, מיין טאכטער קאן ענטפערען דעם טעלעפאן. מיט איין װארט, א אל־ע־ראונד פוירסט קלעס דזשעניטער.

מ י ס ע ס ג א ל ד : אזא טאלאנט ווי איר מוזט קריגען א גרוים געהאלט?

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : א דאנק גאט, ניט צו פארזינדיקען. איך קריג דריי רומקעס אין בייסמענט פריי און נאך ניין דאלער א חדש צוגעצאלט. וואלט דאך געווען גוט, הייסט אויף צו להכעים דער דאקטער מופען אפּטאן, און דוקא ניט ווייט פון צענטראל פּארק, ווייל מיין אידענע הוסט מיט בלוט, ניט פאר אייך געדאכט.

מ י ס ע ס ג א ל ד : נו, און וויפיל, דענקט איר, וועל איך קריגען גאזשא?

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : איר, א לענדליידי, דארפט מאכען שווערע טויזענדער.

מ י ס ע ס ג א ל ד : אזוי? שווערע טויזענדער!

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : איך האב ערשט ניט לאנג געהערט פון איינער א פרוי, געווען איז זי א פּראסטע דזשע־

נימערקע ערגעץ אויף פיט סטריט, האט איר גאט גע־האלפען איז זי אריינגעקראכען אין די ריעלעסטייט ביז־נעס און האט געמאכט אין א קורצער צייט א גאנצען מילאן. הערט איר, מיסעס, צו אלעם דארף מען האבען מזל...

מ י ס ע ס ג א ל ד : אבער גענוג שוין אייך, הער ברוך מענדל, צו מאכען שפאס פון א פראווינציאלקע!

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : מיסעס לעבן, זייט ניט אין כעס, זאל מיך נעמען דאס חלאת, אויב איך מאך שפאס: איך זאג נאר אז גאט וויל שיסט א בעזים.

מ י ס ע ס ג א ל ד : בראווא, גוט! אויסגע־צייכענט! אבער לאמיר אנפאנגען שטודירען מיין ראל. ווי איר ווייסט דארף עס נאך היינטיגע וואך פארטיג ווע־רען, און פאר דאס ניו יארקער פובליקום שרעק איך מיך זייער... זאגט מיר דעם אמת, ליבער קאמאראד, ווי דענקט איר, איך וועל מאכען א היט אין דער ראל פון דער לענדליידי? אבער נאר דעם ריינעם אמת... נו, און מיין פיגור, און מיין אויסזען געפעלט אייך?

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : (דערשראקן) וואס האט איר מיר צו געפעלען! איך האב א דאנק גאט ווער עס זאל מיר געפעלען. וואסי, א קראנקע ווייב מיט אכט קינדער איז נאך ווייניג?

מ י ס ע ס ג א ל ד : (רירט אום אן קאקעטיש) הערט שוין אויף צו שפאסען, איר בוק קאמיקער וואס איר זיינט. עס מוז דאך אמאל נעמען א ענדע צו דער קאמעדיע. נו, ארויס מיט פראזע!

ב ר ו ך מ ע נ ד ל: מיסעס לעבען, איר זאָלט זיך בעסער אויפהערן טשעפּען צו מיר! איר האָט ניט גע־טראָפען דעם ריכטיגען קאַסטימער. איך בין אַ עהרליכער איד און מיט אייערע זיסע ריידעלאַך וועט איר מיר ניט פאַרדרייען דעם קאָפּ. אוי, די אַפּטאָגער ווייבער!...

מ י ס ע ס ג אָ ל ד: (דערצאָרנט) אַלעם דאַרף דאָך האָבן אַ מאָס. איך בין טאַקע אַ קליינשטעטלדיקע אַקטרי־סע, אָבער צופיל חוזק מאַכען דאַרף מען ניט. פוי, נישט שוין!...

ב ר ו ך מ ע נ ד ל: יאָ, איר שרייט נאָך? איר זייט נאָך גערעכט? איר האָט געמיינט, אַז איר האָט דאָ געכאַפּט אַ העכט, אַ סאָקער... נישקשה, איך בין ניט קיין גרינער, איך בין צוויי־און־צוואַנציג יאָר דזשעניטער אין אַמעריקע, איך האָב געהערט פון אייך אַפּטאָגער פייג־לאַך... אַלזאָ, איך גיי שוין. איך זע שוין, אַז איך וועל ביי אייך אַ דזשענעטער דזשאָב ניט קריגן. (ער וויל זיך אויפהויבן, זי לאָזט אים ניט).

מ י ס ע ס ג אָ ל ד: זיצט, זיצט!.. נו, זענט ניטש בייז, איר קאַפּריזנער, צובאַלעוועטער יונג. הער ראָזעטאַ האָט מיר טאַקע געזאָגט אַז איר זיינט אַ נערוועזער, אַ אויפגערעגטער, אָבער אום גאָטעס ווילען לאָמיר אָנפאַנגען שטודירען.

ב ר ו ך מ ע נ ד ל: מיסעס לעבן, וואָס דרייט איר מיר אַ ספּאָדיק? איך בין צו אייך ניט געקומען שטו־דירען. זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר האָט פאַר מיר אַ דזשאָב, צי ניט?

מיסעס גאלד: וואס פיר א דזשאב?

ברוך מענדל: א דזשעניטער דזשאב, א סופערטענדע.

מיסעס גאלד: איך האב דאך אבער ניט קיין הייזער אין דער ווירקליכקייט, איך בין דאך נאר א לענדליידי אין פאנטאזיע.

ברוך מענדל: איך האב באלד פארשטאנען, אז דא איז עפעס ניט גלאט. אז א פרוי שטופט די הענט און גיט קאפע איז שוין א שלעכטער סימן... היינט פאר וואס זשע, מיסעס, האט איר מיר געזאגט, אז איר זייט א לענדליידי?

מיסעס גאלד: איר פארשטייט, נאאיווער קאמיקער וואס איר זיינט, איך האב נישט קיין הייזער, נאר איך שפיל די ראל פון א לענדליידי.

ברוך מענדל: איך האב ליב די שטיק, מען האט ניט קיין הייזער און מען שפילט די ראל פון אלענדליידי. אוי, א וועלט געווארען!

מיסעס גאלד: איך זע, אז מיט אייך וועט ניט נעמען קיין ענדע, זא פאנג איך אן אליין מאכען פראבע (זי נעמט א העפט, בלעטערט) איר, הער ברוך מענדל, שפילט ביטע, די ראל פון דעם אלטען אויסגעלאסענעם מיליאנער, דעם הער גאלדענפאס. די סצענע קומט פאר ביי אייך אין אפיס. איר זיינט איינער אליין.

ברוך מענדל: אז איך הויב ניט אן צו פארשטיין וואס איר ווילט פון מיר!

מיסעס גאלד: נו, איך פאנג שוין אן (שטעלט

זיך אויף, פאַזירט) אָ, האַלאָ, מיין ליבער טייערער הער גאָלדענפאַס, וואָס מאַכט איר עפּעס? שוין גאַנצע דריי טעג ווי איך האָב אייך נישט געזען. אח, ווי איך האָב געביינקט נאָך אייך! אָבער וואָרום קוקט איר אויס אַזוי טרויעריג, פאַרזאָרגט? לוסטיג זיין, פריילין זיין דאַרף מען. אַז לעבן זאָל זיין געלעבט! איין מאָל לעבט מען. פייף אויף אַלעמען גאָלדענפאַס! כאַ־כאַ־כאַ... אַ יאָ, היינט גייען מיר ווידער אויס אויף בראָדוויי? ווידער לעבען, ווידער טאַנצען, ווידער טרינקען. זי גיט ברוך מענדל'ען אַ קיצל, ער דערשרעקט זיך) שרעק זיך ניט, מיין טייערער, נעם ברודער פון לעבען וויפיל דו קאַנסט... צוערשט, טייערינקער, וועלען מיר גיין זען די לוסטיגע רייצענדע מיידעלאַך פון די „פאַליעס“ נאָך דעם וועלען מיר גיין טרינקען און טאַנצען אין דעם פאַנטאַסטיש טונקעלען „טשייניז דע־וויל“... כאַ־כאַ־כאַ עס איז אַ טייער וועלט, אַז מען האָט דאָס געלט... (זינגט אַ געוויסע לידעל פון אַ אָפּערעטאַ) נו, און וואָס פאַר אַ תירוץ האָסטו געגעבען דיין אַלטיטש־קער פאַר דעם וואָס דו ביסט געקומען דריי פאַרטאָג אַ שכור׳ער? אָבער שרעק זיך ניט, ליבער פריינד מיי־נער, אַלעס ווערט זיין גוט און פיין — מען דאַרף נאָר וויסען ווי זיך צו באַגיין מיט אונז פרויען, און דאַן איז אַלעס שאַ, שטיל... דו ווייסט, טייערינקער, איך האָב צו דיר אַ ביטע, איך וויל פון דיר קריגען אַ קליינעם פּרע־זענט. עס פעלט מיר אויס מאָרגען צו אַ צאָלונג אויף אַ מאָרטגעדזש צוויי טויזענד דאָלער. אַ יאָ, ליבענקער, טייע־רינקער, דו וועסט עס מיר ניט ענטזאָגען!

ברוך מענדל: וואס ווילט איר פון מיר?

מיסעס גאלד: א טשעק אויף צוויי טויזענד דאלער, א ניט דערציי״ל איך אלעס דיין פרוי, אניט מאך איך דיר אזא סקאנדאל, אז דו וועסט ניט קאנען א גאס דורכגיין!..

ברוך מענדל: (לאזט זיך צום טיר, שרייט) גוואלד, אידען, ראטעוועט! העלפט!

(מיסעס גאלד פארשטעלט אים די וועג, פארשליסט די טיר).

מיסעס גאלד: אהא, דו ווילסט אנטלויפען, דו אלטער נאר! דו ווילסט זיך פון מיר באפרייען! ניין, נישט אזוי לייכט וועט עס דיר אנקומען. פארשטייסטו מיך, אז מען האט צו טאן מיט בראדווייער פרויען, מוז מען גוט באצאלען. שוין זאל מיר ווערען צוויי טויזענד דאלער!...

ברוך מענדל: וואס האט איר צו מיר גזלנים! וואס פאר א צוויי טויזענד דאלער? העלפט! ראטעוועט!.. (דער טעלעפאן קלינגט).

מיסעס גאלד: (הערט אויף צו עקטען) ענטשולדיגט מיר, הער ברוך מענדל, איך וועל נאר ענטפערען דעם טעלעפאן, וועלען מיר ענדיקען... א יא, מיר האבען די סצענע וואונדערבאר דורכגעפירט? (דער טעלעפאן קלינגט ווידער, זי ענטפערט) האלא... יא, ווער? מיסטער בארוכמאן פון דער וויקטאריא. (קוקט זיך אום אויף ברוך מענדל׳ען פארשעמט) ווי? צי מען קאן שוין צו מיר ארויפקומען? יא, מען קאן, מיט׳ן גרעסטען פארגעניגען... איך בין

פאַרטיג אייך אויפצוזוכן... (ברוך מענדל שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) גוט, קומט, איך ערוואַרטע אייך אומגעדולדיג... גוד באַי.

מ י ס ע ס ג אָ ל ד : (פילט זיך באַנאַרעשט) אַזוי גאָר? אַבי איך האָב געמיינט...

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : וואָס, מיסעס, איר האָט שוין געקעטשט אַ נייעם סאָקער? נישקשה, מיט מיר וועט איר ניט פאַרפירען קיין מאַנקי ביזנעס: איך בין ניט קיין גרינער.

מ י ס ע ס ג אָ ל ד : ענטשולדיגט מיר, מיסטער. איך האָב געמאַכט אַ טעות. איך האָב אייך אָנגענומען פאַר אַ צווייטער פערזאָן.

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : נאָך אַלץ הייסט אַ טעות. ווען איר דער׳הרג׳עט מיך דאָ אויפן אָרט וואָלט איר מער ווי פינף און אַכציג סענט ביי מיר ניט געפונען.

מ י ס ע ס ג אָ ל ד : איך דענק אָבער, אַז איר האָט אויך געמאַכט אַ טעות. זאָגט מיר, רב איד, וועמען זוכט איר?

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : וואָס הייסט וועמען זוך איך! (שלעפּט אַרויס אַן אַדרעס, קוקט אַריין) איך זוך מיסעס גאָלד־שטיין די לענדליידי פון זעכציג וועסט הונדערט און אַכ־צענטע סטריט.

מ י ס ע ס ג אָ ל ד : איר זענט טאַקע אין זעכציג וועסט, אָבער נישט אין הונדערט און אַכצענטע, נאָר הונ־דערט און אַכטע סטריט.

ב ר ו ך מ ע נ ד ל : הייסט עס, אַז איך בין ניט

אין ריכטיגען פלאץ אריינגעפאלען? הײנט װאס זשע האט איר זיך צו מיר געטשעפעט?

מ י ס ע ס ג א ל ד: איך האב געמײנט, אז איר זײנט אן אקטיאר.

ב ר ו ך מ ע נ ד ל: א? װאס?

מ י ס ע ס ג א ל ד: אן אקטיאר, אזעלכער װאס שפילט טעאטער.

ב ר ו ך מ ע נ ד ל: א, אן עקטער. אלע בײזע חלומות צו מײנע שונאים'ס קעפ! עס פעלט נאך מיר א עקטער צו זײן... גוד באי מיסעס, איך װינש אײך גליק.

(ברוך מענדל אפ).

פארהאנג.

1926, ניו יארק